STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09707

IN YOKH

David Kazanski

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דוד קאזאנסקי

אין יאָך

פאַרלאַג אינזל ניו יאָרק

1935

דוד קאַזאַנסקי: אַרום און אַרום, ראָמאַן
אין פֿינף ביכער. בוך איינס: טריפֿהנע
בלוט. בוך צוויי: בלינדער מזל. בוך
דריי: אין יאָך. בוך פֿיר: דער מחותּן
ר׳ יאָסעלע ראַפּאַפּאָרט. בוך פֿינף:
דער דעמב אָן יורשים.

Copyright by D. Kazansky
New York, N. Y.
1 9 3 5

אין יאָד

I.

ביי לייזער-בערן זילבערט זיך שוין די באָרד, און די ברייטע פּלייצעס זיינע קלאַמערן אים ניט איין, נאָר מאַכן פּאַר אים א ווארע, מאַכן אים תקיף ביי זיך, און מלכה לעבן אים איז אזא, אז ער דאַרף זי א גלעט טאָן — פון רחמנות-וועגן. נאָר מלכה שטייט אויף אירע צוויי דינע פיס, האַלט אויסגעצויגן דעם האַלדז, און קוקן קוקט זי מיט אויגן, וואָס זיינען מיידלש-צעשראָקן, און אָן אָנגעלאָדענע ביז שווערקייט לאָזט זיך ביי לייזער-בערן אראָפּ די האַנט זיינע, און מיט צעשפּרייטע פינגער נעמט ער שטאַרק אריין די גלאָז, גיט א זופּ די קאַלטע טיי, ווי ביטערן וויין, און רוקט עס מיט ביטערקייט אָפּ פון זיך.

מלכה ווערט ווי דער אומעט פון א שטומען, און לייזער-בער גיט נאָכאַמאָל א זופּ די קאַלטע טיי, און אויפן טיש שטייט דער גבירישער סאַמאָוואר, אן אויסגעשייערטער ווי א שפּיגל און א קאַ-ביקער ווי א קעסל, אז ער וועט באַלד אראָפּטאַנצן פון טיש און וועט אינגאַנצן ארויסטאַנצן פון שטוב ארויס...

לייזער-בער גיט א פּיר איבער מלכהס פּלייצע, אז מען ווייסט ניט, צי האָט ער זי א גלעט געטאָן, אָדער אָפּגעשטויסן פון זיך, און די האַנט זיינע פאַלט גלייך צוריק אראָפּ ווי אן אונטערגע-שניטענע, און מלכה פאָלגט אים אזא ווי זי איז, זי גייט זיך לייגן

שלאָפֿן, און לייזער-בער קוקט איר נאָך, ווי זי גייט פֿון עסשטוב ארויס, און ער ווייסט ביי זיך: ער האָט אַ קראַנקן זון און אַ קראַנקע ווייב.

פֿריער מיט יאָרן, ווען שמואלקע, דער זון זייערער, איז נאָך געווען אַ קינד, איז מלכה איינמאָל געשטאַנען ביי זיין וויגל, האָט אים אויסגעקושט זיין יעדן אבר, האָט אים אויסגעגלעט זיין יעדן ביינדל, און פּלוצלינג האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן, האָט ארויסגעלאָזט פֿון זיך אַ געשריי, און ר׳ חאַצע, דער טאַטע אירער, דעם קינדס זיידע, איז גלייך אריינגעלאָפֿן צו זיי אין חדר. מלכה איז געשטאַנען ווי אונטער אַ האָגל, און דאָס קינד איז געלעגן מיטן בייכל אראָפּ, האָט זיך געצויגן מיט די הענטלאַך, האָט געקלאַפּט מיט די פיסלאַך, און ר׳ חאַצע האָט אַ פֿיר געטאָן מיט די שפּיץ פֿינגער איבער דעם קינדס פּלייצקע, ווי ער וואָלט נאָך געמוזט אָנטאַפּן דאָס, וואָס ער האָט שוין געזען, און דערנאָך איז געקומען דער דאָקטאָר, און דער דאָקטאָר האָט גוט ארומגעקוקט דאָס קינד און האָט פֿארטראַכט ארויסגערעדט צום סוף, אַז יאָ, עס וואַקסט טאַקע אַ האָרב.

לייזער-בער האָט געזאָגט דעם דאָקטאָר אַ דאַנק, האָט אים ארויסגעבאַגלייט פֿון שטוב ארויס, און ערשט דערנאָך, ווען דער דאָקטאָר איז שוין אַוועקגעגאַנגען, האָט זיך לייזער-בער צוריק אומגעקערט מיט רואיקע טריט, ווי פֿון אַ באַלעבאָס, און האָט שווער אַ זעץ געטאָן אין טיש, אַז ער וועט לויפֿן קיין קיעוו, צו פּראָפֿעסאָרן, ער וועט ראַטעווען!

נאָר מלכה האָט ארויפֿגעוואָרפֿן אויף זיך אַ שאַל, איז ארויס פֿון שטוב און איז אַוועק אויפֿן בית-עולם. די זון איז נאָך הויך געשטאַנען אויפֿן הימל, און דער אַלטער קברות-מאַן האָט געשפּאַנט מיט מלכהן צווישן די קברים, ווי מען פֿירט אַ קינד דורך אָפֿענע פֿעלדער, און איבערן בית-עולם האָבן זיך געוויגט פֿעטע גראָזן, ווי די זאַנגען, וואָס האָבן פֿארשטעלט די מצבות, און דאָס האָט האָט נאָך מער געשראָקן, ווי פֿון אַ באַהעלטעניש ארויס, און דער אַלטער קברן האָט זיך פּלוצלונג אָפּגעשטעלט און האָט שטום אָנגעוויזן מיט אַ פֿינגער אויף אַ זייטיקן קבר. מלכה האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, אַז זי ווייסט, און דער קברן האָט זי איבערגעלאָזט אַליין,

און אוועקגעגאנגען איז ער פונקט אזוי, ווי ער איז געגאנגען אהער, און מלכה האָט איבערגעוואַרט ביז עס האָבן זיך מער ניט געהערט זיינע טריט, און דערנאָך איז זי צוגעפאַלן צו קלמנס פרישן קבר, און צו פארנאַכט-צו, אַז זי איז פון בית-עולם געקומען אהיים, זיינען שטאַרק ביי איר איינגעבויגן געווען די פּליִיצעס אירע, ווי זי וואָלט שוין פון לאַנג געטראָגן אויף זיך דעם שווערן מזל, דעם יאָך, וואָס איז איר באַשערט.

מלכה האָט מער ניט געהאַט קיין קינדער, עס האָט זיך ביי איר פאַרשלאָסן די ערד, און שמואלקע איז געוואַקסן אַן איינאונאיינצי-קער ביי זיין טאַט-מאַמע און מיט אַ האָרב אויף די פּלייצעס, און ביי לייזער-בערן האָט זיך געזילבערט די באָרד, ווי עס קאַרבט זיך אַ בוים מיט יעדן יאָר, וואָס פאַרגייט.

און אַז שמואלקע איז שוין געוואָרן אַ דערוואַקסענער בחור, האָט אים דער טאַטע איינמאָל צוגערופן צו זיך, און אויפן טיש איז געלעגן די אָנגעגרייטע מתנה, און די מאַמע איז אויך געווען דערביי, און די דינסט אפילו האָט אויך אַריינגעקוקט אין עסשטוב מיטן שבתדיקן טיכל אויפן קאָפּ, און דער טאַטע האָט גערעדט צו אים אָפּגעריסן און מיט אַ שווערן אָטעם, נאָר די ווערטער, וואָס ער האָט געזאָגט זיינען געווען פולע, אָנגעגאָסענע, ווי די זאַפטיקע פּירות, וואָס רייסן זיך און פאַלן שווער פון דעם בוים אַראָפּ, אַז ער, שמואל-קע, איז שוין אַ פאָלנער מענטש, ער איז שוין אַכצן יאָר אַלט גע-וואָרן, און דער פאָלנער מענטש האָט געזאָגט אַ דאַנק דעם טאַטן, האָט זיך צעקושט מיט דער מאַמען, און די דינסט דאָרט, אויפן שוועל, האָט שטיל אויסגערופן מיט צונויפגעלייגטע הענט:

— זאָל דער אויבערשטער געבן, מען זאָל דערלעבן אויף שמחות, טאַטע אין הימל!

שמואלקע האָט אַ לאַנגן פּנים מיט אַ שפּיץ, אַ דאַרע האַלדז מיט אַ שאַרפן, אַן אַרויסגעשטופּטן גאָרגל, נאָר די ליפּן זיינען ביי אים מיידלשע, און אויגן האָט ער, וואָס בייטן זיך אָפט, — אָט זיינען זיי געל און אַלט און שלעכט, און אָט גיסן זיי זיך איבער אין בלוי און קינדיש, אַז ביי לייזער-בערן ווערט ליכטיק פון דעם אויף דער נשמה.

און לייזער-בער קוקט אים דעמאָלט נאָך, און שמואלקע גייט זיך אַוועק אויפן שפּאַציר, און דאָרט באַגעגנט ער זיך מיט זיינע

חברים און באקאנטע, וואָס אַלע זיינען זיי, דוכט זיך, אַזוי יונג ווי ער, און ער איז, דוכט זיך, אַזאַ ווי זיי אַלע זיינען, און ער ברעכט ביז וויטיק זיין הארטע, האַרבאַטע פּלייצע, נאָר גיין גייט ער אַ גליי־כער ווי אַ סטרונגע און אַן אויסגעפּוצטער ווי אַ חתן־בחור. ער לאַכט, ער רעדט, און גראַדע אויף אַ גראָבן קול, מיט אַ באַס, נאָר פּלוצלונג גיט זיך ביי אים עפּעס אַ דריי־איבער אין גאָרגל, און דער געלעכטער זיינער גייט שוין איבער אין אַ פּישטש, ווי אַ פאַרשטיק־טער קוויטש, ווי עס רעדט אַן אַלטער האַרבאַטש. דער קוויטש הערט זיך נאָך לאַנג, און שמואלקע כאַפּט זיך שיר ניט פאַרן קאָפּ מיט ביידע הענט, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט פאַרשטעלן די אייגענע אויערן, נאָר עס ווערט מיטאַמאָל אַזוי שטיל, אָט ווי זיי אַלע אַרום אים וואָלטן אויך אויפגעהערט צו אָטעמען, און שמואלקע דער־שלינגט הארט אַ שטיק לופט, און זיי אַלע שווייגן וויטער אַרום אים, ביז איינער רופט זיך שטיל אָפּ, ווי אַ שולדיקער:

— אַ גוטע נאַכט...

ער גייט אַוועק, דער איינער, און נאָך אים רוקט זיך שוין אויך אַוועק אַ צווייטער און אַ דריטער און אַ פערטער, און שמואל־קע בלייבט אַליין, און ער שפּאַצירט שוין ניט מער איבער דעם ליכ־טיקן פּראָספּעקט, נאָר ער פאַרנעמט זיך מיט אַ זייטיקער גאַס, וואָס איז ליידיק, און מיט דער ליידיקער גאַס קומט ער צוגיין אַהיים. און דאָ, ביי זיך אינדערהיים, גייט ער דורך פאַרביי דעם טאַטן מיט דער מאַמן, ווי ער וואָלט זיי געשטאַכן אין די אויגן אַריין מיט זיין גרויסן, אויסגעוואַקסענעם האַרב, וואָס פאַרנעמט איצט די גאַנצע פּלייצע, ווי אַ כעס פּילט אַמאָל אָן די גאַנצע נשמה. דער האָרב זיינער שפּאַרט זיך מיט צוויי באַזונדערע שפּיצן, ווי אָפּגעטיילט אין צוויי באַזונדערע חלקים, און שמואלקע גייט אָט־אַזוי אַריין צו זיך אין חדר, פאַרמאַכט, אָן אַ זעץ, נאָך זיך די טיר, און ביי לייזער־בערן גיסן זיך אָן די אויגן, און מיט אַ רויטן, אָן אָנגעגאָסענעם פּנים קוקט ער דערנאָך צו מלכהן און זאָגט איר גאַליק, ווי ער וואָלט זיך געריצט מיט איר, ווי ער וואָלט איר אויס־געוואָרפן:

— דער זון דיינער!

מלכה פאַרענטפערט זיך ניט פאַר אים, זי האַלט ווייטער אויס־געצויגן דעם האַלדז אירן, קוקט ווייטער מיט אויגן, וואָס זיינען מיידליש־צעשראָקן, אַזוי ווי פריער, אַזוי ווי אַלעמאָל, נאָר ענט־פערן ענטפערט זי אים שטיל און רואיק און צו דער זאַך:

— האָסט עפּעס געזאָגט?

לייזער־בער וויל אויסשיסן אין אַ געלעכטער, נאָר אין דער גאַנצער שטוב איז אַזוי שטיל, אַז עס נעמט־אָפּ דאָס לשון, און ער שווייגט טאַקע, לייזער־בער, ער שווייגט!

נאָר אַ שטיקל נחת האָט לייזער־בער פאָרט דערלעבט פון זיין זון. איינמאָל אין אַן אויפדערנאַכט, ווען שמואלקע איז געווען אויפן שפּאַציר, און דאָ, איבער דער גאַנצער שטוב, איז די שטיל־קייט געווען אַזאַ, אַז עס האָט זיך געוואָלט אַריינרוקן אַ האַנט, גראַבלען מיט די נעגל, אין אַזאַ אויפדערנאַכט איז איינמאָל גע־קומען צו זיי אָרע די סאָווע, דער שמש פון דער גרויסער שול.

פאַרגליווערט, טויט איז אויף דער וואַנט געלעגן מלכהס שאָטן, אַזוי ווי פריער, ווי די וואַנט אַליין וואָלט עס אַרויסגעגעבן פון זיך דעם פלעק, ווי עס ליגט, אַשטייגער, דער שאָטן, פון דעם גרויסן און שווערן קאָמאָד, וואָס רירט זיך קיינמאָל ניט פון אָרט, און לייזער־בער האָט זיך ברייט צעזעצט אין זיין שטול, ווי עס וואָלט אים הנאה געטאָן, וואָס נאָך איינער, אַ פרעמדער, זעט זיינע צרות, און אָרע האָט שטיל אַ הוסט געטאָן און האָט הויך געזאָגט:

— גוט נאָוונט!

אָט־אַזוי רעדט ער, דער שמש, אַ הוסט און אַ וואָרט, און לייזער־בער שמייכלט אַזש פון הנאה. אָרע טראָגט מיט זיך זיינע אויערן, וואָס זיינען ניט מער ווי צוויי שטיקער פלייש, הערן קע־נען זיי גאָרניט, און איין אויג איז ביי אים אַן אויסגערונענע, אַ רויטע לאָך, וואָס וואַסערט זיך, טרערט, און טאַקע דערפאַר רופט מען אים אָרע די סאָווע, און מיט דער צווייטער אויג זיינער, וואָס איז ביי אים אַזאַ גרויסע, ווי אַ גלעזערנע, און זיצט עפּעס ווי אינ־מיטן פּנים, טוט ער אַלע דריי זאַכן מיטאַמאָל: אי ער זעט, אי ער הערט און אי ער רעדט.

אָרע ברענגט מיט זיך די פרישקייט פון גאַס, פון אַן אָפענעם דרויסן, און לייזער־בער וויל אים בעטן זיצן, וויל אים מכבד זיין

מיט א גלאָז טיי, נאָר אָרע האַלט זיך אָפּגערוקט פון טיש, לייזער-בער איז א גביר א איד, און ער זאָגט צום סוף, אָרע דער שמש, אַז מענדעלע באַכמוטסקי האָט אים געשיקט אהער בעטן, אַז שמואלקע זאָל למען-השם קומען צו דער מאָרגנדיקער אסיפה אין דער גרויסער שול, באלד נאָך מעריב.

אָרע האָט זיך אַזש א וויש געטאָן דעם שוויים פון פּנים, אַזוי איז אים אָנגעקומען דאָס רעדן, און צום סוף האָט ער צוגעלייגט א דאַנק, צי פון זיך, צי פון מענדעלע באַכמוטסקין, און לייזער-בער האָט אים אויסגעהערט איינגאַנצן, און אָרע גייט באלד נאָכדעם אַוועק. די נאַכט איז קורץ, און אין שטאָט זיינען ברוך-השם פאַראַן גענוג רייכע איידעמס, גענוג לייטישע בחורים, און לייזער-בער קוקט אים נאָך און בלייבט זיצן א פאַרטראַכטער. מענדעלע באַכמוטסקי איז ערשט היינט צוריקגעקומען פון אויסלאַנד, און שוין האָט ער געשיקט נאָך שמואלקען, האָט געבעטן, האָט אָנגעטאָן דעם כבוד, מענדעלע באַכמוטסקי האַלט שוין אויך, אַז שמואלקע איז א פאַלנער מענטש, און שמואלקע וועט גיין צו אסיפות, וועט זאָגן א דעה — לייזער-בער גיט זיך דאָ מיטאַמאָל א כאַפּ, אַז ער דאַרף עפּעס פרעגן ביי אָרען, פאַנאַנדערפרעגן זיך וואָס און ווען און ווי אַזוי, נאָר אָרע איז שוין לאַנג אַוועק, און לייזער-בער קוקט אַ צעטומלטער, און אויף דער וואַנט איז שוין אויך ניטאָ מלכהס שאָטן, עס איז נאָר געבליבן דער שאָטן פון דעם גרויסן און שווערן קאַמאָד.

לייזער-בער גיט זיך שטאַרק א הויב-אויף פון אָרט, גייט שטאַרק אַריין צו מלכהן, אין שלאָף-חדר אַריין, מיט טריט, וואָס זיינען אָנגעגאָסן, און מיט א ליבע, וואָס איז אָנגעגאָסן, און אין חדר איז פינצטער, מלכה ליגט שוין אין בעט. לייזער-בער זעצט זיך ביי איר צו, נעמט אַזש אַריין איר האַנט אין זיינע ביידע, און ער איז איצט אַזאַ גוטער צו איר, מיט זיין גאַנצער נשמה, נאָר זי שלאָגט אים באלד איבער שטיל און רואיק און צו דער זאַך, אַז יאָ, זי ווייסט, זי איז דאָך געווען דערביי, ווען אָרע איז געקומען.

לייזער-בער לאָזט אַרויס איר האַנט, און זי מאַכט צו די אויגן, און ווי זי ליגט אָט-אַזוי אין דער גרויסער און ווייסער בעט, אַליין

אַ דאַרע, אַ טרוקענע און מיט צוגעמאַכטע אויגן, קוקט זי אויס ווי אַ מיידל, וואָס האָט די דער, וואָס טריקנט-איין.

לייזער-בער הויבט זיך אויף, קומט צוריק אריין אין עסשטוב, און דאָ שטייט נאָך אויפן טיש די איבערגעבליבענע גלאָז טיי, און ארום דער פולער גלאָז פלאַטערט-אום אַ פליג, ווי זי וואָלט זיך געשפּילט. לייזער-בער קוקט אויף דעם, און ער טרייבט ניט די פליג, שרעקט ניט די פליג, עס איז דאָך אַ לעבעדיקע באַשעפעניש אַזאַ, אַ גרינע, אַ גלאַנציקע, נאָר פּלוצלונג ווערט ער און אַנגע־צונדענער, און ער לויפט שוין צוריק אריין צו מלכהן און באַפאַלט זי, ממש ווי אַ גזלן. און מלכה עפנט די אויגן, האַלט זיי אָפן, און זאָגט אים שטיל און רואיק און צו דער זאַך:

— נעמט צו די האַנט, עס טוט מיר וויי.

זי באַקלאָגט זיך ניט אויף איר מזל, זי טראָגט דעם יאָך, און ער קריכט דערנאָך אראָפּ פון איר בעט, און מיט שטיקער ליב אויף זיך, וואָס האַלטן נאָך אין איין אויפציטערן, אויפשווידערן גייט ער ארויס פון חדר און צעזעצט זיך ברייט, מיט זיין גאַנצן ליב, אין דעם ברייטן און ווייכן שטול, וואָס שטייט אין עסשטוב ביים פענצ־טער. ער לאַכט אין זיך, מיט הנאה, ווי ער וואָלט זיך גערייצט מיט אימיצן, פאַר אימיצן געוויזן זיין גבורה און אין דרויסן ביים פענצ־טער שטייט די נאַכט, צוגערוקט אַזוי נאָענט, ווי אַ וואַנט. לייזער־בער פאַרקוקט זיך אַהין, און אין דרויסן איז קיינער ניטאָ, עס איז שוין שפּעט אינדערנאַכט, מענטשן שלאָפן שוין פון לאַנג, און לייזער-בער הערט-אויף הנאה צו האָבן, און ער נעמט זיך צו פון פענצטער, לייגט אַוועק דעם קאָפּ אויף דעם הויכן ווענטל פון שטול, און די ליפּן זיינע גיבן שטאַרק אַ ציטער, ווי אין אַ געוויין, אין אַ כליפּן. און שפּעטער, אַז ער דערפילט, אַז מען וועקט אים, און ער עפנט די אויגן, דערזעט ער מלכהן לעבן זיך, און זי איז ניט אין כעס אויף אים, נאָר זי בייזערט זיך אַ געטרייע, אַז זאָל ער זיך לייגן שלאָפן, וואָס זיצט ער, וואָס, עס איז ערשט נאַכט געוואָרן? און איידער ער ענטפערט איר נאָך, גייט זי שוין אָפּ פון אים, פאַר־לעשט דעם לאָמפּ, און אין דער פינצטער בלייבט נאָר פאַר זיינע אויגן איר לאַנגע און נאַקעטע העמד, און עס ווערט פון אַלץ, ווי אין אַ חלום.

און שמואלקע איז אויפמאָרגן געגאַנגען צו דער אסיפה, ווי עס גייט א בחור אָנקוקן א כלה — דאָס ערשטע מאָל. מענדעלע באַב-מוטסקי איז אָנגעקומען פון אויסלאַנד מיט דעם בייטאַגיקן פּאַיעזד, און שוין צו פאַרנאַכט-צו איז ער געווען אין שול, און יעדער איינער אין שול האָט, פאַרשטייט זיך, געוואָלט דערגיין וואָס און ווען, נאָר צוגיין צו מענדעלען און פרעגן ביי אים וועט דאָך קיינער ניט, און מענדעלע אליין האָט נאָך לעת-עתה קיינעם גאָרניט דערציילט. און ערשט נאָך מעריב, ווען דער עולם האָט זיך שוין אָנגעהויבן פאַנאַנדערגיין, און פאַנאַנדערגעגאַנגען איז מען זיך זייער ניט גערן, מיט אן איבערקוקעניש איינער צום אנדערן, אָט אשטייגער, ווי אינדרויסן וואָלט איצט געגאָסן א שלאַקס רעגן און דאָ, אין שול, איז ווארעם און ליכטיק, ערשט ווען מען האָט שוין פארלאָשן דעם גרויסן היינג-לאָמפּ, האָט מענדעלע צוגערופן צו זיך אָרען און האָט אים געהייסן צונויפרופן די אסיפה אויפמאָרגן נאָך מעריב.

מענדעלע האָט גערעדט פּאַמעלאַך און שטיל, און אָרע האָט געהאַלטן אָנגעשטעלט אויף אים די איינאונאייצניקע אויג זיינע, אָרע הערט און פאַרשטייט וואָס מענדעלע רעדט צו אים, שטענדיק אַזוי, אזוי גוט רעדט צו אים מענדעלע, מיט א גוטסקייט אויף די ליפּן, און מענדעלע האָט אָנגעהויבן אויסצורעכענען וועמען אָרע דאַרף רופן, ווי פון א געשריבענעם צעטל ארויס, און אָרע איז שטאַרק צעטומלט געוואָרן, אזוינע יונגעלייט רופט מען דאָך קיינ-מאָל ניט צו אסיפות, און ער האָט איינמאָל איבערגעפרעגט און נאָכאַמאָל איבערגעפרעגט, צי טאַקע? רופן? און מענדעלע האָט א געשריי געטאָן, ווי אָנגעשריען אויף אים:

— יאָ, יאָ, איך זאָג דאָך אייך!

נאָר באַלד האָט ער זיך געכאַפּט, אז ער שרייט, און ער האָט שוין ווידער אָנגעהויבן, שטיל און פּאַמעלאַך, אויסצורעכענען ווע-מען מען דאַרף רופן, פון אָנהויב אָן, און דערנאָך האָט ער זיך שאַרף א קער-אָפּ געגעבן פון אָרען, האָט זיך געלאָזט אוועקגיין פון שול, און אָרע האָט אים נאָכגעקוקט, האָט געזען, אז מענדעלע איז דאָ אין כעס געוואָרן, און עס האָט אים אי פאַרדראָסן אויף זיך אליין, און אי ער האָט פאַריבל געהאַט אויף אים.

מענדעלע איז גבאי אין דער גרויסער שול, און ער פירט די קהלשע ענינים, פון תמיד-אָן, פּונקט אזוי, ווי ער פירט זיינע אייגענע געשעפטן — ער פרעגט ניט, דערציילט ניט און איז זיך מיט קיינעם ניט מיישב. ביי קהל איז עס שוין לאנג קיין נייס ניט, און אפילו קיין חסרון אויך ניט, די צייט פון אמתע מחלקות אין דער גרויסער שול איז שוין לאנג פארגעסן געוואָרן, נאָר אָט טרעפט אמאָל, אז א גבירישער איידעם, וואס איז נאָך גאָר א יונגער תושב דאָ אין שטאָט, שפּרינגט מיטאמאָל ארויס, אז וואס הייסט ? מענדעלע באכמוטסקי איז טאקע דער גבאי, אָבער אימיצער אנדערש האָט דאָך אויך א דעה ! און וואו זיינען אלע ? איז איין מענדעלע באכמוטסקי מער איידער גאנץ קהל ?! נאָר מענדעלע ענטפערט אים גאָרניט, קוקט זיך אפילו ניט אום צו אים, ער גיט נאָר א מאַך מיט דער האנט, וואָס איז שארף ווי א מעסער, און דערנאָך רופט ער צו זיך צו אָרען און הייסט אים טאָן וואָס ער וויל, וואָס מען דארף, און ר' שמאי דער אולער, א איד א מתנגד מיט א קאלטער, סיווער באָרד און מיט א קאַלטן גלאנץ אין די אויגן, שטייט זיך דעמאָלט אויף זיין אָרט אין מזרח-וואנט, מישט זיך ניט, נאָר קוקט מיט צופרידנקייט אויף מענדעלען און זאָגט אן אויפגעלייגטער ארויס זיינע מבינות :

— ווי קליין דאָס איז, אזא עקשן איז עס !

ר' שמאי זאָגט עס, דאכט זיך, גאָר שטיל, נאָר מענדעלע גיט זיך שוין א קער-אום צו אים, און זיי שמייכלען ביידע, איינער צום אנדערן.

אליין איז מענדעלע א שמאָלער, ניט קיין הויכער, נאָר א לענגלאכער, מיט קיילאכדיקע אקסלען, מיט מיידלש-חנעוודיקע הענט און מיט לאנגע געטאָקטע פינגער. אלץ, וואָס ער טוט, טוט ער זייער גיך, מיט אימפּעט אין זיין יעדן קער און ריר, אָט ווי עס וואָלט געשטעקט אין אים אן אומרו, נאָר ער אליין, אפנים, ווייסט עס זייער גוט, און ער איז דערפאר שטענדיק אן איינגעהאלטענער, אן אויסגערעכנטער, און שטענדיק אזא געהויבענער, צי מען דארף עס יאָ, צי מען דארף עס ניט, אז מענטשן זאָגן אויף אים, אז ער איז ניט קיין צוגעלאָזענער, און אפילו ניט קיין גוטער, נאָר עס איז ניט אמת.

אויף זיין הויכן, אָדלערישן נאָז זיצן ברוגזדיק א פּאָר ברילן-פענסנע, און פון די פענסנע הענגט אראָפּ א גאָלדן קייטעלע, ווי א חנדל איבערן פּנים, און אָט-אזא-אָ, מיט זיין באָרד ניט פון פרומ-קייט-וועגן, נאָר געשאָרן פראנצויזיש, און שטענדיק אין א שווארצן סורדוט מיט די זיידענע לאַצן, קוקט ער אויס, מענדעלע באכמוט-סקי, ווי א איד, וואס איז ביי זיך א פריץ — טרעטן טרעט ער טאַקע קיינעם ניט אָן, נאָר א פריץ איז ער פאָרט!

די משפחה באכמוטסקי איז אן אלטע, אן איינגעזעסענע, מיט פעטערס און עלטער-פעטערס, מיט מומעס און עלטער-מומעס. די פעטערס און עלטער-פעטערס זיינען אידן מיט גלייכע רוקנס, מיט סיווע בערד און פליישיקע ליפּן, און זיי נעמען ניט אראָפּ די היטל פארן גראף פון שטאָט, נאָר זיי גריסן זיך צו אים. און די מומעס זיינען פונקט אזעלכענע, ווי מומעס דארפן זיין. זיי האלטן צו-נויפגעלייגט די צופרידענע הענט זייערע ביי זיך אויפן בוזעם, שמייכלען פויל און האָבן פויל הנאה, און די גרויסע ירושהדיקע פּערל פון זייערע העלדזער אראָפּ רייסן ניט אויף די אויגן, נאָר שמעקן מיט אלטן, אייביקן יחוס.

מענדעלע איז געווען ביי זיינע פעטערס און מומעס, ביי דער גאנצער משפחה באכמוטסקי, ווי זייער אלעמענס א מוזיניק, און זיי אלע האָבן ערשט געוואַרט אויף דעם גרויסן נחת, וואָס ער וועט זיי נאָך אָנטאָן, נאָר אונטער דער חופּה איז מענדעלע געגאנגען, ווען ער איז שוין ניט געווען קיין יונגער בחור, ער האָט שוין דענצמאָל אויסגעקוקט כמעט אזוי ווי איצט, און שוין דענצמאָל האָט ער זיך ברייט אזוי געמישט אין די קהלשע עסקים, אז דער אלטער גבאי פלעגט אָפּט ווערן אויף אים אן אויפגעבראכטער.

— האָב שוין אמאָל חתונה און ווער דו דער גבאי, נו, אדרבה, לאָמיר טאַקע זען? !

און מענדעלע באכמוטסקי איז טאַקע געוואָרן גבאי פון דער גרויסער שול באלד נאָך דער חתונה. די ווייב זיינע האָט געהייסן איטע-לאה, און געשטאַמט האָט זי פון דער פרעמד און פון זייער א רייכער משפחה, נאָר געווען איז עס ניט א געלט-שידוך, חלילה, נאָר א שידוך, וואס געלט איז צו געלט, יחוס צו יחוס און מענטש איז צו מענטש. אין שטאָט האָט מען גערעדט אויף איר די ערשטע

צייט, אז זי איז טאקע א שיינע און א גערֲאָטענע, נאָר וואס דען? זי האָט זיך ליב צו חברן מיט קריסטן, אָט אזא טבע האָט זי, פון אזא משפחה קומט זי, אנדערש שטייט איר ניט אָן, און אז א איד איז ביי איר גאָרניט מיט גאָרניט.

נאָר טריינע די אלמנה, וואס קויפט איין אויפן מארק פאר די גבירישע, צעפיעשטשעטע באלעבאָסטעס, האָט באלד פאנאנדערגע־טראָגן איבער דער גאנצער שטאָט, אז עס איז ניט געשטויגן און ניט געפלויגן, עס איז א ליגן! טריינע שלעפט שטענדיק אויף אירע פיס א פאָר גרויסע מענערישע שטיוול, זי האָט, זאָגט זי, רומאטעז, און דער וויטיק, וואָס גייט ארויס פון אירע ביינער, פון די סוסטאוון, דארף האָבן א גראמען אָרט, און א צורה האָט טריינע די אלמנה, וואָס איז קליין, נעבאכדיק און בלייך, ווי דאָס אויסזען פון אן אל־טער, פארזעסענער מיידל.

טריינע ווייסט וואס עס קאָכט זיך ביי יעדן איינעם אין טאָפּ, נאָר עס איז ניט איר עסק, זי האָט געווּנוג אירע אייגענע צרות, און אבי מען ווייסט שוין אין שטאָט, אז זי קאָן יאָ אמאָל פאנאנדער־נעמען די בלויע ליפּן אירע, און אָט אזוי, פאמעלאך און נעבאכ־דיק, אָפּשיטן איינעם מיט רייד, און עס זאָלן זיך ביי יענעם ניט ארויסזען אפילו די האָר אויפן קאָפּ.

אז טריינע זאָל עפענען דאָס מויל אירס צום גוטן, האָט נאָך קיינמאָל ניט געטראָפן, נאָר דאָ האָלט זי אין איין דערציילן און איבערדערציילן, וואָס עס איז זיך פארלאָפן מיט איר ביי די באכ־מוטסקים, און אז אלץ, וואס מען זאָגט אויף דער יונגער ווייבל, איז אויסגעטראכט פון בייזע צינגער. קיינער אין שטאָט זאָגט איר ניט, אז ניין, קיינער אמפּערט זיך ניט מיט איר, נאָר זי האָלט אָנגע־שטעלט די שפּיציקע נאָז אירע, ווי א פויגל דעם שנאָבל, און וויל ניט אָפּטרעטן:

— איר גלויבט אפשר ניט, זאָגט!

און דערציילט האָט טריינע אָט־וואָס: זי האָט געבראכט צו די באכמוטסקים די פאָר הינער אירע און די אנדערע זאכן, וואס מען דארף האָבן אויף שבת, און זי האָט דאָס אלץ אוועקגעלייגט אין קיך אויפן טיש און אליין האָט זי זיך שוין געוואָלט ארויס־כאפּן פון דאָרט, אז מען שמועסט אויף דער יונגער ווייבל, אז זי

איז א מרשעת, נאָר דאָ איז פּלוצלונג אָנגעקומען, פון די אינעווייניקסטע חדרים ארויס, די יונגע ווייבל אליין. טריינע האָט מיטאַמאָל דערפילט דעם גאנצן ווייטיק אירן אין די פיס, און די יונגע ווייבל האָט זיך אָקאָרשט, אפנים, אויפגעהויבן פון בעט, זי האָט געטראָגן אויף זיך א ברייטן, א זיידענעם שלאָף-ראָק, און די האָר זיינען ביי איר געווען צעוואָרפן, פאַנאַנדערגעפלאָכטן, און ווי זאָגען נאָך א רעגן, און די האלדז אירע, אן אָפּגעדעקטע, האָט געבלענדט אין די אויגן. טריינע האָט זיך צונויפגעלייגט די הענט, האָט געקוקט אויף דער יונגער ווייבל, האָט זיך ממש פארקוקט אויף איר, און איטע-לאה האָט פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט די אויגן, און טריינע האָט גענומען רעדן צו איר גוטע רייד אזוינע, אז זי אליין, טריינע די אלמנה, האָט גאָרניט געוואוסט, אז זי פארמאָגט עס אין זיך. איטע-לאה האָט זיך נאָך מער פאַרשעמט, איז געוואָרן אזוי, אז טריינע האָט זי שיר ניט אַרומגענומען און האָט זי שיר ניט צוגעטוליעט צום הארצן, — א יונגע ווייבל נעבאך, מען האָט זי אָפּגעריסן פון איר היים, — נאָר איטע-לאה האָט זיך באלד א כאַפּ געטאָן, האָט מיט א פינגער אָנגעטאַפּט די הינער, אז מען האָט איר געדראַפּט אויסקושן די גאנצע האנט אירע, און דערנאָך איז זי נאָענט אזוי צוגעגאנגען צו טריינען:

— א מציאה!

— איר הערט? זי ווייסט נאָך ניט וויפיל די הינער קאָסטן. זי ווייסט נאָך גאָרניט, און זי זאָגט שוין, אז עס איז א מציאה!

און טריינע איז גלייך געוואָרן ביי איר ניט נאָר אן איינקויפערן אויפן מארק, און ניט נאָר א מעקלערקע, וואָס ברענגט א גוטע דינסט און נעמט צו די שלעכטע, נאָר א גאנצע שמשטע. זי האָט געפירט צו איר די פאַרזעסענע, פאַרגעסענע יתומות, וואָס ערגעץ-וואו אויף דער וועלט האָבן זיי דאָך אויך זייער זיווג, נאָר איינער פעלט צום נדן, און א צווייטע האָט ניט קיין בעטגעוואַנט, האָט געפירט איטע-לאהן צו די קראַנקע אלמנות, וואָס הערן גאָרניט אויף צו הוסטן, און טאקע צוליב דעם הוסט קאָנען זיי ניט אַריבערטרעטן דעם שוועל, זיינען אָנגעבונדן, ווי א הונט אויף דער קייט, און ביי וועמען דער דלות איז צוגעדעקט מיט א ווייסן טישטוך, האָט טריינע אויך געוואוסט, און איטע-לאה האָט געקוקט

אויף דעם אלעמען מיט וואונדער אין די אויגן, און שפּעטער, אין אָוונט, איז זי געזעסן מיט מענדעלען און האָט אים אַלץ דער־ציילט, אַלץ אים איבערגעגעבן. עס האָבן ביי איר געברענט די באַקן, און זי פלעגט אַזש אויפשרייען פון צייט־צו־צייט, ווי זי וואָלט פלוצלונג דערזען פאַר זיך דעם שולדיקן, און מענדעלע הערט זי און הערט, ביז ער בויגט זיך צום סוף אָן און גיט איר אַ קוש אויפן שטערן.

איטע־לאהן ווייזט זיך אויס, אַז ער נעמט זי איין, אַז ער באַהאַלט פון איר דעם אמת, און מענדעלע שטייט לעבן איר און אָטעמט, ווי ער וואָלט געשמעקט פון איר געדיכטן קאָפּ האָר, און זי גיט פלוצלונג אַ פאַל־צו צו אים, טאַקע נאָר ווי אַ קינד, און אין זאַל, וואו זיי זיצן איצט, ברענט דער גרויסער הענג־לאָמפּ, און עס ציטערן, אין אַ שטילן גערויש, די געשליפענע שטיקלאַך גלאָז, וואָס הענגען ארום דעם לאָמפּ און פאַרשטעלן אים. איטע־לאה טוליעט זיך שטאַרק צו אים, און מענדעלע האַלט זי ארומגענומען ווי אַ געפונענעם אוצר, עס טאָר זיך ניט ארויסגליטשן קיין איין ברעקעלע ניט, און זיי מאַכן ביידע צו די אויגן.

איטע־לאה האָט פונקט צום יאָר געהאַט דאָס ערשטע קינד, און צום צווייטן יאָר דאָס צווייטע קינד, און די קינדער זיינען זיך געוואַקסן שיינע און געראָטענע, ווי דער טאַטע זייערער, ווי די מאַמע זייערע, און מענדעלע באַכמוטסקי האָט זיך געפירט זיינע גרויסע געשעפטן מיט קוויטאַנציעס, וועקסלען, צעטלאַך, און איטע־לאהס שם איז שוין פון לאַנג ארויסגעוואַקסן פון שטאָט ארויס און האָט זיך פאַנאַנדערגעשפּרייט איבער אַלע ארומיקע שטעט און דערפער, אַז מען פלעגט שוין אפילו קומען צו איר פון דער פרעמד.

און ביי איטע־לאהן האָט נאָך געפלאַטערט די נשמה אירע, ווי עס פלאַטערט אַ פויגל, ווען עס קלייבט זיך אויף אַ רעגן — אַ פאַרשעמטע איז זי געשטאַנען און געהערט, וואָס עס רעדט צו איר אַ געפאַלענער באַלעבאָס, און אַז זי איז געקומען געוואָר ווערן אַ קראַנקע אידענע, האָט די קראַנקע גאָר צו איר גערעדט מיט אַ טרייסט, אַז נישקשה, דער אויבערשטער וועט העלפן, פונקט ווי מען קאָן פון געזונט קראַנק ווערן, פונקט אַזוי קאָן מען פון קראַנק גע־

זונט ווערן, און מענדעלע באַכמוטסקי האָט שעהן גאַנצע געקאָנט אָפּזיצן און רעכענען, חשבונען, און דערנאָך האָט ער אַרומגע-שפּאַנט איבער דעם גרויסן זאַל, מיט פאַרלייגטע הענט אויף הינטן און מיט אַ שווערקייט אויף זיינע דינע, איידעלע פּלייצעס, און אַז איטע-לאה פלעגט אים דעמאָלט דערזען, אַ פרעמדן אַזאַ, פלעגט ער זיך פלוצלונג אַ כאַפּ טאָן, ווי פון שלאָף, האָט זיך פאַנאַנ-דערגעשמייכלט אַ שולדיקער, און האָט איר אַ קוש געטאָן אויפן שטערן:

— גאָרניט... איך טראַכט!

און פון זיין שיינער באָרד, געשאָרן פראַנצויזיש, האָט שוין דאָ און דאָרט אַרויסגעשיינט אַ גרויע האָר, און ר׳ שמאי דער אולער, וואָס איז בכלל געווען אַ איד אַ מבין, איז צוגעגאַנגען צו מענדעלען, אין שול נאָך מעריב:

— וואָס, מענדעלע באַכמוטסקי, מען האָט דיך גוט איינגע-שפּאַנט, האַ?

ר׳ שמאי זאָגט עס אין אַ גלייכוווערטל און מענדעלען גע-פעלט עס זייער, און ער לאַכט זיך הויך פאַנאַנדער:

— יאָ, גוט איינגעשפּאַנט!

און מיטאַמאָל הערט ער אויף צו לאַכן, ווערט מיטאַמאָל שטאַרק פאַרטראַכט, און זאָגט אַרויס פאַרטראַכטערהייט, ווי פאַר זיך אַליין:

— און אפשר אויסגעשפּאַנט?

איטע-לאה שטאַמט פון אַ משפּחה פון גרויסע סוחרים, גרויסע הענדלער, און אַז מענדעלע האָט חתונה געהאַט מיט איר, איז ער אויך געוואָרן אַזאַ סוחר, ווי אירע ברידער, ווי אירע קרובים. ער איז אומגעפאָרן איבער די גרויסע שטעט, האָט געקויפט וועלדער, ניט אָנזעענדיק קיין איינציקן בוים, האָט פאַרקויפט זאַכן, וואָס ער האָט ניט געהאַט אין די הענט, און פלוצלונג ווערט ער גאָר אַ שותף צו אַ גרויסן זאַוואָד, און ער ווייסט אפילו ניט, וואו דער זאַוואָד געפינט זיך. עס איז אַלץ אויפן פּאַפּיר, פּאַפּירלאָך, און מענדעלע באַכמוטסקי קוקט זיך אָפּט אַרום, נאָך אַ מסחר אַזאַ, אַז עס פעלן אים עטלאַכע טויזנט רובל. פאָרקומען קומט עס פאַר זייער גיך, אָט געקויפט, אָט פאַרקויפט און אָט שוין צוגעלייגט,

און דאָ קוקט נאָך אויף אים איטע-לאהס עלטערער ברודער, א איד מיט א שווארצער באָרד, מיט שווארצע אויגן און מיט א שמייכל אין די אויגן, וואס נאָענט צו איהם צוטרעטן קאָן מען ניט, און דער ברודער גיט צו אים א מאך מיט דער האנט, ווי א פּאטש איבער דער פּלייצע:

— פאַר שוין אהיים, פאַר צו איטע-לאהן!

צו מענדעלע מאכמוטסקין האָט נאָך קיין איינער אזוי ניט גערעדט, און דער ברודער גיט נאָך מיט אים איבער א מתנה פאר איטע-לאהן, א מתנה פאר די קינדער, — אַ געטרייער מענטש! און מענדעלע שווייגט אים, נעמט אלץ צו ווי פּארדינט, און אז ער קומט דערנאָך אהיים, גייט ער צו צו ר׳ שמאי דעם אולער, אין שול נאָך מעריב, און זיי גייען דערנאָךביידע איבער דער שטילער, רואיקער גאס, וואס אלץ איז דאָ אזוי איינגעגעסן אין דער ערד, פון דור-דורות, אז עס וועט זיך בשום אופן ניט א ריר-טאָן פון אָרט, און ר׳ שמאי דער אולער איז דער איינציקער, פאר וועמען מענדעלע באַכמוטסקי זאָגט אמאָל, אפריער מיט כעס, און באלד ווי א שמועס, ווי מען שמועסט וועגן סתם אן ענין אַזאַ, אז א מענטש אין דער פרעמד, אויף דער גרויסער וועלט, — דער מענטש דאָרט האָט אַן אַנדער געשטאַלט, אַן אַנדער באַטרעף, און ר׳ שמאי הערט אים די גאַנצע צייט, ווי עס פּאַרדריסט אַ טאַטן די אַלערליי קלוגשאַפטן, וואס זיין דערוואקסענער זון האָט ערגעץ-וואו גע-באָרגט, און מענדעלע רעדט זייער פאַרשטעלט און זייער אָפּגעהיט, ווי עס פּאסט צו רעדן פאַר א מענדעלע באַכמוטסקי, און ר׳ שמאי זאָגט אים צום סוף, שפּיציק אזוי, מיט א קאַלטן שטאָך, וואָס ניט אומזיסט רופט מען אים מתנגד:

— טיפע חקירות!

די אלטע, די היימישע געשעפטן גייען ביי מענדעלע באַכ-מוטסקין גראַד אזוי, ווי עס באַדאַרף צו זיין. — ער קען דעם, ביי וועמען ער קויפט, ווייסט וואָס ער פארקויפט, און קיינער וועט דאָ קיינעם ניט אָפּנאַרן, און א וואָרט איז דאָ, ניט סתם אזוי גערעדט, נאָר ווי א געוואוקס פון דער ערד ארויס, עס האָט א נעכטן, א היינט און אַ מאָרגן, נאָר פונדעסטוועגן ציט עס אים פאָרט אַהין, אין דער וועלט אריין, און צו יענע מאָדנע מסחרים, און אז ער קומט

ווידער אין קיעוו, צי אין מאָסקווע, וואַקסט אים גלייך אויס אַנט-קעגן איטע-לאַהם עלטערער ברודער:

— וואָס מאַכט איטע-לאַה? וואָס מאַכן די קינדער?

מענדעלע קוקט אויף אים, ווי אויף זיין אומגליק, און גיט זיך אים אונטער, און אַז ער קומט נאָכדעם צוריק אהיים, ליגט ער לאַנג באַנאַכט מיט אָפענע אויגן, און קאָן ניט שלאָפן. עס אַרן אים ניט די עטלאַכע טויזנט רובל, וואָס ער האָט צוגעלייגט, נאָר ער וויל אין תוך באַנעמען די זאַך, פאַרשטיין די וועלט, און זיך אין דער וועלט. איטע-לאַהס ברודער האָט אים מיטגענומען אין שאַטאָ, ער האָט אים געזאָגט:

— קום, מענדעלע, פאַרסט דאָך שוין מאָרגן אהיים!

אין שאַטאָ זיינען געווען א סך סוחרים און סתם מענטשן, און אַלע האָבן זיי גערעדט, געלאַכט, געטרונקען, און עס האָבן גע-זונגען אַקטריסעס. מענדעלע האָט זיך געשעמט צו הערן, האָט זיך געשעמט צו קוקן, האָט זיך געשעמט דאָ ניט צו זיין, און דער ברו-דער איטע-לאַהס איז גראַד יאָ געזעסן ווי ביי זיך אינדערהיים, און נאָך זייער אַן אויפגעלייגטער דערצו. ער האָט א סך געלאַכט, א סך געטרונקען, האָט א סך געוואָרפן מיט פינפערלאַך, און מענ-דעלען האָט זיך אַלץ אויסגעוויזן אַז די פינפערלאַך זיינען גאָר קיין פינפערלאַך ניט, נאָר אַז עס איז געמאַכט. עס איז געווען וואָלוול, אַלץ אַרום, ווי עס וואָלטן געקלונגען שערבלאַך, און אָט איז צוגע-קומען צו זיי איינע אַן אַקטריסע, און זי האָט זיך אַזוי אָנגע-שפּאַרט אָן זייער טישל מיטביידע הענט, אַז עס האָבן א שיין געטאָן פאַר די אויגן אירע פולע, אָמתדיקע ברוסטן. מענדעלע האָט זיך אַזש א כאַפּ געטאָן אויף צוריק, און דער ברודער איטע-לאַהס האָט נאָך א קער געגעבן דעם קאָפּ, ער זאָל בעסער קאָנען זען, און ניט אַראָפּנעמענדיק די אויגן האָט ער צופרידן און ניט געאיילט אַרויסגענומען א פינף-רובלדיקן פון קעשענע, און די אַקטריסע האָט א שפּיל געטאָן אין דער לופט מיט אירע געטאָקטע פינגער, און דער פינפערל איז שוין געווען ביי איר אין דער האַנט. זי האָט עס געמאַכט ווי א קונץ, און מיט א צעשפּרייטער האַנט האָט זי די אַסיגנאַציע צוגעטוליעט זיך צום האַרצן, אויסגעפּרעסט אייישן די

ברוסטן דאָס צעקנייטשטע פּאַפּירל, און דערנאָך האָט זי עס נאָענט אַזוי צוגעטראָגן צו איטע-לאהס ברודער, גלייך פון בוזעם אַרויס, ווי זי וואָלט אים געגעבן א שמעק טאָן פון איר לייב, און דער איד מיט דער שוואַרצער באָרד און שוואַרצע אויגן האָט זיך הויך פּאַ-נאַנדערגעלאַכט. און מענדעלע האָט אויך געלאַכט, האָט אים נאָכ-געטאָן.

מענדעלע געדענקט, אַז ער האָט געלאַכט, און ער קריכט איצט אַראָפּ פון בעט, וואַרפט אויף זיך אַרויף דעם שלאָפראָק און ער וואַרט, אַז איטע-לאה זאָל זיך א כאַפּ טאָן פון שלאָף, זאָל ביי אים פרעגן, נאָר איטע-לאה כאַפּט זיך ניט אויף, און ער קומט אַריין אין דעם גרויסן זאַל, וואָס איז אָנגעפּאַקט מיט פינצטערניש. ער לאָזט זיך דאָ אַראָפּ אין א ווייכן שטול, גיט ניט-ווילנדיק א קוק אויף די זייטיקע פענצטער, וואָס גלאַנצן ווי א שוואַרצער שפּיגל, און דער שלאָפראָק אויף אים נעמט זיך ברייט פאַנאַנדער, און ער פאַרלייגט א פוס אויף א פוס, און אויף דער אויבערשטער קני לייגט ער אַוועק א האַנט, און אַז ער איז אָן ברילן, נעמט ער שטאַרק צונויף די ברעמען, און ווי ער זיצט אָט-אַזוי און קלייבט זיך ערשט אָנהויבן צו טראַכטן, דערזעט ער זיך מיטאַמאָל אַזא ווי ער איז, א קליינער, א דאַרער און א באַוואַקסענער מיט האָר. ער דערזעט עס אַזוי שאַרף און קלאָר, און צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן, ווי מען וואָלט געטייטלט אויף אים מיט א פינגער, און ער גיט זיך א כאַפּ פון אָרט, פאַרוויקלט דעם כאַלאַט, און די האַנט זיינע הויבט זיך אַזש צו פאַרריכטן די ברילן, וואָס זיינען ניטאָ אויפן נאָז, און ער לויפט גלייך אַריין אין שלאָף-חדר, געפינט אין דער פינצטער די פענסנע און קומט צוריק אַריין אין זאַל און שטעלט זיך אַנידער אויף דעמזעלביקן אָרט, וואָס פריער. ער איז איצט מענדעלע באַכמוטסקי, פון קאָפּ ביז די פיס, נאָר עס איז אים נאָך ווייניק און עס קלייבט זיך אין אים א כעס מיט זיין יעדן אָטעם, און ווי א בליץ פון דרויסן שיינט פאַר אים אויף זיין מוח, זיין שטענדיקער שכל, אַז דער ברודער איטע-לאהס מיט זיין שוואַרצער באָרד, און איטע-לאה אַליין מיט איר שוואַרצן קאָפּ האָר, וואָס שיינט אַזוי ווי די באָרד ביים ברודער — זיי קומען ביידע פון איין משפּחה!

מענדעלע גיט זיך א וויג, ווי מען כאַפּט זיך צו פון א בליץ, נאָר דער שטענדיקער שכל זיינער איז שוין אזוי קליין און פאַר־לאָרן, ווי א שטערן אין א וואָלקן, און ער לויפט ניט צו איטע־לאהן און וועקט זי ניט און שרייט ניט, נאָר ער לאָזט זיך קוים אַראָפּ אין דעם ווייכן שטול, פירט מיט א האנט איבערן פּנים, ניט־וויסנדיק, אז ער ווישט זיך דעם קאַלטן שווייס, און דער קאָפּ זיינער א קראנקער ליגט אויפן הויכן ווענטל פון שטול, און ער מאכט־צו די אויגן, נאָר איידער ער דרעמלט איין, דערזעט ער נאָכאַמאָל פאַר זיך, ווי די אקטריסע שפּילט אין דער לופטן מיט די געטאָקטע פינגער און ווייזט אירע ברוסטן פאַר יעדן פרעמדן מאנזביל.

נאָר אויף מאָרגן זיצט ער ביים טיש, מענדעלע באכמוטסקי, מיט זיין ווייב און קינדער, און איטע־לאה, אן אויפגעלייגטע און א צעבליטע, לערנט ניט די קינדער, ווי צו זיצן ביים טיש, נאָר זי רעדט מיט זיי פראנצויזיש, און די קינדער ענטפערן איר אויפן זעלביקן לשון און לאכן שטארק, ווי זיי וואָלטן אימיצן נאָכגע־קרימט. מענדעלע האלט די גאנצע צייט אראָפּגעלאָזט די אויגן, מישט זיך ניט, און נאָכן עסן הויבט ער זיך באַלד אויף, זאָגט א דאנק, אזוי ווי אלעמאָל, און גייט אריין אין דעם גרויסן זאַל. די קינדער מיט איטע־לאהן לאכן נאָך דאָרט, נאָר ער דאָ איז שטארק פארנומען, און ער שפּאַנט לאנג ארום אהין און צוריק און מיט פארלייגטע הענט אויף הינטן, און נעמענדיק אלץ אויף זיך, אויף זיינע שמאָלע, איידעלע פּלייצעס. ער אליין איז שולדיק אין אלץ, ער איינער אליין, נאָר איגנאנצן אויסשפּאנען וועט מענ־דעלע באכוטסקין קיינער ניט, ניין! און ער פאָרט שוין מער ניט אין די גרויסע שטעט אריין, ווייל ניט וויסן פון יענע מאָדנע מסחרים, ביז עס גייט דורך א וואָך, א חודש און נאָך א חודש, און פארבאָרגן און שטיל, ווי א גנב אין זיין אייגעניש, פאָרט ער ווידער אוועק אהין. — — —

מיט איטע־לאהן קאָן ער וועגן דעם ניט רעדן, ער שעמט זיך פאַר איר, שעמט זיך פאַר זיך אליין, שעמט זיך פאַר דעם מענ־דעלע באכמוטסקין, וואָס ער איז עס פון קינדוורייז־אויף, און אָפּט איז ער אַזש מקנא פשוט דעם געפאלענעם באלעבאָס, וואָס רעדט

זיך אפריהער דורך מיט איטע-לאהן אין א באזונדער חדר, און דערנאָך, אז ער דאַרף דורכגיין דעם חדר, אוואו מענדעלע זיצט, פאַרהאַלט ער זיך, דער באַלעבאָס, און עס כאַפּט זיך ביי אים אַרויס צו מענדעלען — א דאַנק! און דעם גוטן טאָג פאַרגעסט ער צו זאָגן...

אין שטאָט האָט מען זיך געבענטשט מיט איטע-לאהן, זי ראַטעוועט ממש א מענטשן, א נפש, א נשמה, און מענדעלע האָט ניט געשמייכלט איבער דעם, אפילו צו זיך אַליין אויך ניט, און איטע-לאה האָט זיך מיטאַמאָל אַרומגעזען, אז מען דאַרף גאָר אַראָפּברענגען אהער א נייעם א אידישן דאָקטאָר. אין שטאָט זיינען פון שטענדיק-אָן געווען צוויי דאָקטוירים, נאָר יענע דאָקטוירים זיינען געווען פאַר פּריצים און רייכע, פאַר אידן, וואָס זיינען באַלעבאַטים, די אָרימע אָבער, די קבצנים, האָבן זיך געהאַט זייער אייגענעם ר׳ קאָפּלען דעם רופא.

ר׳ קאָפּל איז געווען שוין א איד אין די יאָרן, מיט א גרויסן, אָנגעפּאַקטן גוף, מיט א שווערן טראָט און מיט אַזוינע בלויע אויגן, וואָס האָבן ממש אַרויסגעשיינט פון זיין שווערן, ערדיקן פּנים. אַמאָל, מיט א סך יאָרן צוריק, האָט קאָפּל געדינט אין סאָלדאַטן, איז געווען אויף עפּעס א מלחמה, און טאַקע פון דער מלחמה איז ער עס צוריקגעקומען א פאַרטיקער רופא, און ווי א רופא האָט ער דאָ חתונה געהאַט מיט שיינע-רחלען, האָט אויסגעהאָדעוועט פיר לייטישע קינדער, האָט זיך אויפגעשטעלט א ניי הויז, א מויער א גאַנצן, און צוויי גרויסע, געמויערטע קראָמען אויפן מיטן מאַרק. איין קראָם איז געווען א פאַרדונגענע און אין דער צווייטער איז געשטאַנען די אייגענע ווייב מיט די עלטערע צוויי טעכטער, וואָס האָבן איר שטאַרק אַרויסגעהאָלפן, און די אינגערע צוויי זין זיינע האָבן שוין אַליין געהאַנדלט מיט תבואה. זיי זיינען געווען הויכע און שטאַרקע, ווי דער טאַטע זייערער אין זיינע יונגע יאָרן, נאָר אַליין שוין תבואה-הענדלער און פון א טאַטן, וואָס איז ר׳ קאָפּל דער רופא, האָבן זיי איינגעהאַלטן געשפּאַנט איבער דער גאַס, ווי נאָכגעטאָן, ווי פאַרשטעלט זיך, געשפּאַנט מיט אַזא דינעם שפּאַציר-שטעקעלע אין דער האַנט, א שפּילכל פאַר זיי, אז עס האָט זיך געוואָלט שמייכלען...

און שיינע־רחל, די ווייב זיינע, איז אויך געווען א גרויסע און א געזונטע, נאָך זיין מאָס נאָך, און ווי עס פּאַסט פאַר א רופא, און זי האָט שטענדיק געטראָגן אויף איר פּעטן, בכבודיקן בויך א קראַנץ מיט שליסלען, און אז זי פלעגט שטעלן א טראָט, האָט זיך דערהערט א קלונג פון א שליסל מיט א שליסל, און עס האָט אָנ־געזאָגט, אז זי גייט. נאָר די עלטערע טאָכטער זייערע, וואָס האָט געהאַט האַרטע, שטריקענע האָר, שטאַרק אָנגעגאָסענע ליפּן און א גרויסע גבורה אין די הענט, אין איר גאַנצן קערפּער, אז זי האָט זיך געקאָנט שלאָגן אפילו מיט א שייגעץ, פלעגט אָפּט איינפאַלן מיט אַזאַ קאַפּריזיטיק, אז זי האָט ניט געוואוסט אויף וואָס פאַר א וועלט זי איז, און דער גוף אירער, שווער פון דער אייגענער צייַ־טיקייט, האָט געצוקט און געציטערט, ווי אין א קדחת. אין שטוב האָט מען זיך ניט געשראָקן פאַר דעם, מען האָט געוואוסט, אז עס וועט איבערגיין, נאָר די קראַנקע אליין האָט נאָכן איבערגיין גע־שעמט זיך צו קוקן יענעם אין די אויגן אריין, האָט זיך געשעמט צו שטיין אין קראָם, פאַר פרעמדע מענטשן, און שיינע־רחל פלעגט נאָך לאַנג ארומגיין, אז יעדער טראָט אירער האָט געזעצט מיט כעס אויף אלעמען און מיט טענות צו ר׳ קאָפּלען:

— א שטאָט מיט מענטשן העלפט ער, און דאָ, אַן אייגן קינד, און גאָרניט! האַלט צונויפגעלייגט די הענט! מחותן מיינער!

נאָר די טענות אירע זיינען געווען אומזיסטע, ר׳ קאָפּלען האָט זייער געאַרט פאַר זיין טאָכטער, ער האָט זי ליב געהאַט, און נאָך יעדן איינפאַל אירן אַזאַ פלעגט ער דערלייגן נאָך א הונדערטער צו איר נדן, און נאָך א הונדערטער, נאָר אז קיין שידוך האָט זיך פאָרט ניט געמאַכט? און אז זיין טאָכטער האָט גראָדע אַן איידעלע, א צניעותדיקע נשמה — דאָס האָט קאָפּל דער רופא געוואוסט ביי זיך, און ער האָט שטאַרק רחמנות געהאַט אויף זיין קינד.

געהיילט האָט ר׳ קאָפּל די חולאים זיינע ניט ווי א דאָקטאָר, וואָס הערט אוים מיטן אויער, נאָר צוליינגנדיק צום קראַנקן אבער זיינע געטרייע פינגער, וואָס זיינען פול געווען מיט רפואה, און קוקנדיק דערביי אויפן חולה מיט זיינע בלויע, ליכטיקע אויגן, אז דער חולה אליין פלעגט זיך אויך פאַנאַנדערשמייכלען, ווי עס וואָלט שוין אים טאקע בעסער געוואָרן, און אז ר׳ קאָפּל נעמט אריין ביי

א קראנקער אידענע, וואָס קלאָגט זיך אויף א פּאָסטקייט אין הארצן, איר לאנגע, אויסגעמאַטערטע ברוסט, ליגט עס ביי אים אין דער האַנט, ווי א שלאָפּע טויב אין זיין הויפן.

געבן האָט מען קאָפּלען געדאַרפט א זילבערנעם פּערטעלע, נאָר אז מען האָט ניט געגעבן איז אויך רעכט געווען, א ברכה, האָט ר׳ קאָפּל געוואוסט, איז מער ווערט ווי די מטבע, און ניט דאָס איז גאָר געווען דער עיקר — ר׳ קאָפּל האָט פון שטענדיק-אָן ליב געהאַט צו זען, ווי עס לעבן-אויף די זאַנגען אין פעלד נאָך א פרישן רעגן, ווי עס לאָזט זיך פאַנאַנדער דער טייך, און ווי עס גיסן זיך אָן די צווייגן פון בוים, וואָס ביי דער שטוב, און ווערן באַדעקט מיט יונגע, גרינע בלעטער...

און אמאָל אין א יובל, אז מען פלעגט שיקן נאָך ר׳ קאָפּלען אין א גבירישער הויז, פלעגט ער זיך אַזש צעקעמען די באָרד, צערעכט מאַכן דעם בגד און גיין אהין א געהויבענער אַזאַ, און אז מען האָט אים דאָרט געגעבן דעם האַלבן רובל, האָט ער זיך ניט צוגערירט צו דעם, האָט אַפילו ניט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין, און א דאַנק, — ער איז געשטאַנען ווי א גראַף, און דער גביר אליין פלעגט אים דערנאָך ארויסבאַגלייטן פון שטוב. נאָר מער פון אַלץ האָט ר׳ קאָפּל ליב געהאַט צו האַקן א מכה, אָדער כאָטש א שטיקל געשוויר, אויף דעם, פלעגט ער זאָגן, האָט דאָך אים דער אויבערש-טער געשאָנקען זיינע טייערע הענט, דער אויבערשטער שיקט שטענדיק צו די רפואה פאַר דער מכה.

פאַר איטע-לאהן האָט ר׳ קאָפּל געהאַט גרויס אָפּשיי, אז ער פלעגט גאָרניט אויפהערן צו דערציילן פון איר אַזוינס און אַזעלכעס, ער האָט זי אָפט געזען ביי די חולאים ביי זיינע, און זי אליין וואָלט אויך געקאָנט זיין א רופא, און ער וויל איר זאָגן, אז זאָל זי זיך נאָר ניט שרעקן אַזוי, א רופא דאַרף ניט מורא האָבן, און עס איז טאַקע נאָר געווען א באַשערטע זאַך, א גזר מן השמים, וואָס ר׳ קאָפּל האָט געדאַרפט ווערן איטע-לאהן א שונא אין לעבן אריין.

די מעשה מיטן דאָקטאָר, וואָס האָט געשטאַמט גראָד פון איטע-לאהן, האָט ר׳ קאָפּלען געטראָפן טיף אין הארצן אריין, אז ער האָט געוואָלט לויפן צו איר און — סטייטש, איטע-לאה, איר?

גאָט איז מיט אייך! און נאָך אנדערע גוטע רייד אַזוינע האָבן זיך ביי אים אין זיין מוח אויסגעלייגט צו איר, ווי מען רעדט צו אַן אייגן קינד, וואָס וויל אָפּטאָן א קרומע זאַך, ווייל יענעם אָפּטאָן אַ רעה, און טריינע די אלמנה איז שוין ארומגעגאנגען איבערן שטאָט, און ניט וואָס זי האָט עפּעס גערעדט אויף קאָפּלען דעם רופא, חלילה, ר׳ קאָפּל איז א פיינער איד, ער און זיין הויזגעזינט, און דאָס, וואָס די עלטערע טאָכטער זיינע פאַלט-איין מיט אירע קאָפּ-ווייטיקן, קאָן אַן איידל קינד אויך ליידן אויף אַזאַ חולאת, נאָר אַז די גבירים האָבן דאָקטוירים, מעגן אָרימעלייט אויך האָבן איינעם, נישקשה!

טריינע האָט דאָ דערמאָנט די טאָכטער זיינע מיט רחמנות אפילו, נאָר שיינע-רחל האָט איר שוין ניט געקאָנט דערלאנגען אַזוי, ווי זי האָט עס פארדינט, אז מען האָט א צרה ביי זיך אין שטוב, איז בעסער אז מען טשעפּעט זיך ניט — און זי האָט טאַקע געשוויגן ווי א פיש, און טריינע קוויקט זיך ניט מיט יענעמס ליידן, און ביי שיינע-רחלען האָבן זיך רעשיק צעקלונגען די שליסלען אויפן בויך, ווי פון צאַפּלען זיך אין אַ כעס, וואָס מוז שטומען, און ר׳ קאָפּל אליין האָט געקוקט צו די באלעבאטים פון שטאָט, נאָר זיי איז אויך ניט געווען וואָס מקנא צו זיין, און עס איז עפּעס אויס-געקומען אַזוי, אז האָבן טענות אפילו האָט ר׳ קאָפּל אויך ניט געהאַט צו וועמען. — — —

איטע-לאה וואָלט איינע אליין געקאָנט אראָפּברענגען דעם דאָקטאָר, נאָר דאָס אליין איז איר נאָך ווייניק געווען, זי האָט ניט אַנדערש געוואָלט, אז שטאָט זאָל עס טאָן, אז דער דאָקטאר זאָל זיין א קהלשער, און אז אַן אָרימאַן וועט ניט האָבן מיט וואָס צו צאָלן, זאָל מען אים געבן א קוויטל, אָט אשטייגער א מין נייע קאָרבאָקע אַזאַ, און ר׳ שמאי דער אולער האָט זיך רואיק געגלעט די קאַלטע, סיווע באָרד זיינע — איטע-לאה האָט א קאָפּ פון אַ מיניסטער! און מען האָט ניט געקאָנט וויסן, צי עס געפעלט אים יאָ, צי עס געפעלט אים ניט. און די באַלעבאַטים האָבן אויך גע-שוויגן, זיי האבן געזען, אז עס וועט דאָ באַגאַנגען אַן עוולה, ר׳ קאָפּל האָט דאָ אָפּגעלעבט א לעבן, און מען טוט ניט אַזוי צו אַ מענטשן, און דערצו נאָך דער נייער יאָך מיט דער אויסגעטראַכטער

קאַראַבקע, נאָר אַנהויבן זיך מיט באַכמוטסקים האָט קיינער פון זיי קיין צו גרויסן חשק ניט געהאט. אַזוי איז, דאכט זיך, פאַראַן איין מענדעלע, אבער אַז עס קומט צו וואָס, לויפן גלייך אַן זיינע פעטערס מיט אַלע זייערע זין און איידעמס, און עס ווערט אַ ליאַרעם, אַ קאָך, עס ווערט פון אַ שטיינדל אַ באַרג, און ר׳ שמאַי דער אולער קוקט זיך דעמאָלט פון אַ זייט אויף אַלע צדדים גלייך, און צום סוף זאָגט ער צו מענדעלען, פאַר אַלעמען אין די אויגן:

— זיי נעמען זיך אָן פאַר דיר, האַ?

און מענדעלע לאַכט זיך פאַנאַנדער, ניט ווי ר׳ שמאַי, נאָר הויך אויפן קול:

— יאָ!

און זיי לאָזן אַלעמען איבער, אינמיטן דרינגען, און גייען זיך ביידע אינאיינעם ארויס פון שול. דער עולם בלייבט אַ צעטומלטער, אַלע צדדים גלייך, די צדדים ווערן איינס אויף דער מינוט, אַז גיי וויים זיי ביידן, דעם קאַלטן ליטוואַק, וואָס איז אַלעמען מבטל, און דעם מענדעלע באַכמוטסקי, וואָס טענהט זיך קיינמאָל מיט קיינעם ניט אויס, און עס אַרט אים אפילו ניט, אַז ער איז ניט גערעכט אויך!

אין שטאָט איז נאָך דערווייל שטיל געווען מיטן דאָקטאָר און מיט דער נייער קאַראַבקע, נאָר עס האָט שוין געשמעקט מיט אַ פרישער, גרויסער מחלוקה, און מען האָט אַלץ געוואַרט פון טאָג אויף טאָג, ביז מענדעלע האָט צונויפגערופן אַן אסיפה אין שול אַריין פון די עלטערע, פון די שטענדיקע באַלעבאַטים. צו דער אסיפה איז אויך געקומען ר׳ קאָפּל דער רופא מיט זיינע צוויי זין, און זיי האָבן זיך אַנידערגעזעצט אויף זייערע ערטער, פריער פאַר אַלעמען און אין דער ניט-היגער שטילקייט, וואָס איז פאַנאַנדער-געטיילט געווען אין באַזונדערע חלקים איבער דער גאַנצער שול, — וואו נאָר עס זיינען געשטאַנען עטלאַכע אידן אינאיינעם, דאָרט איז זיך באַזונדער שטיל געווען, — און ר׳ קאָפּל האָט שווער געאָטעמט, ווי אַן איבערגעשטאָפּטע גאַנז, און דער עלטערער זון זיינער האָט איטלאַכע ווײַלע געריפן צו אים: טאַטע! ווי ער וואָלט אים געמינטערט, ווי ער וואָלט אים געטרייסט.

די אסיפה איז געווען א גרויסע, און אָרע דער שמש האָט שוין א פּאטש געטאָן אין טיש, און מענדעלע באכמוטסקי איז שוין ארויף אויף דער בימה, האָט זיך שוין פארריכט די פּענסנע, נאָר דאָ האָט זיך מיט אמאָל דורכגעטראָגן אן אָפּגעהאקטער אויס-געשריי פון מויל צו מויל, איבער אלע ווינקעלאך פון שול, אז דער גאנצער עולם האָט זיך אזש א כאַפּ געטאָן פון די ערטער, און מענדעלע אליין האָט זיך אויך ארומגעקוקט און האָט זיך אויך א כאַפּ געטאָן. אין שול איז אריינגעקומען איטע-לאה, און נאָך איר איז נאָכגעגאנגען טריינע די אלמנה, און איטע-לאה איז געבליבן שטיין אינמיטן א צעשראָקענע, א פארלאָרענע, און טריינע איז זיך געשטאַנען אָפּגערוקט פון איר, מיט דער שבתדיקער קאָסינקע אויפן קאָפּ, מיט צונויפגעלייגטע הענט און א נחתדיקע אזא איינ-גאנצן, ווי זי וואָלט זיך געוואונטשן — אויף מיר אזא יאָר, אויף אלע אידן אזא מזל!

א רגע האָט קיינער גאָרניט געטאָן, אפילו ר' שמאי דער אולער אויך ניט, נאָר מענדעלע באכמוטסקי אליין איז באלד אראָפּ פון דער בימה, איז אויף גיך צוגעגאנגען צו איטע-לאהן, און האָט זי שטארק א נעם געטאָן פאר א האנט, און יאָ, ער איז מסכים, נו מסכים! ער האָט ניט געשריען אויף איר, נאָר געווען איז ער מענדעלע באכמוטסקי, און זי האָט אפריער געקוקט אויף אים, ווי זי וואָלט זיך געוואָלט אָן אים אָנכאַפּן, נאָר באלד האָט זי ארויס-געריסן די האנט אירע פון זיינער, און זי וויל ניט אים אליין, זי וויל, אז אלע זאָלן מסכים זיין, און ווי נאָר זי האָט ארויסגערעדט די ערשטע עטלאכע ווערטער, ווי זי האָט זיך אָפּגעריסן פון מענ-דעלען, אזוי האָט זיך שוין צעשפּילט ביי איר דער גאנצער פּנים אירער, און זי האָט א שאָט געטאָן מיט רייד צום עולם, ווי א הויפן מיט קאָלירטע שטיינדלאך, און דער עולם האָט זי געהערט א פאר-כאַפּטער ביי דער נשמה, ווי עס קוויקט זיך דאָס אויג מיט דער ריינער, בלויער סטענגע וואסער, וואס שלאָגט פון א קוואל ארויס מיט קינדערשן אומעט, און מענדעלע איז די גאנצע צייט ניט אָפּ-געטראָטן פון איר, האָט זיך ניט געמישט, נאָר האָט זי געהיט, און זי האָט מיטאמאָל אויפגעהערט רעדן, עפּעס אינמיטן דערינען. זי האָט ניט געוואוסט וואס צו טאָן מיט זיך, און די פּלוצלונג-

דיקע שטילקייט ארום, וואָס פריער האָט זי עס גאָרניט געהערט און ניט געזען, האָט איר איצט גענומען האַמערן אין די אויערן, קריכן אין די אויגן, און זי דאַרף נאָך עפּעס זאָגן, איין וואָרט כאָטש, און מענדעלע האָט איר שטאַרק געדריקט איינע אַ האַנט אירע, ער האָט זיך געגרויסט מיט איר, און זי איז שיר ניט צו־געפאַלן צו אים, פאַר אַלעמען אין די אויגן, נאָר איידל אַזוי און אָפּגעהיט אַזוי האָט ער זי גענומען אַרויספירן פון שול, ווי ער וואָלט זי איבערגעגעבן צו טריינען, און טריינע האָט זיך גדלותדיק אומגעקוקט צום עולם און האָט זיך געלאָזט אַרויסגיין נאָך איטע־לאהן.

אין שול האָבן זיך אַלע אַ שפּאַר געטאָן צו מענדעלען, פון אַלע זייטן אויפאַמאָל, און מענדעלע איז געשטאַנען אינמיטן און האָט געהאַלטן אין איין צורעכט מאַכן די פּענסנע, אַזוי האָבן זיי אַרומגעטאַנצט ביי אים אויפן נאָז, און ער איז שוין מער ניט אַרויף אויף דער בימה און עס איז שוין גאָרניט געווען קיין אסיפה, און אוודאי דאַרף מען האָבן אַ דאָקטאָר, מען מוז אים האָבן, און ר׳ שמאי דער אולער איז דערנאָך געגאַנגען מיט מענדעלען פון שול, און די נאַכט איז געווען אַ פינצטערע, נאָר זיי האָבן ניט געהיט זייערע טריט. מענדעלע איז געווען צעטראָגן־פאַרטראַכט, אַ פאַרטראָגענער, און ביי ר׳ שמאין האָבן ברוגזדיק געצוקט די ברעמען, און ער האָט זיך איצט ניט געגלעט די קאַלטע, סיווע באָרד זיינע, און גערעדט האָט ער אויך ניט בייסיק, ווי זיין שטייגער איז געווען, נאָר מיט אַ שאָטן פון אומעט אין די ווערטער:

— אַז דער מאַן איז אַ דאָקטאָר, איז די ווייב אַ דאָקטאָרשע, און אַז דער מאַן איז אַ רב, איז די ווייב אַ רביצין, אָבער דיין איטע־לאה דאַרף אינגאַנצן ניט האָבן, לחלוטין ניט!

און ווידער זיינען זיי געגאַנגען אין דער פינצטער ניט היטנ־דיק די טריט, און ר׳ שמאי האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט שאַרף אַ קוק געטאָן אויף מענדעלען, האָט אויף גיך אַראָפּגעשלונגען די גוטע נאַכט צו אים, ווי דאָס וואָלט איצט אינגאַנצן געווען אַן אי־בעריקע זאַך, און באַלד דערנאָך האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט גיין אַהיים, און מענדעלע איז אַריינגעקומען צו זיך אין שטוב, און דאָ האָט קענטיק איטע־לאה געוואַרט אויף אים די גאַנצע צייט. זי

האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן, האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו אים, נאָר פלוצלונג האָט זי זיך אָפּגעהאַקט און פון אירע אויגן האָבן זיך אַ גאָס געטאָן טרערן. מענדעלע האָט זי ארייַנגענומען אין זיינע אָרעמס, האָט זי איינגעקלאַמערט, און ביי אים אַליין האָבן זיך אויך ארויפגעגליטשט די פּענסנע, זיינען געבליבן הענגען און וויגן זיך אויפן גאָלדענעם קייטעלע, און ער האָט נאָך נענטער צו זיך אונטערגעהויבן דעם פּנים אירן, נאָענט אַזוי פאַר די אויגן:

— די קינדער שלאָפן שוין ?

— יאָ...

די קינדער זיינען שוין פון לאַנג געשלאָפן און מען וועט זיי ניט אויפוועקן, נאָר גערעדט האָבן זיי מאָדנע שטיל צווישן זיך, און אין עס-שטוב האָט שטאַרק געברענט דער גרויסער הענג-לאָמפּ, און זיי האָבן זיך אָפּגעקייטלט איינער פון אַנדערן, האָבן ביידע ניט געהאַט וואָס צו טאָן אין דער איבערגעריסענער רגע, און ניט אָנרירנדיק איינער דעם אַנדערן און ביידע ווי בלינדע זיינען זיי אינאיינעם אריין צו זיך, אין זייער אייגענעם חדר. — —

און ביי ר׳ קאָפּלען דעם רופא האָט מען געציטערט פאַר דער שיין אינדרויסן, מען האָט אַלץ געשטיקט אין זיך, און שיינע-רחל, וואָס האָט זיך ניט געקאָנט אויסטענהן אין מאַרק פאַר מענטשן, האָט ניט אויפגעהערט צו מאָנען ביי ר׳ קאָפּלען, אַז וואָס שווייגט ער ? פאַרוואָס לויפט ער ניט און פאַרוואָס טוט ער ניט ? און זאָל ער זיך נאָר ניט לייגן קיין פייגעלאַך אין בוזעם, עס וועט זיין אַ דאָקטאָר ! און ר׳ קאָפּל גיט אויף גיך אַ מאַך צו איר מיט דער האַנט : טאַ-טאַ !

זיי זיינען איצט ביי זיך, מאַן און ווייב, נאָר אַפילו ביי זיך, בחדרי-חדרים, ווייל ר׳ קאָפּל אויך ניט, אַז מען זאָל רעדן, און ער ליגט דערנאָך לאַנג מיט אָפענע אויגן און פרעגט ניט ביי דער ווייב, צי זי שלאָפט שוין. ר׳ קאָפּל האָט גאָרניט געזאָגט אויף דער אסיפה, אַ וואָרט ניט, נאָר אויסגעקומען איז עס עפּעס אַזוי, ווי ער אַליין וואָלט אויך מסכים געווען, און ער קאָן עס איצט קיינעם ניט געבן צו פאַרשטיין, מען וועט דאָך אים אָנקוקן ווי אַ משוגענעם, נאָר פון זינט דער אסיפה אָן — ווען איטע-לאה אַשטייגער וואָלט איצט געקומען צו אים מיט איר צעשפּילטן פּנים,

מיט אירע קינדערשע, געטרייע הענט, און וואָלט אים געזאָגט: איך וויל א דאָקטאָר, ר׳ קאָפּל, איך בעט אייך! וואָלט ער איר ניט געקאָנט אָפּזאָגן, ווי ער גיט שטענדיק נאָך זיינע אייגענע קינדער, און וואָס אין תוך אריין איז עס ניט מער ווי א קאַטאָוועס.

נאָר אין שטאָט אריין איז שוין טאַקע אָנגעקומען דער דאָקטאָר, גאָרניט אויף צופליסן, און געווען איז דער דאָקטאָר א הויכער, א דאַרער, מיט אונטערגעהויבענע אקסלען, מיט אן אריינגעזונקענעם האַלדז-און-נאַקן, און מיט אן אויסגעקראַכענעם קאָפּ האָר, און עפּעס אַזאַ איינער אינגאַנצן, אז אָט — און עס וועט זיך ביי אים ארויסכאַפּן: „אנטשולדיקט!" אפילו פאר א קינד.

ביי קאָפּלען האָבן לאַנג געשמייכלט די בלויע אויגן זיינע, — ווי באַטראַכט ער גאָר א חולה, אָט אַזאַ מין דאָקטאָר? — א דאַרער מענטש איז תמיד הונגעריק! — און אים אליין אפילו האָט שוין אָנגעהויבן פאַרדריסן, וואָס דער דאָקטאָר איז אַזאַ איינער, עס פּאַסט גאָרניט, אז כאָטש נעם און גיי צו איטע-לאַהן און זאָג איר — פּע, ניט שיין פאר אייך, איר וואָלט זיך געמעגט פאַרגינען אנאַנדערן! און דערנאָך איז ער געזעסן מיט זיין ווייב און קינדער, ר׳ קאָפּל דער רופא, האָט רחבותדיק געטרונקען די טיי נאָכן עסן און האָט מיושבדיק גערעדט צו זיין הויזגעזינט, אז מען האָט טאַקע ניט געדאַרפט געווען מאַכן קיין טאַראַראַם, עס איז אויך מיר א דאָקטאָר, מניע... און ער קאָן זיך איצט פאַרגינען, ר׳ קאָפּל, און ער פאַרגינט זיך טאַקע און זאָגט צו דער ווייב, אז זי אליין וואָלט דעמאָלט געדאַרפט געווען זיין אין שול, זען מיט די אייגענע אויגן איטע-לאַהן און אלץ מיט אנאַנדער, נאָר שיינע-רחל שלאָגט אים באַלד איבער אינמיטן:

— א גליק וואָלט מיך געכאַפּט.

ר׳ קאָפּל קוקט ארום זיין טיש, זיין הויזגעזינט, און מיט א גרינגן הארצן האָט שיינע-רחל אויף מאָרגן געעפנט די קראָם אויפן מאַרק, נאָר טריינע די אלמנה איז שוין ארומגעגאַנגען איבער דער שטאָט יעדן טאָג מיט א נייעם נס, אז דאָ האָט דער דאָקטאָר אָפּגעראַטעוועט א קינד, ממש ביי דעם מלאך-המות פון די נעגל ארויסגעריסן, און דאָרט עפּעס אנדערש, א נייער נס, און שיינע-רחל האָט אלץ געמוזט הערן און שווייגן, און דער כעס אין איר, וואָס

האָט זיך געקליבן דורכן טאָג און האָט דעם גאַנצן טאָג געמוזט שטומען, יעדע מינוט, יעדע רגע, ווערט צום סוף ווי א שטיין, וואס קאָן זיך ניט רירן, און אַז זי שטייט דערנאָך און טענהט צו ר׳ קאָפּלען, ביי זיך אינדערהיים, קומט עס שוין ארויס מיט א רחמנות צו זיך און צו די איריקע:

— נישקשה, איך אָן זיי קאָן זיך, ברוך השם, באַגיין, אָבער לאָמיר טאקע זען, ווי זיי וועלן זיך באַגיין אָן ר׳ קאָפּלען דעם רופא, אָט, לאָמיר טאקע זען!

און זי האָט שוין טאקע געזען, און ר׳ קאָפּל אליין האָט שוין אויך געזען, אַז קיינער שיקט שוין גאָרניט נאָך ר׳ קאָפּלען, ניטאָ, אָט, ווי עס וואָלטן זיך אינגאַנצן אויסגענומען די חולאים, א גע-בענטשטע שטאָט געוואָרן, און שיינע-רחל שרייט צו אים, אַז ער זאָל זיך ניט דערוועגן גיין צו א חולה, מען מעג זיך אפילו אויסציען פאַר אים, אויב א דאָקטאָר, טאָ זאָל זיין א דאָקטאָר! און לאָזן לאָזט זי אוים מיט א קללה צו טריינעס קאָפּ — טריינע מיט איר מיילאכל, וואס איז פול מיט סם, א שטאָט מענטשן, און מען ציטערט פאַר איר, ווײַלע אנדערש וואָלט מען סיידן געלאָפן אזוי צום דאָקטאָר?!

ביי דער טאָכטער ביי אירער, וואס האָט די חולאת, גיסן זיך שוועך אָן די אויגן מיט טרערן, און ר׳ קאָפּל זעט, וואָס עס טוט זיך מיט זיין קינד, און ער גייט צו איר צו און גיט איר א גלעט איבערן קאָפּ, און ביי שיינע-רחלען וואָלט איצט רעכט געווען צו כאַפּן אבי-וועמען פאַר איר טאָכטער, אפילו א הינקעדיקן, א טויבן, אָבי אָפּשטעלן די חופה, צודעקן די צרה, צודעקן דעם בזיון, און ערשט דערנאָך וואָלט זי זיי געוויזן, יעדן איינעם באַזונדער! א לעבן א גאַנצן האָט מען אַלעמען געדינט מיט ליב און לעבן, גע-דינט צו א שטאָט מיט מענטשן, און צום סוף צאָלט מען עס איר אָפּ אָט-אַזוי, האַ? אויף די שונאי-ישראל געזאָגט געוואָרן אזא יושר, גאָט אין הימל!

שיינע-רחל מאָנט א גערעכטע, האָט טענות צו אַלעמען, און ר׳ קאָפּל נעמט זיך אָן פאַר דער טאָכטער, און די טאָכטער איז ניט אין כעס אויף דער מאַמען, נאָר נאָענט איז זי צום טאַטן, און ער זאָגט דערנאָך שיינע-רחלען, אַז זאָל זי אים נאָר מער ניט

אריינמישן די קינדער, זיי זיינען ניט מחויב, און שיינע-רחל גיט זיך אים א שטעל אנטקעגן — און איך בין יאָ מחויב? נאָר איך אַליין בין מחויב?! וואָס זיינען זיי, עופעלאך? זיי מעגן שוין אויך וויסן!

ביי ר׳ קאָפּלען דעם רופא האָט מען זיך קיינמאָל ניט גע-קריגט, ער האָט עם ניט ליב, און ער האָט זיך שטיל מיישב געווען מיט זיך אַליין, ביז ער האָט זיך אויפגעהויבן, האָט זיך איינגע-פּאַקט די עטלאַכע זאַכן, וואָס א מענטש מוז האָבן, און איז אוועק-געפאָרן אין א דערבייאיקער שטאָט. שיינע-רחל האָט אים ארויס-באַגלייט פון שטוב, און דין האָבן געקלונגען די שליסלען אויף איר בויך, ווי טיף אין איר וואָלט זיך וואָס געצאַפּלט, און — זאָל ער פאָרן געזונטערהייט, זאָל ער טאקע פאָרן, נאָר אויף שבת מוז ער קומען אהיים, למען-השם, אנדערע מענער פאָרן טאקע אוועק פון-דערהיים אויף מער ווי אויף א וואָך, אויף א גאנצן יאָר פאָרן זיי אוועק, נאָר זי איז צו דעם ניט געוואוינט, און זי וויל ניט גע-פּרואווט ווערן . . . ר׳ קאָפּל האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט זיך אומ-געקערט צו איר, און זי איז געשטאַנען פאר אים מיט איר גאַנצער געטריישאפט צו אים, פון דעם ערשטן טאָג ביז דעם לעצטן, און ער האָט זיך אָנגעבויגן צו איר און זי האָט זיך אָנגעבויגן צו אים און זיי האָבן זיך שטארק צעקושט — פאר די קינדער אין די אויגן.

ר׳ קאָפּל איז דערנאָך אויף גיך ארויס פון שטוב, און שיינע-רחל האָט זיך אראָפּגעלאָזט אויף א שטול מיט די ביידע הענט ארום איר בויך, ווי זי וואָלט וואָס איינגעהאַלטן אין זיך, און די קינדער זיינען געשטאַנען ארום איר, אַלע פיר קינדער אירע, אויס-געוואַקסענע און מענטשן, זיי האָבן שוין אַליין געמעגט זיין טאַטעס און מאַמעס, און שיינע-רחל האָט געקוקט און געזען אין איר או-מעט, אז זי האָט טאקע ניט אומזיסט געלעבט אויף דער וועלט — געליובט איז דער אויבערשטער!

און ר׳ קאָפּל איז אָנגעקומען אין דער פרעמדער שטאָט אריין, נאָר אויך דאָ האָט מען שוין געוואוסט פון איטע-לאהן מיט איר דאָקטאָר, און ר׳ קאָפּל האָט זיך מיטאַמאָל ארומגעזען, אז איטע-לאה האָט פארשפּאַרט פאר אים די גאַנצע וועלט, און ער האָט

קוים איבערגעשלאָפן די נאכט, און א צערייצטער ווי א וואָלף איז ער גלייך אויף מאָרגן צוריקגעלאָפן אַהיים, — ער וועט אי־בערקערן די שטאָט!... נאָר די גאסן, וואָס האָבן זיך געצויגן פון וואקזאל אַוועק, זיינען זיך געגאנגען מיט זייער אייגענעם סדר, און ר׳ קאָפּל האָט ערשט איצט דערזען, צום ערשטן מאָל פאר אַזוי־פיל יאָרן, אַז די הייזער דאָ זיינען אַזוינע ווייסע, איינס אין איינס, אָט, ווי מען וואָלט זיי ערשט נעכטן אָפּגעקאַלכט... ר׳ קאָפּל האָט זיך פארקוקט אויף דעם מיט חידוש, און דערנאָך האָט ער באַ־געגנט א פּאָר באַלעבאַטים, און די באַלעבאַטים האָבן אים געקוקט גלייך אין פּנים אריין, ווי זיי וואָלטן זיך גאָרניט אומגעקוקט אויף אים — גוט מאָרגן, גוט יאָר! און מער גאָרניט. אָט, ווי עס וואָלט דאָ גאָרניט פאָרגעקומען, און שיינע־רחל אליין אפילו האָט ביי אים אויך ניט געפרעגט וואָס און ווען, נאָר ווי שוין איצט, אויף דער מינוט, וואָלט געוואָרן פרייטאָג־צו־נאכטס, פאר איר, פאר אַלע־מען. זי האָט פארבאָרגן געשיינט אין זיך, אַז איר יעדער קער און ריר איז געווען פול אָנגעגאָסן, און די קינדער ביים טיש האָבן אויך געשוויגן, נאָר ר׳ קאָפּלען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז עפּעס קוקן זיי זיך איבער צווישן זיך, און ע׳פּעטער, ביי זיך שוין אין קאמער, איז שיינע־רחל אזוי געווען גוט צו אים, האָט אזוי געציטערט אי־בער אים, ווי ער וואָלט געווען ביי איר א געפונענער, און די קינדער זיינען נאָך געזעסן ביי דעם אָנגעשטעלטן טיש מיט כל־טוב, אָט, ווי אָקאָרשט, מיט איין מינוט פריער, זיינען עס פון דאנען אוועק־געגאַנגען די געסט, און זיי האָבן זיך שטארק צוגעהערט צום קא־מער, נאָר געהערט האָבן זיי גאָרניט.

און ר׳ קאָפּל איז שוין געווען א געפּענטעטער, האָט שוין ניט געקאָנט ארויסגיין פון די האָלאָבליעס, און מיט רחמנות צו זיך און מיט א גוטסקייט צו יענעם איז ער שוין מער ניט געגאנגען אין שול אַריין יעדן טאָג, ווי זיין שטייגער איז געווען, איז מער אין ערגעץ ניט געגאנגען, און שיינע־רחל האָט דערפאר מער קיינעם ניט געשאָלטן, ניט געמאָנט, האָט ניט אָנגערירט קיינעמס נאָמען, און אין שטוב האָט שטענדיק געציטערט דאָס פאַרשווייגן פון עפּעס, דאָס ניט דערמאָנען די זאך, וואָס אלע ווייסן און פון וואָס אלע ליידן.

שיינע-רחל מיט די טעכטער גייען אינדערפרי אוועק אין קראַם, און די זין גייען זיך אויך אוועק צו זייערע אייגענע באַלע-באַטישע תבואה-געשעפטן, און ר׳ קאַפּל בלייבט אליין, און עס קלייבט זיך אין אים דעם גאַנצן טאָג ווי אין אַ פאַס, וואָס איז שוין אַזוי אויך פול, אַז עס וועט באַלד צעזעצן די רייפן, און אינאָוונט, אַז די ווייב מיט די קינדער קומען זיך צוריק צונויף, ווייל מען נאָר עפּעס פאַרגלעטן, אבי נאָר עס זאָל זיין שאַ-שטיל, נאָר ר׳ קאַפּל האָט זיך פון דער העלער הויט גענומען טשעפּען צו די טעכטער, צו די זין, אומזיסט-און-אומנישט, און צו שיינע-רחלען אויך, צו אַלעמען, אַז די קינדער האָבן שטיל גערעדט צווישן זיך — וואָס איז מיטן טאַטן? נאָר שיינע-רחל האָט גלייך אויף זיי אָנ-געשריען, ווי זיי וואָלטן גאָרניט געווען קיין דערוואַקסענע:

— טשעפּעט ניט דעם טאַטן! קינדער אויסגעהאָדעוועט, אַ נחת אַ גרויסער!

די קינדער טרעטן-אָפּ, שווייגן ווייטער, און שיינע-רחל וואָלט זיך איצט גערופט מיט זיי אוועקזעצן און געבן זיי צו פאַרשטיין, אַז ניט די פּרנסה האָט מען דאָ צוגענומען ביים טאַטן, ווער דאַגהט סיידן וועגן פּרנסה? נאָר דעם חיות זיינעם האָט מען דאָך פון אים צוגענומען, אָפּגעשניטן זיין לעבן, און קינדער, דערוואַקסענע וואָס זיי זיינען שוין, האָבן עס אליין געמעגט פאַרשטיין!

שיינע-רחל שטייט דעם גאַנצן טאָג אין קראָם אויפן מאַרק, און זי הערט זיך געגוג אָן פאַרן טאָג, ליידט זיך אָן גענוג, און אַז זי קומט דערנאָך אַהיים און קאָן דאָ אויך ניט געפינען קיין אָפּרו, כאַפּט זיך ביי איר אַמאָל ארויס אַ קללה אויף טריינען, ביז איינ-מאָל איז זי ארויסגעפּאָרן מיט אַ קללה אויף איטע-לאהן אַליין, נאָר ר׳ קאַפּל האָט זיך דאָ אַ כאַפּ געטאָן, ווי מען וואָלט אין אים אָנגעריירט זיין וואונד ביים הארצן, און שיינע-רחל האָט דערזען, אַז ער נעמט זיך גאָר אָן פאַר איטע-לאהן, ער נעמט זיך אָן פאַר איר, און זי האָט אַ פּאַטש געטאָן אין די הענט:

— קינדער, דער איד איז משוגע געוואָרן!

ביי דער עלטערער טאָכטער גיסן זיך שוער אָן די אויגן מיט טרערן, און הלוואי באַפאַלט איר איצט דער קאַפּוויטיק אירער, און ר׳ קאַפּל איז געזעסן מיט אויסגעצויגענע און צעשפּרייטע פיס,

האָט געאָטעמט ווי אַן איבערגעשטאָפּטע גאַנדז און האָט זיך ניט געווישט דעם קאַלטן שווייס פון פּנים, און שיינע-רחל האָט שוין אויף צו דער אמתן פאַרבראָכן די הענט — וואָס זאָלן מיר טאָן? און די צוויי זין אירע זיינען גלייך צוגעגאַנגען צום טאַטן, האָבן זיך אוועקגעשטעלט פאַר אים ווי די סאָלדאַטן, און מען וועט מער ניט שווייגן, זיי וועלן גיין, וועלן ברעכן שויבן, וועלן שלאָגן!

ר׳ קאַפּל האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, האָט זיי ביידן אָנגעקוקט, און ניט אין זיינע אויגן, און ניט אויף זיינע ליפּן איז ניט געווען קיין ברעקל כעס — כאַמולעס וואָס איר זענט, כאַמולעס!

דערנאָך האָט ער צוריק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ צו זיך אויפן האַרצן, און שיינע-רחל האָט אָפּגעשטויסן די זין אירע און האָט זיך אַליין אַ זעץ אַנידער געגעבן אַנטקעגן ר׳ קאַפּלען, און נישקשה, עס איז דאָ אַ גרויסער גאָט אויף דער וועלט, און ער פאַרשווייגט קיינעם ניט, איטע-לאהן אויך ניט!

ר׳ קאַפּל איז געווען אַליין, און זיי זיינען געווען אַלע, און שיינע-רחל האָט זיך אָפּגעווישט דאָס מויל און איז געבליבן קוקן אויף אים, וואַרטן פון אים, און זאָל ער נאָר איצט עפּעס זאָגן, ענטפערן איר אויף דעם, און צום סוף האָט זי צוגעלייגט, ווי זי וואָלט טאַקע אויסגעפירט:

— פאַר דעם אויבערשטן זיינען אַלע גלייך, אַלע!

די צרות און ליידן ביי ר׳ קאַפּלען אין שטוב זיינען געווען פאַרשלאָסן אין זייערע אייגענע פיר ווענט, אין שטאָט האָט מען שוין פון לאַנג ווי פאַרגעסן אויף דעם, און פאַר שיינע-רחלען איז עס געווען ווי זאַלץ אויף די וואונדן, וואָלט כאָטש איינער אַמאָל צוגעגאַנגען און עפּעס געזאָגט, עפּעס געפרעגט, עס איז גאָר קיינעם אינזינען ניט געלעגן, אַז כאָטש נעם און אַנטלויף פון דאַנען, וואו אָפּגעלעבט אַ לעבן און ניט געוואוסט, אַז צווישן שונאים, און מיט אַ ביטערקייט אין האַרצן האָט שיינע-רחל געזען, ווי עס טומלט זיך גאָר אין שטאָט מיט דעם, וואָס טריינע די אלמנה מאַכט חתונה איר טאָכטער.

די ערשטע מחותנתטע איז דאָ, פאַרשטייט זיך, געווען איטע-לאה, און איטע-לאה האָט ניט געוואָלט, אַז די חתונה זאָל זיין ערגעץ אויף טריינעס גוויאישע געסלאַך, נאָר ביי זיך אויפן הויף,

אין איר פריציישן גאָרטן האָט זי אויפגעשטעלט א גרויסן שאַלאַש, און מענדעלע אַליין האָט געשיקט אָרען דעם שמש צו די באַלע-באַטים פון שטאָט, פון באַלעבאָס צו באַלעבאָס, פון שטוב צו שטוב, און אַז מענדעלע מיט איטע-לאהן האָבן גערופן, האָבן פאַר-בעטן, איז צו דער חתונה געקומען קינד-און-קייט, פון דעם גרעסטן ביז דעם קלענסטן.

די נאַכט איז געווען א ליכטיקע און א זומערדיקע, מיט א זילבערנער לבנה אויפן מיטן הימל, און ניט אַלע, וואָס זיינען גע-קומען, האָבן גלייך געקאָנט אריין אין שאַלאַש, נאָר א קוק טאָן אינעווייניק אויף אזא חתונה האָט דאָך יעדער איינער געוואָלט אויף דער גיך, און מען האָט געטראָטן און צעטראָטן יונגע בוימ-לאַך, מען האָט געבראָכן צווייגן, און דער אַלטער גוי, וואָס דינען דינט ער טאַקע ביי מענדעלען, נאָר דער גאָרטן איז דאָך זיינער אָן איינענער, ער גיט אויף אים אכטונג, האָדעוועט אים — דער אַלטער גוי האָט געמיינט, אז עס ענדיקט זיך שוין די וועלט. ער האָט אַפריער געטריבן פון גאָרטן, דערנאָך האָט ער געשריען און געשאָלטן מיט טויטע קללות, ביז ער האָט א מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי מען לאָזט איבער א פעלד, וואָס איז באַפאַלן געוואָרן פון א היישעריק, און אַליין האָט ער זיך פארקליבן אין זיין ווינקל און איז פאַר כעס באַלד איינגעשלאָפן.

איטע-לאה האָט געטראָגן צו דער חתונה א גרינג, ליכטיק קלייד, נאָר ניט שענער פון דער כלהס, און די פערל און צירונג אירע האָט זי אויך אָנגעטאָן אויף דער כלה, די כלה דאַרף שיינען מער פון אַלעמען, און אויבן-אָן ביי דעם ווייבערשן טיש איז גע-זעסן די כלה אָן אויסגעפוצטע ווי א ליאַלקע, און לעבן איר זיינען געזעסן דיביידע מחותנתטעס, דעם חתנס מאַמע און דער כלהס מאַמע, איינע אנטקעגן דער אנדערער, ווי איטע-לאה אַליין האָט זיי אוועקגעזעצט, און דער כלהס מאַמע, טריינע די אַלמנה, האָט געקוקט אויף איר מחותנתטע און האָט זיך געשמאָלצן אין נחת, נאָר אויף קיין רגע האָט זי ניט פארגעסן, און האָט שטאַרק אָפּגע-היט דעם לייַדיקן אָרט לעבן זיך, וואָס איז געווען אָנגעגרייט פאַר איטע-לאהן, אז עס זאָל אויף דעם ניט פאַלן קיין שפּרינקעלע, און איטע-לאה האָט נאָך קיין צייט ניט געהאַט זיך צוצוזעצן אפילו.

זי האָט געזען, אַז עפּעס איז דאָ ניט אַזוי ווי עס באַדאַרף צו זיין ביים טיש, עפּעס פעלט דאָ, נאָר וואָס אַזוינס עס פעלט האָט זי ניט געוואוסט, איטע־לאה, און די ווייבער זיינען טאַקע געזעסן ווי געבונדענע — טאַקע פיין, טאַקע איידל, נאָר מיט אַ קאַלטער מינע אויפן פּנים. אויפן טיש זיינען אָנגעשטעלט געווען בוקעטן מיט בלומען פון דעם אייגענעם גאָרטן אַרויס, און דאָס האָט געאָטעמט פון זיך מיט פּריצישן איינפיר, מיט דער גבירישער פּרעמדקייט, גויאישע קווייטן גאָר אויף דער חתונה פון אַ יתומה, נאָר איטע־לאה האָט אַלעמען געבעטן, האָט צו אַלעמען גערעדט, האָט זיך געבעטן, און די ווייבער האבן זיך גרינג געלאָזט פון איר איבער־רעדן, און עס האבן זיך שוין פאַנאַנדערגענומען די הענט, און מען האָט שוין גענומען טונקען דעם פּוכקן האָניק־לעקאַך אין די שיינע, געשליפענע קעליושיקלאַך, וואָס האָבן פולע געשימערט מיט אמתן קאָניאַק, מיט דעם טייערן און זיסן וויין, און איטע־לאה איז געווען אַ גליקלאַכע.

און ביי דעם מאַנדזבילשן טיש איז אויבן־אָן געזעסן דער חתן, דעם חתנס טאַטע און מענדעלע באַכמוטסקי. אַרום טיש האָבן אַרומגעפּאַרעט די סאַרווערס, לאַנגע אידן מיט פאַנאַנ־דערגענומענע פּאָלעס און מיט הענט, ווי די פליגלען ביי אַ ווינט־מיל, און מיט אויסגעשטעלטע, יום־טובדיק פאַרפלעקטע זשילעטן, נאָר מענדעלע האָט זיך ניט געשאַפט מיט זיי — ער האָט גאָר יעדע ווײַלע אַליין אָנגעוויזן און געזאָגט צו אָרען דעם שמש, אַז דאָ זאָל ער אַזוי מוחל זיין און עפּעס דערלאַנגען, און דאָרט זאָל ער אַזוי מוחל זיין און עפּעס צונעמען.

די מאַנדזבילן האָבן געטרונקען לחיים, האָבן זיך געוואונטשן געזונט און הצלחה, זיך און אַלע אידן, כל־ישראל, און די גבירישע קאַפּעליע האָט ניט אויפגעהערט צו שפּילן, מען האָט זיך שטאַרק געוואָלט אויסשפּיינען, און איין באַלעבאָס און אַ צווייטער און אַ דריטער זיינען שוין אוועק אין אַ קאַראַהאָד, באַלעבאַטיש־איינגע־האַלטן אַזוי, מיט דרך־ארץ צו זיך, און די ווייבער ביי זייער טיש האָבן שוין אויך אויסגעטונקט צו עטלאַכע קעליושיקלאַך, און זיי האָבן געקוקט ווי מען איז זיך משמח און האָבן נחתדיק צוגע־פּלעשקעט מיט די הענט, ביז זיי אַליין האָבן שוין אויך אָנגע־

הויבן אונטערצוטאַנצן, באַזונדער פון די מאַנדזבילן, און מיט איטע־לאהן אינמיטן, און איטע־לאה האָט זיך דין ארויסגעשאַרט פון זיי, איז צוגעלאָפן צו מענדעלען, האָט אים אָנגעכאַפּט פאַר ביידע הענט, און האָט זיך מיט אים אוועקגעלאָזט אין אַ טאַנץ — אין אַן אמתן טאַנץ! נאָר ביי מענדעלען האָבן זיך גלייך אַראָפּ־געגליטשט די פּענסנע פון דער נאָז, און ער איז געבליבן שטיין ווי אַ בלינדער, און ווי מען וויל זיך אָפּטשעפּען פון אַ צעלאָזן קינד, וואָס איז טייער ווי דאָס לעבן, אַזוי האָט ער גענומען שרייען אויף איר, אַז זי זאָל אָפּלאָזן, אויפהערן, און זי האָט אים טאַקע באַלד אָפּגעלאָזט, נאָר אליין האָט זי ניט אויפגעהערט, זי האָט זיך גע־דרייט, האָט געפלאַטערט אינמיטן פון שאַלאַש, אין דער ליידיקייט, וואָס די ארומיקע אויגן האָבן פאַר איר אויסגעבעט, ביז עס איז ארויסגעקומען צו איר ר׳ שמאַי אולער. ארום איז נאָך שטילער געוואָרן, מען איז געשטאַנען אויף די פּיס, אַלע, און מיט אַן איינ־געהאַלטענעם אָטעם, און ר׳ שמאַי האָט זי אָפּריער באַטראַכט מיט צונויפגענומענע אויגן, ווי אַ שאַרפער מבין, און דערנאָך האָט ער ארויסגענומען ביי זיך פון דער הינטערשטער קעשענע אין סורדוט אַ געקעסטעלטע פאַטשיילקע, און איין ברעג פון דער פאַ־טשיילקע האָט ער אליין געהאַלטן און דעם צווייטן ברעג האָט אַ כאַפּ געטאָן איטע־לאה, שוועבנדיק ארום אים, און ער איז שוין געשטאַנען, ווי זי וואָלט איצט איינגאַנצן געווען אין זיין רשות, און זי האָט זיך געדרייט ארום אים, האָט געפלאַטערט, ווי אַ פויגל אַזאַ מיט צעשפּרייטע פליגלען, מיט אויפגעשטעלטע און צעשפּרייטע פעדערן, און ר׳ שמאַי אליין האָט גאָר, דאַכט זיך, ניט געטאַנצט, ער האָט נאָר געפירט און געהיט איטע־לאהן, נאָר באַלד האָט מען דערזען, אַז ער טאַנצט טאַקע יאָ, טאַנצט שטייענדיק אויף איין אָרט, מיט זיינע פּיס, מיט זיינע הענט, מיט זיינע אַקסלען און מיטן האַלדז־און־נאַקן, מיט אַלץ, וואָס אין אים, מיט אַלע זיינע רמ״ח אברים, און עס פלאַקערט ביי אים די קאַלטע, סיווע באָרד זיינע — ר׳ שמאַי דער אולער, אַ מתנגד, האַ?!

דער עולם האָט נאָך עפּעס אַזוינס קיינמאָל ניט געזען, און איטע־לאה האָט זיך אָפּגעשטעלט די ערשטע, אַן אויסגעמאַטערטע אַזאַ, אַז זי איז שיר ניט אומגעפאַלן, נאָר מענדעלע איז די גאַנצע

צייט ניט אָפּגעטראָטן פון איר, האָט זי שטאַרק געהיט, און ער האָט זי איצט אונטערגעכאַפּט, האָט זי אַריינגעלייגט אין זיין אויסגעבויגענעם אָרעם, און זי האָט זיך צוגעשפּאַרט, האָט אָפּגערוט א רגע, און דערנאָך האָט זי אַליין אויך געקוקט א פּאַרכאַפּטע, און ר׳ שמאי האָט נאָך אַלץ ניט אויפגעהערט, נאָר באַלד נאָך איטע-לאהן האָט ער אויך אַרויסגעלאָזט די פּאַטשיילקע, און די פּאַטשיילקע איז געבליבן ליגן לעבן אים אויף דער ערד, ווי זי וואָלט אויך געטאַנצט ווי ער, וואָלט אים אונטערגעהאָלפן... ר׳ שמאי האָט ניט אויפגעהערט צו טאַנצן, נאָר עס האָט זיך אויסגענומען ביז צום לעצטן טראָפּן, עס איז אויסגעגאַנגען ווי א ליכט, און מענדעלע האָט אויף גיך א זאָג געטאָן צו אָרען דעם שמש, אַז ער זאָל דערלאַנגען דריי בעכערס מיט וויין, איין בעכער פאַר זיך און איין בעכער פאַר איטע-לאהן און איין בעכער פאַר ר׳ שמאי דעם אולער, און ר׳ שמאי איז, דאַכט זיך, געווען אַזאַ ווי אַלעמאָל, א רואיקער און א קאַלטער, און געשטאַנען זיינען זיי אינדרייען ווי אין א סגל, נאָר אַז ר׳ שמאי האָט אַריינגענומען דעם בעכער, האָט מען געזען, אַז עס ציטערט ביי אים די האַנט זיינע — פון דעם בעכער איז אַרויסגעפאַלן א טראָפּן און נאָך א טראָפּן...

מענדעלע האָט געזאָגט לחיים, האָט זיך צעקושט מיט איטע-לאהן, נאָר צוגערירט צום בעכער האָט ער זיך נאָך ניט, און איטע-לאה אויך ניט, און מענדעלע האָט געקוקט אויף ר׳ שמאי און איטע-לאהן, ווי ער וואָלט געוואַרט, אַז זיי זאָלן זיך אויך צעקושן, און איטע-לאה האָט טאַקע אויסגעצויגן דעם האַלדז אירן און זי האָט אויך געוואַרט, און ר׳ שמאי האָט אויסגעשריען ווי אויפן מיטן פעלד — לחיים! און זיי האָבן זיך צעקושט.

אַרום איז געוואָרן א געפּאַטשעריי אין די הענט, מען האָט זיך געפרייט ווי די קינדער, און די גרויסע קאַפּעליע האָט עס גלייך אונטערגעכאַפּט מיט א צעגאָסענעם פריילאַכס, און מענדעלע באַכמוטסקי האָט זיך שוין צוריק אַוועקגעזעצט אויף זיין אָרט אויבןאָן, און איטע-לאה איז אַוועק צו די ווייבער, מיט די ווייבער, און ר׳ שמאי האָט מיט איין קוק דורכגעשניטן דעם גאַנצן שאַלאַש, האָט א קרים געטאָן זיינע ביטערע ליפּן און האָט זיך אָפּגערוקט אָן א זייט, זייער אָפּגעהיט און איינער אַליין.

מענדעלע האָט דאָרט געטרונקען לחיים מיט אַנדערע אידן, און איטע־לאה האָט זיך אַרומגעדרייט צווישן די ווייבער, האָט מכבד געווען, האָט דערלאַנגט, און אָט דערהערט זיך איר קול, אַ וואָרט פון איר איינגעוויקלט אין אַ געלעכטער, אַז ר׳ שמאי נעמט זיך מיט אַ פולער האַנט אַריין די באָרד זיינע, און איטע־לאה קוקט איטלאַכע ווײַלע אַהין, וואו ר׳ שמאי זיצט, נאָר אַז זי דערזעט אים, כאַפּט זיך אירע אויגן גלייך צו פון דאָרט, און ר׳ שמאי האַלט אַראָפּגעלאָזט די ברעמען און זיינע צונויפגענומענע אויגן שטעכן זיך אין דער ערד אַריין, ווי צוויי שפּיזן, טיפער־טיפער־טיפער, ביז ער גיט זיך מיטאַמאָל אַ שטעל־אויף, ווי שוין אָפּגעמאַכט ביי זיך, און ווי אָפּגעשטויסן יעדן איינעם אויף זיין וועג, גייט ער דורך דעם גאַנצן שאַלאַש, און גייט צו צו איטע־לאהן און זאָגט איר, נאָר צו איר אַליין:

— אַ גוטע נאַכט, מחותנתטע!

זיינע אויגן האָבן איצטער ווייך געגלאַנצט, ווי אַ טיפער וואַסער, און איטע־לאה האָט געקוקט אויף אים מיט אַ גוטער צעשראָקנקייט צו זיך און צו אים, נאָר איידער זי האָט אים וואָס געזאָגט, גענטפערט, האָט ער זיך שאַרף פון איר אָפּגעקערט און האָט זיך אַ גלייכער, אַן אויסגעגלייכטער געלאָזט אַרויסגיין פון שאַלאַש, אַוועקגיין — מיט אַ נעמאַכטער געהויבנקייט.

איטע־לאה האָט געוואָלט אַ געשריי טאָן צו מענדעלען, רופן אים צו זיך, אַ וואָרף טאָן זיך צו אים, נאָר זי האָט דאָס ניט געקאָנט אויף דער ערשטער רגע, און אַ דערשראָקענע איז זי געבליבן שטיין און קוקן, ווי געזען דעם שיין, ווי געהערט דעם געלעכטער פון אַ קינד, וואָס שפּילט זיך ערגעץ ווייט, און בלייך און פאַרלאָרן האָבן געציטערט ביי איר די באַזונדערע פינגער אירע, אַז זי האָט מיט זיי ניט געקאָנט צורעכט מאַכן זיך די האָר אויפן קאָפּ, און זי האָט שוין געוואָלט איבערלאָזן אַלעמען און אַרויסגיין פון שאַלאַש, נאָר דאָ האָט זי זיך מיטאַמאָל געכאַפּט, אַז עס געדויערט שוין לאַנג אָט אַזוי און אַז פרעמדע מענטשן אַרום זעען און הערן, און אויף דער גיך און פאַרבאַהאַלטנדיק אַלץ אין זיך, ווי אָפּגעלייגט אויף שפּעטער, האָט זי זיך ווידער אויסגעמישט מיט די ווייבער, האָט זיי מכבד געווען, האָט מיטן גאַנצן האַרצן

געוואַלט, אַז זיי זאָלן זיך פּרייען, ווי זי אַליין האָט זיך געפרייט, נאָר פּלוצלונג דערמאָנט זי זיך ווידער אויף דעם, ווי מיט א שטאָך פון א דינער נאָדל, און זי מוז שוין איצט ארויסלויפן פון שאַלאַש, נאָר מיט אַלע אירע כוחות וואַרט זי איבער די רגע, מאַכט אַזש צו די אויגן, און פון די ווייבער גייט זי ניט אַוועק.

אַט אזוי האָט זיך נאָך לאַנג געצויגן די חתונה, און איטע-לאה האָט דערנאָך אַלעמען ארויסגעבאַגלייט, ביז צו דעם קלענסטן, און אינדרויסן, פאַר די פאַנאַנדערגענומענע פּאָרהאַנגען פון שאַ-לאַש, איז שוין געשטאַנען גרויסער טאָג מיט א זון אויפן הימל, ווי א פאַרנאַכטיגע לבנה, און אַליין ווי דער בלייענער פארטאָג האָט איטע-לאה אויסגעהערט און צוגענומען די אַלע ברכות און גליק-ווינטשעוואַניעס, וואָס האָבן זיך געשאָטן אויף איר פון אַלע זייטן, און מער ווי שמייכלען פאַרלאָרן און קוים ארויסרעדן א דאַנק, א דאַנק! האָט זי גאָרניט געקאָנט, און מענדעלע איז די גאַנצע צייט געשטאַנען לעבן איר, נאָר געמישט האָט ער זיך ניט, ער איז נאָר געשטאַנען ווי א באַהעלפער אירער, און זי איז דער-נאָך אָפּגעשלאָפן דעם גאַנצן טאָג, און צו פאַרנאַכט-צו, אַז זי האָט געעפנט די אויגן און האָט זיך געוואָלט אויפזעצן אין בעט, האָט זי שארף דערפילט די אָנגעגאָסענע שווערקייט אין אַלע אירע אברים. זי האָט געמיינט, אַז זי וויל נאָך שלאָפן, און זי האָט צוריק אַוועקגעלייגט דעם קאָפּ, און מיט פאַרמאַכטע אויגן האָט זי גע-פרופט אויפהויבן א האַנט, א ריר טאָן מיט א פוס, נאָר מענדעלע איז שוין געשטאַנען לעבן איר, האָט איר געגלעט דאָס פּנים, דעם שטערן, דעם קאָפּ, און זי האָט זיך געקלאָגט פאַר אים, אַז עפּעס איז איר, ווי מען וואָלט איר געשלאָגן מיט א שטעקן איבערן לייב, איבער די ביינער, און באַלד איז געקומען דער דאָקטאָר, דער אידישער, איר אייגענער דאָקטאָר, און ער האָט געזאָגט, אַז עס איז איר גאָרניט, עס איז נאָר צופיל געווען פאַר אירע כוחות, און צו דעם נאָך א גרינגע פאַרקילונג.

נאָר איטע-לאה האָט זיך ניט געקאָנט אויפהויבן פון בעט, ניט אויף מאָרגן און ניט אויף איבערמאָרגן, און ביי טריינען אינדערהיים איז דאָך געבליבן א יונג פּאָרפּאָלק, און ווי לאָזט מען עס איבער אַליין חתן-כלה באַלד נאָך דער חתונה, אויף מאָרגן

נאָך דער חופה? נאָר טריינע האָט גאָרניט געוואָלט פון דעם הערן און גערדיינקען, זי איז ניט אָפּגעטראָטן פון איטע-לאהס שוועל, האָט דאָ געטאָגט און געבענטשיקט, האָט אַלץ געקוקט דעם דאָקטאָר אין מויל אריין, און נאָר אויף איין ווילע איז זי ארויס פון שטוב און איז אוועק איבער דער שטאָט, אין שול אריין, אז מען זאָל זאָגן תהלים, איטע-לאה איז פארביי!

און ר׳ קאָפּל דער רופא פארשפּארט זיך יעדן אויפדערנאכט, מיט זיין ווייב ביי זיך אין קאמער, און זי דערציילט אים אַלץ וואָס זי האָט זיך אָנגעהערט פארן טאָג אויפן מארק, און ר׳ קאָפּל זאפּט עס אריין אין זיך, און שטיל ביי זיך, בחדרי-חדרים, רייבט ער זיך אַזש די הענט. איטע-לאה האָט ערגעץ-וואו א מכה, א געשוויר אין א פארבאָרגענעם אָרט, און ר׳ קאָפּל וואַרט, אַז אָט, און מענדעלע אליין וועט אים שיקן רופן, וועט שיקן נאָך אים. שיינע-רחל שלאָפט שוין פון לאנג, און אין פענצטער קוקן אריין א סך שטערן און ביי ר׳ קאָפּלען זיינען אָנגעגאָסן די הענט, אַז די אָנגעגאָסענע פינגער זיינע טאַפּן שוין אָן די מכה ביי איטע-לאהן, און א פיר מיטן לאנצעט, א רגע, א פינטל מיטן אויג, און איטע-לאה איז שוין א געראטעוועטע, און זי קוקט דערנאָך אויף אים מיט איר צעשפּילטן פנים און זאָגט אים א שולדיגע — א דאנק אייך, ר׳ קאָפּל! און ער רעדט איר גאָרניט אויס, ער האָט צו איר גאָלע גאָרניט, נאָר וויפיל מכות האָט ער שוין געעפנט, וויפיל מענטשן געראטעוועט?

ר׳ קאָפּל האָט געוואַרט אויף דעם לאנגע טעג און יעדע רגע פון טאָג, יעדע רגע אין דער וואָכיקער נאכט, נאָר אָנשטאָט צו שיקן נאָך ר׳ קאָפּלען, איז מען גאָר אוועקגעלאָפן קיין קיעוו נאָך א פּראָפעסאָר, און טריינע איז געלאָפן מעסטן דעם בית-עולם, רייסן קברים, און זי וועט עס ניט אריבערטראָגן, זי וועט זיך אָנטאָן א מיתה, זאָל נאָר דער אויבערשטער ניט שטראָפן פאר די רייד!

איטע-לאה האָט געברענט אויף בײדע לונגען, אזוי האָט מען גערעדט אין שטאָט, און ר׳ קאָפּל האָט געזען, אז מען טאָר שוין לייגער ניט וואַרטן, עס איז סכנת-נפשות, און ער האָט שוין אליין געוואָלט גיין צו איטע-לאהן און זאָגן איר, אז מען דאַרף

איצט ניט פראוועז קיין ברוגזן, מען איז שוין ברוך-השם מער קיין קינדער ניט! און זיינע פינגער, וואס זיינען איצט שטענדיק אָנגעגאָסן, שטענדיק גרייט, רירן זיך פּאַמעלאַך אָן, א שפּיץ פינגער צו א שפּיץ פינגער, ווי עס פראוווט א שוחט זיין חלף, און דאָס גיט אים הנאה, און שיינע-רחל, אז זי כאַפּט זיך אויף אינמיטן דער נאכט און דערזעט, אז ער שלאָפט ניט, שרייט זי געטריי אויף אים אָן, ווי זי וואָלט אויך געוואוסט פארוואס ער האַלט אָפן זיינע אויגן:

— שלאָף, אז מען וועט דיך דארפן, וועט מען דיך אויפוועקן!

נאָר מען האָט אים ניט געוועקט, מען האָט אים ניט באַדארפט, און איינמאָל, אין א פארנאכט, ווען די זון א רויטע האָט זיך אריינגעפלאָנטערט צווישן די געדיכטע צווייגן פון דעם אַלטן בארנבוים ביי די באכמוטסקים אין גאָרטן, און אינעווייניג אין שטוב ביי די באכמוטסקים איז געווען אזוי, ווי אין א מויער מיט אראָפּגעלאָזטע פארהאַנגען, האָט איטע-לאה א קוק געטאָן אויף אַלעמען, וואס זיינען געשטאַנען ארום איר בעט, מיט איין קוק אויף אַלעמען, ווי זי וואָלט זיי אַלעמען איינאיינעם געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר דאָ האָבן זיך פלוצלונג אָפּגעשטעלט ביי איר די אויגן אירע, זיינען געוואָרן ווי גלעזערנע, און פון איר פארברענטן מויל, פון די פארברענטע ליפּן, איז ווייס, ווי א טויב, ארויס דער לעצטער אָטעם אירער, די ריינע, כשרע נשמה.

ר׳ שמאי האָט זיך א וויג געטאָן מיט פארמאכטע אויגן, ווי ביי א ברכה, און דערנאָך האָט ער א שפּאַן געטאָן צו מענדעלען, און ווי א טאטע האָט ער אים אָנגענומען און ארויסגעפירט פון חדר, האָט איהם אריינגעפירט אין זאַל, האָט אים דאָ אנידערגעזעצט אין דעם גרויסן פוטעל, און מענדעלע האָט אים אָפּגעהיט געענטפערט אויף דעם:

— א דאנק.

מער האָט ער קיינעם גאָרניט געקומט, האָט זיך פאנאנדערגערעכנט מיט אַלעמען, און ר׳ שמאי האָט זיך א צופּ געטאָן די באָרד, און מענדעלע האָט אראָפּגענומען די פענסנע, האָט צוגעמאכט די אויגן, האָט אוועקגעלייגט דעם קאָפּ זיינעם אויפן הויכן

ווענטל פון פוטעל, און ר׳ שמאי האָט זיך פּאַמעלאַך געלאָזט אָפּ־טרעטן פון אים, און ביי מענדעלען האָבן שאַרף א צוק געטאָן די ליפּן, און ר׳ שמאי האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט געוואַרט, נאָר מענדעלע האָט ניט געעפנט די אויגן.

אין שטוב איז שוין געווען גוט פינצטער, די זון דאָרט אין גאָרטן האָט זיך שוין איינגאַנצן ארויסגעפּלאָנטערט פון דעם אלטן באַרנבוים, און פאַרנאַכטיק־שטיל האָבן געזשומט די צווייגן, די שאַטנדיקע בוימער, און דער טויט איטע־לאַהס האָט זיך צעטראָגן איבער דער שטאָט מיטן פאַרנאַכטיקן ווינטל, און ר׳ קאָפּל דער רופא האָט זיך גלייך א כאַפּ געטאָן, איז ארויסגעלאָפן פון שטוב ווי א ליב פון שטייג ארויס, האָט זיך אוועקגעלאָזט מיט דער גאַס, נאָר אויפן גאַס זיינען שוין געשטאַנען רעדלאַך מיט מענטשן, און ר׳ קאָפּל האָט זיך פּלוצלונג אָפּגעשטעלט, און פון אלע זייטן האָט מען, דאַכט זיך, געטייטלט אויף אים מיט די פינגער, און אָט באַלד און מען וועט אויף אים אָנפאַלן, מען וועט אים פאַרשטיינען, און ר׳ קאָפּל האָט זיך שוין גענומען שאַרן אויף צוריק, איינגע־הויקערט און האַרט ביים פּלויט, האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין שטוב אַריין, האָט פאַרהאַקט נאָך זיך די טיר און האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף א שטול, אז די קינדער זיינען אלע מיטאַמאָל צוגעלאָפן צו אים — דער טאַטע חלשט! דער טאַטע חלשט! נאָר ר׳ קאָפּל האָט געקוקט אויף זיי מיט קלאָרע אויגן און האָט געפירט דעם קאָפּ אויף ניין — ער חלשט ניט...

און שיינע־רחל איז היינט פריער געקומען פון מאַרק, און ר׳ קאָפּל איז שוין געלעגן אין בעט, ער האָט צוליב געטאָן די קינדער, און שיינע־רחל האָט ניט געפרעגט וואס און ווען, ווי זי וואָלט געוואוסט, אז ער דאַרף טאַקע איצט קראַנק זיין, און זי האָט אים פריער פון אלץ צוגעטראָגן צום בעט א שטאַרקע גלאָז טיי מיט איינ־געמאַכטס, און ער האָט איין זופּ געטאָן און האָט עס באַלד אָפּגע־שאַרט פון זיך, די טיי און די הענט אירע און זי אינגאַנצן.

און אויף מאָרגן איז געווען די לויה. אָרע דער שמש האָט אויסגערופן אויפן מיטן מאַרק, אז מען זאָל פאַרמאַכן די קראָמען, נאָר אין די קראָמען איז סיי־ווי־סיי ניט געווען ווער עס זאָל קויפן און ווער עס זאָל פאַרקויפן, די גאַנצע שטאָט איז נאָכגעגאַנגען נאָך

דער לויה, ווי עס שווימט א טייך איינגעקלאַמערט אין ברעגן, און ביים אָפענעם קבר איז פּלוצלונג ארויסגעטראָטן ר׳ שמאי דער אולער, מיט זיין סיוועך באָרד ווי א נאַקעטער שווערד אויף דער זון, פון דעם גאַנצן עולם ארויס, און ער האָט אָנגעהויבן דער ערשטער, ווי ער וואָלט אָנגעוויזן מענדעלען, געפירט אים נאָך זיך:

— יתגדל ויקדש שמיה רבא!

און ווי א געזאַנג פון דער ערד, וואָס האָט אריינגענומען אין זיך איטע-לאהן, האָט זיך געטראָגן צום הימל דער צער פון א שטאָט מיט אבלים, און נעענטער זיינען צוגעטראָטן די ארומיקע גרינע פעלדער, און מיט דעם טרוקענעם גערויש פון זאַנגען, וואָס עס קאָמט זיי א ווינט, האָבן די פעלדער געזאָפּט אין זיך דאָס געוויין פון אַלט און יונג — עס האָט געוויינט א שטאָט מיט מענטשן.

און ר׳ קאָפּל דער רופא איז געלעגן אין בעט א טאָג און צוויי טעג און דריי טעג, און שיינע-רחלען איז עס שוין אינגאַנצן נמאס געוואָרן און זי האָט געטענהט צו די קינדער, האָט געשריען אויף זיי:

— וועמען באַווייגט ער עס, דער טאַטע אייערער? וועמען?! די גוטע פריינט אונזערע? ווייניק נאָך אונזער בלוט פארזאָפּט, ווייניק נאָך! וואָס וויל ער?

ר׳ קאָפּל איז מיט כעס ארויס פון בעט, האָט זיך מיט כעס אַנידערגעזעצט צום טיש, און דער טיש איז שוין געווען געגרייט און ארום זיינען געזעסן די קינדער, נאָר געגעסן און געזעסן איז מען אזוי, ווי יעדער איינער באַזונדער וואָלט געטראָגן אין זיך א שלעכטע בשורה, און שפּעטער, אז ר׳ קאָפּל מיט שיינע-רחלען זיינען שוין געבליבן אַליין אין זייער אַלקער, האָט ר׳ קאָפּל געוואָלט רעדן מיט דער ווייב מיט זיינער, וואָס איז דאָך פון שטענדיק-אָן געווען א מענטש א בר-דעת, אז מילא, די קינדער זיינען קינדער, אבער זי אַליין, שיינע-רחל? א לעבן א גאַנצן איז ער כסדר געווען ר׳ קאָפּל דער רופא, און דאָ, אז עס איז טאַקע געקומען צו וואָס, איז ער געזעסן מיט צונויפגעלייגטע הענט און האָט

געוואָרט ווי אַ מחותן, — דאַרף מען אים ניט צערייסן אויף שטיקער?

נאָר שיינע־רחל איז שוין געלעגן אין בעט, האָט זיך מיט הנאה געצויגן די שווערע גלידער אירע, און האָט צום סוף אַ שטאַרקן געגעץ געטאָן, — אַז פאַר דעם אויבערשטן זיינען ניטאָ קיין מיוחסים און קיינער לעבט ניט אייביק. ר׳ קאָפּל האָט גע־וואָלט אַרויסקריכן פון בעט, האָט אינגאַנצן געוואָלט אַוועקגיין פון אַלקער, נאָר ער האָט צוגעמאַכט די אויגן, און שיינע־רחל האָט געמיינט, אַז ער שלאָפט, און זי האָט נאָכאַמאָל אַ צי געטאָן אַ האַנט, אַ פוס, האָט אָפּגעקרעכצט און איז אויך איינגעשלאָפן.

ר׳ קאָפּל האָט געפּרוּווט אַ הוסט טאָן, נאָר זי האָט זיך ניט אויפגעכאַפּט, זי איז טאַקע געשלאָפן, און ר׳ קאָפּל האָט זיך שטיל אויפגעזעצט אין בעט, האָט אַראָפּגעלאָזט די נאַקעטע פיס זיינע אויף דער קאַלטער פּאָדלאָגע, האָט זיך אַ פּיר געטאָן מיט אַ האַנט איבער דער באָרד, האָט צורעכט געמאַכט די יאַרמולקע אויפ׳ן קאָפּ, און אַלץ מיט אַ סדר אַזוי, ווי ער וואָלט זיך ערשט איצט גע־קליבן צו באַטראַכטן עפּעס, צו באַקלערן עפּעס, נאָר פון שיינע־רחלען, ווי זי איז געלעגן און געשלאָפן, האָט פון איר געשלאָגן אַ שטאַרקע וואַרעמקייט, און ר׳ קאָפּל האָט דאָס איצט ניט געקאָנט פאַרליידן, און ער האָט זיך אויפגעהויבן, איז אינגאַנצן אַרויס פון אַלקער, און דאָ, אין דעם אַנדערן חדר, איז געשלאָפן די עלטערע טאָכטער זיינע, און זי האָט זיך גלייך אַ כאַפּ געטאָן, ניט פון שלאָף, זי אַליין איז אויך ניט געשלאָפן, און זי האָט געקוקט אויפן טאַטן, און ר׳ קאָפּל איז געבליבן אינמיטן דרינען, אַז ניט אהער און ניט אהין, ווי מען וואָלט אים דאָ געכאַפּט ביי דער האַנט, און זי האָט זיך צוריק אַוועקגעלייגט, האָט זיך ניט צוגעדעקט, און האָט זיך שטיל אָפּגערופן צו אים:

— קאָנסט ניט שלאָפן, טאַטע?

זי ווייסט אַלץ, די טאָכטער זיינע, זי פאַרשטייט אַלץ, און ר׳ קאָפּל האָט זיך אַזוי דערפרייט, און ער איז צוגעגאַנגען, האָט זיך אַנידערגעזעצט ביי איר אויפן בעט, און עס האָט זיך אים אַזוי געוואָלט איר צוזאָגן עפּעס, טרייסטן זי, און אַ פולער מיט רחמנות, צו איר, צו זיך און צו אַלעמען, האָט ער מיט דער קאַלדרע צוגע־

דעקט אירע נאַקעטע אַקסלען, וואָס האָבן מיידלש געבלאַנקט פאַר די אויגן אין דער פינצטער, ווי מען דעקט־איין אַ קינד, האָט איר אָנגעזאָגט, אַז זי זאָל שלאָפן, און איז צוריק אַריין צו זיך אין אַלקער אַריין. ער האָט איצט באַדאַרפט עפּעס דערציילן שיינע־רחלען, גלייך אויפן אָרט, און שיינע־רחל האָט מיטאַמאָל פאַנאַנדערגעריסן די אויגן, האָט דערזען, אַז ער שלאָפט ניט, און זי האָט עפּעס געגומען מורמלען צו אים, ווי מען רעדט פון שלאָף, און באַלד האָט זי ווידער געעפנט די אויגן, האָט אים לייגגער אָנגעקוקט, און מיט אירע גלידער, וואָס האָבן זיך נאָך געצויגן אין זייער זיסן שלאָף, האָט זי אים וואַרעם אַריינגענומען אין זיך, ווי אַ מאַמע נעמט־אַריין איר קינד, ווי אַ מאַמע גיט דעם קינד אַ רפואה, און אַ סך שפּעטער, אויף מאָרגן שוין, אַז ר׳ קאָפּל האָט געעפנט די אויגן, איז אין דער גאַנצער שטוב געווען שטיל און פול מיט זון, — שיינע־רחל מיט די טעכטער זיינען געווען אין קראָם אויפן מאַרק און די זין זיינען אויך ניט געווען אינדערהיים.

ר׳ קאָפּלען איז גרינג געווען אויפן האַרצן, ווי אָקאָרשט נאָך אַ קריינק, און אויפן טיש איז אָנגעגרייט געווען פאַר אים דער אָנבייסן, שיינע־רחל טוט עס שטענדיק אַזוי, איידער זי גייט אַוועק אין קראָם, נאָר ר׳ קאָפּל קוקט היינט אויף דעם, ווי עס וואָלט געווען אַ נייס, און ער רירט זיך צו דעם ניט צו, אַזוי זשאַלעוועט ער די גוטסקייט, די געטרייקייט, און עס פאָרן זיך צונויף אין אים שיינע־רחל און איטע־לאה, און ער לאָזט זיך אַראָפּ אויף אַ שטול, ווי ער וואָלט טאַקע שלאָף געווען. נאָר באַלד טוט ער אַ כאַפּ אויף זיך דעם שבתדיקן סורדוט, צעקאַמט זיך ברייט די באָרד זיינע און לאָזט זיך גיין צום דאָקטאָר, וואָס איז געבליבן נאָך איטע־לאהן. ער וועט מיטן דאָקטאָר רעדן וועגן איטע־לאהן, אַ רופא און אַ דאָקטאָר זיינען דאָך ווי איינס, זיי ווייסן ביידע וואָס מיט דעם מענטשן טוט זיך, און ביי דעם דאָקטאָר, אַז ר׳ קאָפּל איז געקומען צו אים, איז אָנגעוואָרפן געווען מיט פּעק און טשעמאָדאַנען, ווי מען וואָלט זיך דאָ געקליבן אין וועג אַריין. דער דאָקטאָר ווייסט זייער גוט ווער קאָפּל איז, און ער האָט אים טאַקע גלייך אָנגעוויזן מיט אַ האַנט אויף די פּעק, אַז ער פאָרט אַוועק, און ווי

עס וואָלט דאָך שוין מער ניט געווען וועגן וואָס צו רעדן, איבער וואָס צו אמפּערן זיך, האָט זיך דער דאָקטאָר צוריק אומגעקערט צו די פּעק, און ר׳ קאָפּל איז געבליבן א צעטומלטער, אז ניט דאָס האָט ער געמיינט, אדרבה, גאָרניט דאָס! נאָר דער דאָקטאָר האָט ניט געזען ר׳ קאָפּלס בלויע אויגן, וואס האָבן זיך קינדיש אַזוי געבעטן, און ר׳ קאָפּל האָט געזען, אז ער פּאַרלירט דאָ ווידער עפּעס, אויף אייביק, און ער איז צוגעטראָטן צום דאָקטאר און האָט אים געזאָגט, ווי א חולה צו א דאָקטאָר, אז עס טוט וויי אין הארצן, אָט-אָ-דאָ-אָ, דאָס גאנצע הארץ...

— וואָס?

דער דאָקטאָר האָט זיך ניט געקאָנט ריכטן אויף דעם, און מיט ביידע הענט אויף הינטן האָט ער פּארמאכט דעם טשעמאָדאַן, ווי ער וואָלט זיך געשעמט, און ר׳ קאָפּל האָט זיך שוין ברייט פאַנאַנדערגעשמייכלט, ער האָט אויסגעפּירט, און יונג האָט ער אראָפּגעכאַפּט פון זיך דעם סורדוט, די זשילעט, און האָט אויסגעשטעלט צום דאָקטאר א קלאָרן, אָן אויסגעפילטן ברוסט-קאַסטן. געמיינט האָט ר׳ קאָפּל, אז דער דאָקטאר וועט אים אויסהערן מיט די הענט, מיט די פינגער, ווי עס באַדארף צו זיין, און דער דאָקטאר האָט גאָר צוגעשטעלט א קאלטע טרובקע, אָן לעבן, אָן א נשמה, נאָר ר׳ קאָפּל האָט מיט דרך-ארץ געטאָן, וואָס דער דאָקטאָר האָט אים געהייסן, האָט געאָטעמט פּאַמעלאך, האָט געהוסט און האָט נאָריש געציילט.

דער דאָקטאָר האָט אים געזאָגט צום סוף, אז עס איז גאָרניט, ער זעט ניט קיין שום סימנים, און די שווארצע טרובקע איז זיך געלעגן אויפן טיש, ווי אַן איבעריקער חפץ, און ר׳ קאָפּל האָט ניט געוואָלט מבייש זיין דעם דאָקטאָר, מאכן אים קלענער, נאָר פּשוט, געבן אַן עצה, אז וואס אַשטייגער איז שופר-בלאָזן? א פייפל, וואָס פייפט אַליין? ניין! נאָר מען דארף דאָך טאקע בלאָזן מיט די ליפּן, מיטן מויל, און טאקע אריינלייגן אין דעם די נשמה אויך, און א חולה דארף מען אויסהערן מיט די הענט, אָנטאַפּן מיט די פינגער, און אז דער אויבערשטער האָט ניט געגעבן אָט-אַזוינע הענט אָ, קאָן מען ניט זיין קיין רופא, קאָן מען ניט זיין קיין דאָקטאָר.

נאָר ער האָט עס אים ניט געזאָגט, דער אויבערשטער וועט נאָך אויף דעם שיינקען גענוג טעג און וואָכן, און געזאָגט האָט ער אים איצט נאָר א דאנק, און ווי מען דארף דאנקען א דאָקטאר, און גלייך פונדאנען איז ער אוועק אין שול אריין און האָט דאָרט אלעמען דערציילט, און זאָל מען טאקע הערן, אז ער, ר׳ קאָפּל דער רופא, קומט עס ערשט פון דאָקטאָר. עס האָט אים ווייגעטאָן אין הארצן, דאָס גאנצע הארץ, ער איז אפילו געלעגן אין בעט, נאָר דער דאָקטאָר האָט אים ממש געראטעוועט, א טייערער דאָקטאָר! און דער דאָקטאר איז שוין דערנאָך געבליבן אין שטאָט, אויף שטענדיק, ווי א לעבעדיקע מצבה נאָך איטע-לאהן.

און מענדעלע באָכמוטסקי איז געזעסן שבעה, און אז מען איז אים געקומען מנחם-אָבל זיין, האָט ער אויפגענומען, ווי מען נעמט-אויף געסט, און ר׳ שמאי דעם אולער איז דאָס שטארק ניט געפעלן געוואָרן, און שעהן גאנצע האָט ער געקאָנט אָפּזיצן א שוויינענדיקער, א כעסדיקער. אז א מענטש איז אן אבל, איז עס אן אומגליק, א צרה, א גזר-מן-השמים, אָבער קיין בעל-יחסן ווערט מען פון דעם ניט, מען ווערט ניט, מענדעלע באָכמוטסקי! נאָר מענדעלע איז די גאנצע צייט געווען א געהויבענער אזא, און אן אָפּגעהיטער, אז מען האָט ניט געקאָנט צו אים צוטרעטן, מען האָט זיך ניט געקאָנט אריינמישן, מען איז נאָר געווען צו-גאַסט ביי אים, און ר׳ שמאי צופּט זיך די באָרד, נאָר אוועקגיין גייט ער ניט אוועק.

און מענדעלע האָט זיך אויפגעהויבן באלד נאָך שבעה, טאקע אויף מאָרגן, און איז אוועקגעפאָרן קיין אויסלאַנד. אין שטאָט האָט מען זייער גוט געוואוסט, אז פאָרן פאָרט ער עס איצט אין אויסלאַנד, דער אבל מענדעלע באָכמוטסקי, ניט צוליב זיינע אייגענע געשעפטן, חלילה, נאָר אז אין אויסלאַנד דארף איצט פאָר-קומען א גרויסע אסיפה, אז צו דער אסיפה וועט מען זיך צונויפ-קומען פון אלע עקן וועלט, און אז פון דער אסיפה וועט ארויס-קומען גרויסע ישועות אויף אידן, אויף כלל ישראל, און ר׳ שמאי האָט עס אויך געוואוסט, און ער איז צוגעגאנגען צו מענדעלען און האָט אים געזאָגט, ווי געגעבן זיין ברכה:

— פאָר געזונט, מענדעלע, פאָר געזונטערהייט!

מענדעלע האָט אים שאַרף אָנגעקוקט, נאָר אויף זיינע בלייכע ליפּן האָט זיך באַלד באַוויזן אַ שטילער שמייכל, און ר׳ שמאי האָט אַרויפגעלייגט אויף אים אַ האַנט, און ווי זיי וואָלטן זיך שוין מוחל געווען איינער דעם אַנדערן, וואָלטן זיך איבערגעבעטן.

און אַז מענדעלע איז דערנאָך צוריקגעקומען פון אויסלאַנד, האָט ער טאַקע גלייך צונויפגערופן אין שול אַריין אָט־יענע מאָדנע אסיפה פון די גאָלע לייטישע בחורים און גבירישע איידעמס, וואָס צו די שטענדיקע אסיפות, וועגן די היימישע, שטאָטישע ענינים האָבן זיי, די יונגעלייט, גאָר קיין שייכות ניט, און צו יענער אסיפה האָט עס מענדעלע באַכמוטסקי גערופן אויך שמואלקען, לייזער־בערס זון, פון וואָס לייזער־בער האָט געהאַט אַזויפיל נחת, און צו דער אסיפה האָט אויך געדאַרפט געווען קומען פּראָיקע קאַצאָווסקי, דער שטאָטישער סטודענט, נאָר פּראָיקע איז ניט געקומען.

מענדעלע האָט אים שטאַרק אַרומגעזוכט די גאַנצע צייט פון דער אסיפה, ער האָט זיך אַזש געהויבן אויף די שפּיץ־פינגער און געזוכט מיט די אויגן, שטייענדיק אויף דער בימה און רעדנדיק פאַרן עולם, און שפּעטער, שוין גייענדיק אַהיים, האָט ער זיך פאַר־נומען אויף דער זייטיקער גאַס פון שול אַוועק, און האָט דאָרט אָנגעקלאַפּט ביי פּראָיקען אין פענצטער, און פּראָיקע האָט אַרויס־געשטעקט זיין גרויסן, צעשויבערטן קאָפּ, און מענדעלע איז גע־שטאַנען און געוואַרט, און פּראָיקע איז באַלד אַרויסגעקומען צו אים, און זיי האָבן זיך ניט געזאָגט קיין גוט נאָוונט, גאָרניט, זיי האָבן זיך נאָר אָנגעקוקט, און ביידע האָבן זיי זיך באַלד געלאָזט גיין מיט דער גאַס, און ווי יעדער איינער פון זיי וואָלט זיך גע־גאַנגען אַליין, וואָלט געוואָלט גיין באַזונדער.

פּראָיקע האָט אַלעמאָל ליב געהאַט צו זיצן אין די אָוונטן ביי די באַכמוטסקיס, זיצן און גאָרניט טאָן, און איטע־לאה אַליין טראָגט אים אונטער די גלאָז טיי, נאָר ער רירט זיך צו דעם ניט צו, און זי וואַרט און וואַרט, ביז זי גיט זיך מיטאַמאָל אַ בויג־אָן צו אים, קוקט אים אַריין אין פּנים, און פרעגט מיט אַ מאָדנעם לאַך אַרויס פון זיך:

— פאַרוואָס שלאָפט איר שטענדיק?

פראַיקע קוקט זי אָן, און זי נעמט זיך צו פון אים, און ער קוקט נאָך אַלץ אויף איר, און זי רויטלט זיך איינגאַנצן, און ער זאָגט איר א סך שפּעטער, ווען ער דאַרף שוין איר, דאַכט זיך, גאָר־ניט ענטפערן:

— ווער, איך? ניין... וואו זעט איר?

און ער טרינקט דערנאָך די טיי, און זי זיצט אַנטקעגן אים, און זי ווייסט, אַז ער קוקט אויף איר, נאָר זי הויבט ניט אויף די אויגן אירע, ווי זי וואָלט מורא געהאַט, און ער גייט דערנאָך אַוועק, און זי גיט זיך א כאַפּ, שפּאַנט א פּאָר מאָל דורך דעם חדר, און זי וויל עס דערנאָך דערציילן פאר מענדעלען, נאָר זי טוט עס ניט, און דאָס איז דאָס איינציקע, וואס זי האָלט בסוד פון אים, פון איר מאַן.

און דערנאָך, אַז איטע־לאה איז קראַנק געוואָרן, אַז זי האָט זיך אַריינגעלייגט אין בעט, איז פראַיקע געגאַנגען צו זיי יעדן אָוונט, צו די באַכמוטסקים. ער האָט ניט געפרעגט, ביי קיינעם ניט, וואָס זי מאַכט און וואס זאָגט דער דאָקטאָר, ער פלעגט זיך נאָר אַנידערזעצן צום טיש אין עס־שטוב און זיצן א שעה, זיצן צוויי שעה, ביז ער הויבט זיך אויף און גייט אַוועק. אַמאָל קומט אים אוים צו גיין פון די באַכמוטסקים אינאיינעם מיט ר׳ שמאי דעם אולער, און ר׳ שמאי צופּט זיך די באָרד, רעדט אַרוים א וואָרט, נאָר פראַיקע קוקט אים אָן, ווי מען קוקט־אָן א פרעמדן, און ר׳ שמאי זאָגט שוין מער גאָרניט, רעדט ניט.

און אַז פראַיקע האָט דערהערט, אַז מענדעלע פאָרט קיין אוים־לאַנד, באַלד נאָך שבעה, אויף מאָרגן ממש, איז ער גלייך געקומען צו אים, אינמיטן טאָג, און מענדעלע האָט זיך טאַקע געקליבן אין וועג אַריין. פראַיקע האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף א שטול, און אין שטוב איז קיינער ניט געווען, די קינדער זיינען אַוועק שפּאַ־צירן מיט זייער דינסט, אַזוי ווי פריער, אַזוי ווי אַלעמאָל, און פראַיקע האָט געזען, אַז מען וויל דאָ אָפּווישן, מיט א כיון אָפּ־ווישן יעדן שאָטן, יעדן סימן פון איטע־לאהן, אָט אַזוי האָט ער עס געזען, און ער האָט זיך אויפגעהויבן, האָט מיטאַמאָל א קוק גע־טאָן אויף מענדעלען מיט צוויי גרויסע אויגן, און האָט זיך געלאָזט אַרויסגיין פון שטוב. ער האָט לאַנג און שווער צוגעמאַכט נאָך זיך

די טיר, און מענדעלע האָט איבערגעוואַרט זיין אַוועקגיין, און דער־נאָך האָט ער זיך שטאַרק אַרומגעקוקט און איז מיטאַמאָל געבליבן אַן אויסגעמאַטערטער, אַן אָנגעהאָרעוועטער. ער האָט געוואַרט אויף די קינדער, ווי עס זאָרגט זיך אַ מאַמע, און אַז זיי זיינען געקומען, די ביידע קינדער זיינע, האָבן זיי זיך שטיל אַנדערגעזעצט אויף זייערע ערטער, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּלאַך, און מענדעלע האָט מורא געהאַט צוגיין צו זיי, אַ גלעט טאָן זיי איבערן קאָפּ, און עס האָבן שטאַרק געציטערט ביי אים די בלייכע ליפּן, די בלייכע הענט.

מענדעלע ווייסט אַליין, פאַרוואָס פּראָיקע איז ניט געקומען צו דער אסיפה, און ער שטעלט זיך אָפּ, ציט וואַרעם אויס צו אים אַ האַנט, נאָר פּראָיקעס האַנט איז אַ שווערע, אַן אָפּגעלאָזענע, אַ האַנט, וואָס האָט ניט קיין שייכות, און מענדעלע באַכמוטסקי שטעלט זיך דאָ פּלוצלונג אַוועק אַנטקעגן אים, — ער איז ניט מחויב אָפּצוגעבן קיין רעכענונג, קיינעם ניט! און ער קערט זיך שוין שאַרף פון אים אָפּ, לאָזט זיך שאַרף פון אים אַוועקגיין, און פּראָיקע שטייט און קוקט אים נאָך, און דערנאָך קערט ער זיך אום און לאָזט זיך גיין אויף צוריק, איינער אַליין, און אַ גרויסער אַזאַ און אַ שווערער אַזאַ און מיט אָפּגעלאָזטע אברים, אַז עס ציט אים צו דער ערד.

II.

און פראַיקע איז שוין טאַקע מער ניט געגאַנגען צו די באָב־מוטסקעס, און די אָוונטן זיינען לאַנגע און ליידיקע, און פראַיקע גייט איצט אַמאָל אַריין צו לייזער־בערן און צו שמואלקען, וואָס איז לייזער־בערס זון און וואָס האָט אַ האָרב אויף די פּלייצעס, און צו שמואלקען, וואָס איז קלוג ווי אַן אַלטער, קומען נאָך אָפט די חברים זיינע, די יונגע מיידלאַך און יונגע בחורים, און זיי פאַרקלייבן זיך אַלע אין דעם גרויסן זאַל, וואָס האָט הויכע פענצטער און שווערע טירן, ווי אין אַ קלויסטער, און מלכה שטעלט דאָרט אַן פאַר זיי דעם טיש מיט כיבוד, און אַליין גייט זי דערנאָך שטיל אַרויס פון זאַל, פאַרמאַכט שטיל נאָך זיך די טיר, און קומט צוריק אַריין אַהער, אין עס־שטוב. זי זעצט זיך דאָ צוריק אַנידער אויף איר פריערדיקן אָרט, און זיצן זיצט זי אַזוי די גאַנצע צייט, ווי אַלע אין שטוב וואָלטן שוין פון לאַנג געשלאָפן, און נאָר זי אַליין דאַרף זיצן און וואַכן איבער אַלעמען, און לייזער־בער האַלט אין זיין צעשפּרייטער האַנט אַ פולע, אַ קאַלטע גלאָז טיי, און פון זאַל שלאָגט איטלאַך ווילע אַרויס אַ נייער אויסגעשריי, אַ געפּלאַצטער געלעכטער, און לייזער־בער גלעט מיט די פינגער די אָפּגעקילטע גלאָז, וואָס ער לאָזט ניט אַרויס פון דער האַנט...

פראַיקע פאַרהאַלט זיך דאָ אַ רגע אין עס־שטוב, ווען ער קומט צו לייזער־בערן, און לייזער־בער גיט זיך אַזש אַ הויב פון אָרט, גלייכט זיך אויס, און זאָל זיך פראַיקע צוזעצן אַ ווײַלע, טרינקען אַ גלאָז טיי, נאָר פראַיקע גייט באַלד אַריין אין זאַל, און לייזער־בער זעצט זיך צוריק אַנידער, גיט ראַשיק אַ שאַר מיטן פוס, אַ פיר מיט אַ האַנט, און מלכה דערלאַנגט אים גלייך אויף דעם אַ פרישע, אַ הייסע גלאָז טיי, און לייזער־בער לאָזט פּאַמעלאַך אַרויס די אָפּגעקילטע, גיט עס איר אַוועק, נאָר צו דער נייער גלאָז טיי רירט ער זיך נאָך ניט צו. מלכה ווערט קיינמאָל ניט אין כעס, שרייט ניט, מאָנט ניט, און לייזער־בער האָט זיך שוין אויך איינגעוואוינט

ניט ארויסצופלאַצן, און אַמאָל, אַז עס קאָכט אין אים אויף דער כעס, הערט ער זיך נאָר צו מיט הנאה, און שטיל און צוגעדעקט איז שטענדיק ביי לייזער-בערן אין שטוב, ווי מלכה אליין וואָלט אַלץ איינגעטוליעט מיט אירע אייגענע הענט, און די הענט אירע גייען נאָך לייזער-בערן אפילו ווען ער איז אין גאַס, ווען ער איז ניט אינדערהיים.

און פּראַיקע, אַז ער איז אַריינגעקומען אין זאַל, האָבן זיי זיך דאָרט אַלע אַ לאָז געטאָן צו אים, די יונגע מיידלאַך און די יונגע בחורים, האָבן אים ענג אַרומגערינגלט, האָבן אים אַנידערגעזעצט אין מיטן זאַל, און נאָר דאָרט אין ווינקל ביים ראַיאַל איז זיך גע-בליבן זיצן איינע אַ מיידל, און מיט אירע פינגער, לאַנגע און ווייסע ווי די קלאַווישן, האָט זי איבערגעקליבן די ביינדלאַך, און אַנט-קעגן איר, און מיט ביידע הענט אָנגעשפּאַרט אויפן ראַיאַל מיט די עלנבויגנס, און נאָענט אַזוי, אַז קאָפּ אַנטקעגן קאָפּ, איז גע-שטאַנען דער האָרבאַטער שמואלקע, האָט געשטאָכן מיט זיין שפּי-ציקער מאָרדע, און האָט געקוקט אויף דער וואַנט, וואָס איז געווען ליידיק.

שמואלקע האָט אַ שוואַרצן קאָפּ האָר, און דער מיידלס האָר זיינען ליכטיקע און קורץ געשאָרן, ווי ביי אַ שייגעץ אַ קאַצאַפּ, און דער פּנים איז ביי איר אַ קיילעכיקער און אַ פּאַרריסענער, ווי אַן עפּל אויפן בוים, און פּראַיקע קוקט אויף זיי, אויף דער מיידל און אויף שמואלקען, אַז אַלע אַרום קוקן אינאיינעם מיט אים, און די מיידל גיט זיך מיטאַמאָל אַ הויב אויף פון אָרט, לאָזט זיך גיין צו פּראַיקען, און אַז זי קומט צו, רירט אַזש אָן זיינע קני, גיט זי אָפּריער אַ גלאַנץ מיט די אויגן, ווי וואַרעם און ווייך עס איז איר אָטעם, און דערנאָך פּאַרנויגט זי זיך פאַר אים נידעריק מיט ביידע הענט אויפן האַרצן, ווי אין אַ טעאַטער, און הויבט אָן ווי אין אַ טעאַטער:

עס קוקט די לבנה,
עס שווייגן די שטערן,
און נאָר דו אַליין קענסט הערן —
ווי עס קלאַפּט מיין האַרץ!

ארום ווערט א פּאַטשעריי, א געלעכטער, און דאָס מיידל פאַר־נויגט זיך נאָכאַמאָל פאַר פראָיקען און וויל שוין ווייטער אָנהויבן, נאָר פראָיקע קוקט איר גלייך אין פּנים אריין, און גיט איר פּלוצלונג א וואָרף-צו א וואָרט, קיילעכיק און האַרט ווי א שטיינדל, און וואָס מיט א וואָרט אַזאַ פאַרטשעפּעט מען אַמאָל די נאַקעטע טריט פון א שיקסע, וואָס מען באַגעגנט אויף א ליידיקן וועג, און דאָס מיידל גיט זיך א צאַפּל, שטעלט אויס א פּאָר אויגן, און דערנאָך נעמט זי אירעביידע הענט, ווייסע אַזוינע, אַז פראָיקע לאָזט אַזש אַראָפּ די אויגן, און זי פאַרשטעלט זיך דעם פּנים מיט די הענט מיט אירע, און אַז מען רינגלט זי באַלד ארום, מען ווערט צו איר גוט און געטריי, וויינט זי זיך שטאַרק פאַנאַנדער.

ארום פראָיקען ווערט ביסלאַכווייז פּוסט, און דאָס מיידל וויינט הויך אויפן קול, און אַלע ארום שרייען און טומלען, און שמואלקע שטייט נאָך דאָרט ביים ראַיאַל, פּונקט אַזוי ווי פריער, און פראָיקע קנייפּט אָפּ מיט די הוילע פינגער א גרויסן שטיק טייגאַכץ און שפּאַרט עס זיך אין מויל אריין, כראָמדזשקעט, קנאַקט מיט די ציין, נאָר מיטאַמאָל דערזעט ער, אַז זיינע פינגער זיינען איינגעשמירט אין פעטס, זיי גלאַנצן אַזש, און ער ווייסט ניט וואָס צו טאָן מיט דעם, ביז ער הויבט זיך אויף, שטיל און איינער אַליין, און לאָזט זיך ארויסגיין פון זאַל. נאָר ביי דער טיר שוין דערזעט ער פאַר זיך שמואלקען, ווי שמואלקע וואָלט ארויפגעקוקט צו אים, און פראָיקע פאַרהאַלט זיך דאָ א רגע, שטייט, און זיי קוקן זיך ביידע איבער, ווי זיי נאָר אין צווייען און ביידע גלייך וואָלטן געוואוסט פון עפּעס, און פראָיקע ציט אויס צו אים א האַנט, און שמואלקע נעמט שטאַרק אריין די האַנט זיינע, און זיי רעדן שטיל אָפּ צווישן זיך:

— א גוטע נאַכט.

— א גוטע נאַכט.

פראָיקע איז חיים-מאָטל דעם מלמדס זון, און ר׳ חיים-מאָטל אַליין איז ניט סתם אַזוי א מלמד, נאָר ער איז א איד, וואָס שמט פאַר א חכם פון א מענטשן.

אין די קהלשע ענינים מישט זיך ר׳ חיים-מאָטל ניט, און גיין צו אים נאָך אן עצה וועט גאָר אויך קיינעם ניט איינפאַלן,

נאָר אַמאָל, אַז עס הויבט זיך אויף אַ מחלוקה אין שטאָט, און אַלע אין שול שרייען שוין און גוואַלדעווען און ווערן זיך דם-שונאים, שטייט ער זיך דעמאָלט, ר׳ חיים-מאָטל, ביי זיין שטענדער, אַזוי ווי אַלעמאָל, האַלט פאַר זיך אַן אָפענעם ספר און וויגט זיך פּאַמעלאַך אַהין און צוריק, ווי דער געמאָסטענער אומרו פון אַ זייגער, און ווי ער וואָלט עס מיט דעם איינגעהאַלטן די אייגענע רעיונות זיינע, אַז זיי זאָלן זיך ניט אַוועקטראָגן ווער ווייסט וואוהין. זיין שטיין אָט-אַזוי איז ווי אַ דאָרן אין אויג, און מען קומט פּלוצלונג צו אים צו, אין מיטן פון דעם געפּילדער, און אדרבא, זאָל ער זיי זאָגן, ר׳ חיים-מאָטל, ער האָט דאָך געוויס קיין שום פּניות ניט! און ר׳ חיים-מאָטל הערט זיך אויף צו שאָקלען, שפּאַרט זיך שטאַרק אָן אויפן שטענדער און קוקט אויף זיי, אויף אַלעמען אין שול, און וואָס? ער מאַכט גאָר פון זיי חוזק? פון אַלעמען און פון אַלץ? ניין! נאָר ער ווייסט באמת ניט וואָס דאָ איז, ווייל עס איז ניטאָ וואָס צו וויסן — שטות! דער עולם ווערט אָן אויפגעקאָכטער, נאָר ר׳ חיים-מאָטלען גייט עס שוין ניט אָן, ער האָט זיינס אָפּגעטאָן, און דער עולם זעט זיך ביסלאַכווייז אַרום, מיט אָפענע הערצער ווי ביי קינדער, אַז טאַקע, ר׳ חיים-מאָטל איז דאָך טאַקע גערעכט, און הלוואי וואָלט מען זיך צו איהם צוגעהערט פון אָנהויב אָן, וואָלט צו גאָרניט געקומען, כאָטש ר׳ חיים-מאָטל האָט די גאַנצע צייט ניט אַרויסגערעדט קיין איין וואָרט, ער האָט אַלעמאָל געשוויגן.

אַ חדר האָט ר׳ חיים-מאָטל געהאַט אַ קליינעם און נאָר פון געקליבענע און שוין דערוואַקסענע בחורים, און געלערנט האָט מען ביי אים, ניט ווי ביי אַ רבין אין אַ חדר, נאָר עפּעס ווי אין אַ ישיבה, יעדער איינער באַזונדער און פאַר זיך אַליין, און פּונקט אַזוי באַזונדער און פאַר זיך אַליין איז זיך ר׳ חיים-מאָטל געשטאַנען ביי זיין שטענדער, און אויפן שטענדער איז געלעגן פאַר אים אַן אָפּע-נער ספר, נאָר ר׳ חיים-מאָטל האָט זיך פּלוצלונג געקאָנט אָפּשטעלן אינמיטן דערינען, אינמיטן טאָג, אינמיטן פּסוק, און בלייבן קוקן אויף די תלמידים אויף זיינע, ווי עס זעצט זיך אַמאָל אַוועק אַ איד אַן עושר, נעמט מיט איין אָטעם, מיט איין קוק אַרום אַלע זיינע גיטער, זיין גאַנץ האָב און גוטס, נאָר דעם קליינעם תכלית זיינעם,

פאַר זיך אַליין, געפינט ער דאָרט פּאַרט ניט — — — און אַט שפּאַנט ער זיך גאָר דורך איבערן חדר, ר׳ חיים-מאַטל, קוקט אַריין צו אַ תלמיד אין ספר, שטעלט אַ פראַגע און דער בחור ענטפערט קורץ, און ר׳ חיים-מאַטל גייט פון אים אָפּ און שטעלט זיך אַנידער ביים פענצטער, וואָס עפנט די שטוב גלייך אין גאָרטן אַריין. דער גאָרטן איז אַ צעבליטער, אַ שמעקעדיקער, און ר׳ חיים-מאַטל רוקט זיך אַביסינקע אָפּ אין אַ זייט, כדי די ריחות פון גאָרטן זאָלן קאָ-נען בעסער אַריין אין חדר, און אַז די תלמידים זיינע קוקן זיך אויף דעם ניט אום, זיי זיינען שטאַרק פאַרטיפט, פאַרדריסט עס אים אויף דער רגע, און אויף זיינע שטומע ליפּן ווערט שטום אויס-געקריצט — טפּשים! נאָר באַלד גייט ער שוין אַליין אויך אָפּ פון דאָרט, ר׳ חיים-מאַטל, שטעלט זיך צוריק אַנידער ביי זיין הויכן און שוואַרצן שטענדער, און ער וויגט זיך שוין ווידער אַהין און צוריק, אַהין און צוריק — דער געצאַמטער אומרו פון אַ זייגער.

ר׳ חיים-מאַטל האָט, פאַרשטייט זיך, געהאַט אַ ווייב מיט קינדער, נאָר די תלמידים זיינע האָבן קיינמאָל ניט געוואוסט ווי אַזוי די רביצין הייסט, דער רבי האָט זי קיינמאָל ניט גערופן ביים נאָמען, מיט איר נאָמען, וואָס איז געווען ראָבע-גוטע. און ראָבע-גוטע קומט אמאָל אַריין אין חדר אין אַן אינדערפרי, בלייבט שטיין אויפן שוועל ווי אַ פרעמדע, און ר׳ חיים-מאַטל ווייסט שוין, אַז זי איז דאָ, נאָר דער שטענדיקער צער, וואָס אין אים, טראָגט שטענדיק אַ שלאָס אויף די ליפּן, און די תלמידים האַלטן אויך פאַרבאָרגן די אויגן, נאָר זיי זעען, זיי הערן, און ר׳ חיים-מאַטל גיט זיך מיטאַמאָל אַ קער אום צו איר און שטעלט איר אַ פראַגע, ווי צו אַ תלמיד:

— דאַרפסט מינץ?

און מיט אַ האַנט, ווי געמישט אין אַ ספר, לייגט ער אַוועק ביי זיך אויפן שטענדער די עטלאַכע מטבעות, און זי ציט אויס אַ האַנט, נעמט צו וויפל ער גיט איר, און דערנאָך זעט מען זי שוין מער ניט אָן פאַר די אויגן, דעם גאַנצן טאָג ניט, און אַ סך טעג נאָך דעם. — — —

די רביצין איז אַ הויכע און מיט אַ שיינעם סטאָן, אַ סטאַלנע, ווי אַ גרויסשטאָטישע, נאָר דער פּנים איז ביי איר אָן בלוט, און

א לויזער, ווי געמאַכט פון טייג, און די אויגן זיינען רויטע און טרערנדיקע, און די ליפּן טוען איר, דוכט זיך, שטענדיק וויי, און אַז זי דאַרף אַמאָל זאָגן עפּעס, קומען די פּאָר ווערטער אַרויס פון איר מויל צעקייטע, אָפּגעביסענע, ווי די טרערן פון אירע אויגן, וואָס רייסן זיך שטענדיק, נאָר פאַלן קיינמאָל ניט אַראָפּ. אַמאָל, ווען זי איז נאָך געווען אַ מיידל, האָט זי יאָ געקאָנט וויינען, און זי האָט טאַקע אָפּט געוויינט אינדערשטיל און מיט פולע און זאַפּטיקע טרערן, נאָר דעמאָלט, אין אירע מיידלשע יאָרן, איז זי נאָך געווען ר׳ עקיבא חסידס אַ טאָכטער, האָט געלעבט אויפן דאָרף מיט איר שוועסטער, מיט אירע צוויי ברידער, און מיט איר טאַטן, וואָס איז געווען אַן אַלמן, און דער איצטיקער ר׳ חיים-מאָטל איז נאָך דעמאָלט געווען אַ ישיבה-בחור אין אַ ווייטער, ליטווישער שטאָט.

געשיקט האָט מען אים דעמאָלט אַהין, אין דער ישיבה, פון דער היגער אוקראַאינע אין דער ווייטער ליטע אַריין, נאָר פון נחת וועגן, פון רחבות וועגן, ווייל דער טאַטע זיינער, ר׳ וואָלף שוחט, איז געווען אַ איד אַ ברייטער, מיט אַ ברייטן שטעל, נאָר חיים-מאָטל האָט איבערגעלאָזט אינדערהיים טאַטע-מאַמע און שוועסטער און ברידער, וואָס ער האָט גאָרניט געוואוסט ביז אַצינדערט, ביז וואַנען ער איז געקומען אין דער פרעמד, אַז ער האָט זיי אַזוי שטאַרק ליב געהאַט, די אינגערע ברידער און שוועסטער זיינע, און נאָך האָט ער איבערגעלאָזט אינדערהיים, עס איז געווען באַלד נאָך פּסח, די גרויסע און שמעקעדיקע אַקאַציע-בוימער, וואָס האָבן זיך שוין אַזוי צעבליט, אַז זיי האָבן אויסגעזען, אין זייער ווייסן צוויט, ווי באַשאָטענע מיט שניי, און דאָ, אין דער פרעמד, זיינען די הייזער אויסגעלייגט געווען פון אַלטע און שוואַרצע קלעצער, און די בלאָטעס אויפן גאַס זיינען געווען געלע, ליימיקע, האָבן ניט געגלאַנצט אויף דער זון און האָבן אינגאַנצן ניט געשמעקט.

עס האָט ניט גענאַרט אין פעלד אַרויס, עס האָט געטריבן אין שטוב אַריין, ווי מען וואָלט געמוזט איבערוואַרטן דעם רעגן, און דער רעגן איז ניט געגאַנגען, האָט ניט געגאָסן, נאָר איז גע-האַנגען אינדערלופטן אַן איינגעגעסענער, אַ בייסיקער, און די

מענטשן, וואָס האָבן יאָ געקנאָטן די בלאָטעס איבערן גאַס, האָבן אַליין אויך אויסגעקוקט ווי לײמיקע, און ביי חיים־מאָטלען זיינע, אָנגעגאָסן געווען די גלידער, ווי די גרינגע צווייגן פון די גרויסע באַרן־בוימער, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אינדערהיים, און ווי אין אַ שווערן חלום האָט זיך געוויגט ביי אים דער קאָפּ זיינער, און דער ראש־ישיבה, אַ דאַרער, אַ טרוקענער און מיט אַ קאַרגער באָרד און שטעכיקע ברעמען, האָט זייער גוט געזען וואָס עס טוט זיך דאָ מיט חיים־מאָטלען, און אַ קאַרגער אויף זיך אַליין האָט דער ראש־ישיבה א רעד געטאָן מיט אים אָט־אַזוי, כלאחר־יד, מכוח כבוד אב ואם, און אַז מען דאַרף זייער טייער האַלטן, שטענדיק, תמיד, דעם אָרט, פון וואַנען מען קומט, אַוואו מען איז געבאָרן געוואָרן, אַז אפילו דאָס קלענסטע גרעזעלע האָט אויך טיפע וואָרצלען אין דער ערד, אַנדערש קען עס ניט געדייען, און ביי חיים־מאָטלען זיינען אויפגעגאַנגען גרינגע טרערן אין די אויגן, ווי דער טוי פון א ריינעם אומעט, און שפּעטער, שוין נאָכן שיעור, ווען דער ראש־ישיבה איז געזעסן ביי זיך אין שטוב און האָט געטרונקען די זיסע גלאָז טיי, האָט מחיה געווען די לונגען, האָט ער געטריי אַזוי אַ זאָג געטאָן צו דער וויַיב צו זיינער, אַז היינטיקן שבת, אם ירצה השם, וועט מען דאַרפן צושטעלן נאָך א שטול צום טיש...

און חיים־מאָטל איז געזעסן און געלערנט טאָג און נאַכט, און פון דער היים זיינען געקומען צו אים אָפטע בריוו, און ער פלעגט זיי א כאַפּ טאָן מיט ביידע הענט, נאָר איבערלייענען די בריוו איין מאָל און נאָכאמאָל האָט ער קיינמאָל ניט געקענט, זיינע אויגן פלעגן גלייך פאַרצויגן ווערן מיט טרערן, ווי מיט א הײטל, און ער פאַרשלאָגט זיך שוין אין ווינקל, און דער ראש־ישיבה זעט ווייטער וואָס עס טוט זיך מיט חיים־מאָטלען, נאָר ער לאָזט אים איצט אי־בער אָט־אַזוי, ער טשעפּעט אים איצט ניט א שעה און צוויי און דריי, און חיים־מאָטל ענטפערט אַהיים ערשט אויף מאָרגן, צי אויף איבערמאָרגן, און דער ראש־ישיבה רופט אים צו, נעמט ביי אים דעם בריוו, וואָס ער האָט אָנגעשריבן, און ניט וואָס ער לייענט דעם בריוו, דער ראש־ישיבה, חלילה, ער זעצט זיך נאָר ברייט אַנידער, פאַר חיים־מאָטלען אין די אויגן, און שרייבט אַליין אויך צו עטלאַכע ווערטער — אַ שורה מיט אַ האַלב.

בײַ חיים־מאָטלען גיסט זיך רויט אָן דער פּנים, ער איז אינ־גאַנצן אָן אָנגעגאָסענער, און פֿון זײַנע רויטע ליפּן רײַסט זיך זאַפֿטיק אַראָפּ, ווי אַ צײַטיקע פּרי, אַ דאַנק — אַ דאַנק! און דער ראָש־ישיבה זאָגט אים ניט, אַז מען דאַרף ניט דאַנקען, ניטאָ פֿאַר וואָס, נאָר די קאַרגע באָרד זײַנע ווערט עפּעס ברייטער, רחבות־דיקער, אָט ווי ער וואָלט זיך דאָ איצט פֿאַרגונען מי יודע וואָס:

— גיי, שיק אַוועק דעם בריוו!

און חיים־מאָטל שפּאַנט דערנאָך איבער די גאַסן מיט שטאַרקע טריט, מיט אַן אָנגעשטעלטן גוף, ער גייט אַוועקשיקן דעם בריוו, און ר׳ וואָלף דער שוחט, אַז ער באַקומט אָט־אַזאַ־אָ בריוו פֿון זון מיט דעם ראָש־ישיבהס עטלאַכע ווערטער, וואָס מען זעט דאָך פֿון דעם באַשײַנפּערלאַך אַרויס, אַז דער זון זײַנער איז דאָרט שטאַרק אָנגעלייגט, ניט סתם אַזוי אַ ישיבה־בחור, ווערט ער נאָך תּקיפֿער בײַ זיך, ר׳ וואָלף דער שוחט, און ר׳ וואָלף איז דאָך אַזוי אויך אַ איד, וואָס טראָגט בטבע אין זיך אַ ברייטקייט אַזאַ, אַז אַפֿילו ווינטער, ווען עס קראַכט דער פֿראָסט אינדרויסן, איז בײַ אים אויך ברייט פֿאַנאַנדערגעשפּיליעט דער פּיזימנער פוטער אויף אים, און אָט־אַזאַ־אָ, מיט אַ רייכער, זײַדענער באָרד און מיט דער שמוי־סענער היטל אויף דעם פֿאַררוסענעם קאָפּ, קוקט ער אויס ווי אַ איד, וואָס איז גאָר אַ גרויסער סוחר.

אָט אַזוי זײַנען זיך דאַמאָלט געגאַנגען די טעג, עס איז דורכ־געגאַנגען דער זומער, עס האָט זיך געשטעלט דער ווינטער און אויף דעם קאַרגן שניי, וואָס איז שיטער געלעגן איבער די גאַסן, האָבן זיך שאַרף געשלענגלט די געפֿראָרענע בלאָטע־קאַרבן, און חיים־מאָטל איז געזעסן און געלערנט, נאָר בײַקומען אין זיך דאָס בײַנ־קעניש האָט ער ניט געקענט, חיים־מאָטל, און ער האָט געוואוסט בײַ זיך, און געוואוסט האָט ער עס פֿון קינדווײַז אויף, אַז ער וועט אַמאָל ווערן אַ רב. די מאַמע זײַנע, ר׳ וואָלפֿס ווײַב, איז געווען אַ קיילעכדיקע און אַ ווײַסע, מיט ריינע הענט און שווײַגנדיקע אויגן, און עס וואָלט איר טאַקע זייער און געפּאַסט צו זײַן אַ רביצין, אָדער, לכל הפּחות, צו פֿאָרן אין קאַרעטן. זי אַליין האָט פֿאַר דעם בײַ קיינעם גאָר ניט געמאָנט, האָט צו קיינעם ניט געהאַט קיין טענות, נאָר אויסגעקומען איז עפּעס אַזוי, אַז רק זי טוט

טובות, דעם גאַנצן לעבן אירן — ר׳ וואָלפֿן פֿאַרוואָס זי איז זיין ווייב, די קינדער פֿאַרוואָס זי האָט זיי געבראַכט אויף דער וועלט, און דער גאַנצער שטאָט מיט מענטשן פֿאַר וואָס זי האָט מסכּים גע־ווען צו זיין זייער שוחטקע, און מען האָט זי טאַקע גערופֿן אין שטאָט ניט אַסנע די שוחטקע, נאָר אַסנע די מיוחסעסטע, און אַז אַ איד אַ באַלעבאָס ווערט אַמאָל אויפֿגעבראַכט אויף דער ווייב אויף זיינער, וואַרפֿט ער איר אויף מיט כּעס:

— דו ביסט דאָך ניט אַסנע די מיוחסעסטע, וואָס מען דאַרף דיך טראָגן אויף די הענט!

און ר׳ וואָלף דער שוחט האָט זי טאַקע געטראָגן אויף די הענט, די ווייב זיינע, וואָס איז געבאָרן געוואָרן אַ יחסנטע און וועט שטאַרבן אַ יחסנטע, און זי האָט עס אָנגענומען פֿאַר ליב, זיין שטענדיקן עוסקן זיך אַרום איר, ווי זי וואָלט גאָר קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט, ווי עס וואָלט איר ניט אָנגעשטאַנען צו האָבן אַן אַנדער ברירה, און ר׳ וואָלף איז געווען צו איר אַזוי, ווי ער וואָלט אָקאָרשט דאַקאַזשעט פֿאַר איר דאָס טעלערל פֿון הימל, נאָר דערווייל גיט ער עס איר נאָך ניט אַוועק, ער באַהאַלט עס נאָך דערווייל אונטער דער פּאָלע, ווי מען באַהאַלט פֿון אַ קינד די מתּנה, וואָס מען האָט געבראַכט...

קיין דאגות חיונה האָט ר׳ וואָלף קיינמאָל ניט געהאַט, און קיין אַנדערע דאגות אויך ניט, און אַסנע און די קינדער זיינען אַלעמאָל געווען ביי אים זיין שפּיגל, זיין שיינדל, און די קצבים האָבן אויך געהאַט פֿאַר אים דעם פֿאַרדינטן דרך־ארץ — אַז ר׳ וואָלף האָט געזאָגט „אַ שאלה" איז געווען אַ שאלה, און אַז ר׳ וואָלף האָט שטיל אַרויסגערעדט טריף, איז געבליבן טריף, ווי מען נעמט אויף זיך דאָס, וואָס עס איז באַשערט, און וואָס מען דאַרף מקבּל־באהבה זיין, און וואָס ר׳ וואָלף אַליין איז דאָ, לכּל הדעות, ניט שולדיק, נאָר אַלץ אינאיינעם איז ניטאָ ביי קיינעם, און אויך מיט ר׳ וואָלפֿן איז ניט געווען אַזוי גלאַט, ווי עס האָט אויסגעקוקט, ווי מענטשן האָבן עס געזען. אַמאָל, און וואָס ווייטער אַלץ אָפֿטער, פֿלעגן אויף אים אָנפֿאַלן מאָדנע חלומות אַזוינע, עס פֿלעגן זיך אים חלומען שעפּסענע קעפּ מיט גרויסע משונהדיקע הערנער, און

אויסגעצויגענע העלדזער, וואָס האָבן געדרעוועט, ניט דורכן מויל, נאָר דורך דעם שניט מיטן חלף, און נאָך אַנדערע מוראדיקע זאַכן אָט אַזוינע וואָס האָבן זיך געטראָגן אַלע אינאיינעם, און ר׳ וואָלף כאַפּט זיך אויף אין אַ קאַלטן שווייס און דערקענט זיך אַליין ניט, און לאַנג פֿלעגט ער דערנאָך ליגן אָט אַזוי, ליגן און ניט ווייסן, צי איז עס געווען אַ חלום און איצט איז וואָר, אָדער איצט איז עס דער חלום און פֿריער איז געווען וואָר, און פֿאַרוואָס, אָ גאָט אין הימל, איז גראָדע זיין מזל אַזאַ, אַז גראָדע ער דאַרף זיין אַ שוחט? נאָר צו פֿאַרטאָג-צו פֿלעגט ער ווידער איינשלאָפֿן, און אויפֿשטיין פֿלעגט ער שוין אַ רואיקער און אַ געזונטער, ביז איינמאָל, אין אַ שיינעם און ליכטיקן טאָג, ווען דער זוניקער פֿראָסט האָט אַזוי געגלאַנצט, אַז עס האָט אַזש געבלענדט אין די אויגן, ווי עס רייסן זיך שטראַלן פֿון געשליפֿענעם גלאָז, איז ר׳ וואָלף דער שוחט אַריין צו אַ קצב. אין יאַטקע זיינען געווען אַ סך ווייבער, און די ווייבער האָבן גלייך אויפֿגעהערט צו טומלען, האָבן זיך גענומען אָפּרוקן מיט אָפּשיי און שטיל, ווי עס וואָלט אויף זיי אַן אָטעם געטאָן אַ פֿרומקייט אַזאַ, און דער קצב האָט זיך אויך אַ קער געגעבן צו ר׳ וואָלפֿן און איז געבליבן וואַרטן אַ גרייטער צו טאָן, וואָס מען וועט אים הייסן, נאָר לעבן קצב, אויפֿן יאַטקע-קלאָץ, איז געלעגן אַ קאָפּ פֿון אַ קאַלב. דער קאָפּ איז ניט געלעגן, נאָר איז עפּעס געשטאַנען אויף דעם אונטערגעשניטענעם האַלדז, מיט איין אויג צום קצב און מיט דער צווייטער אויג, וואָס איז געווען גרויס און קיילאַכדיק, האָט עס געקוקט גלייך צו ר׳ וואָלפֿן, און אָט באַלד, און עס וועט אַרויסלאָזן — מעעע!

ר׳ וואָלף האָט אַ שפּאַן געטאָן נענטער, פֿון נאָענטקייט וועגן, ווי פֿלוצלונג דערזען פֿאַר זיך אַ זאַך, וואָס איז אייגן, נאָר באַלד האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, האָט אַ פֿיר געטאָן מיט די אויגן, האָט דערזען, פֿאַרביילויפֿנדיק, ווי עס ציטערט ביי אים די אייגענע באָרד זיינע, נאָר די ווייבער, אַ פֿולע יאַטקע, זיינען שווייגנדיק געשטאַנען און האָבן שווייגנדיק געוואַרט, אָט ווי די אידענעם ביי יציאת-נשמה אַשטייגער, און ר׳ וואָלף האָט געוואָלט אויסשיסן אין אַ געלעכטער, נאָר אָנשטאָט דעם האָט ער זיך גאָר אויסגעגלייכט, איז נאָך העכער און גרעסער געוואָרן, און ווי ער וואָלט שוין אַ

טיטל געטאָן צום קצב, אז זאָל מען עס צונעמען, אָפּראמען, וואָס איז עס פאר אזוינס, וואָס ? !

נאָר הארט און אויסגעלײדיקט איז געווען ביי אים אין האלדז, און שווער זיינען געשטאַנען די אָפענע ליפּן מיט די אָפּגעדעקטע ציינער זיינע, און ניט פארגליווערט, ניט ווי א שערבל, נאָר ווייך און ווארעם, ווי דער פרימאָרגן-טוי, וואָס קלעפּט צום נאַקעטן לייב, האָט כסדר געקוקט צו אים דאָס אויג, וואָס איז געווען גרויס און קיילאכדיק, האָט זיך געצויגן נאָך צו אים, אז אלע ארום זיינען דאָ איננאַנצן געווען איבעריק, האָבן דאָ לחלוטין ניט געדארפט געווען זיין, און ר׳ וואָלף איז מיטאַמאָל פול געוואָרן מיט אָנשטעל, אז די ווייבער ארום, ווי פארגליווערטע די גאנצע צייט, האָבן זיך טאקע גלייך א ריר געטאָן, האָבן ריין געמאכט פאר אים דעם וועג, און ר׳ וואָלף איז ארויס פון יאטקע, האָט זיך געלאָזט אוועקגיין, און ערשט, ווען עס האָבן זיך אויפגעהערט צו שיטן נאָך אים דעם קצבס ווערטער, ווי שערבלאך, אז מען וועט אים צושיקן אהיים דעם חלק פלייש, מען האָט, חלילה, ניט פארגעסן, האָט ער זיך אָפּגע-שטעלט, ר׳ וואָלף, האָט אראָפּגענומען דאָס היטל, האָט זיך א פיר געטאָן איבערן קאָפּ און האָט אָנגערירט, מיט צעטראָגענע פינגער, האָט אָנגעטאַפּט די קאלטקייט פון מוח, ווי מען גלעט צו א וואונד, וואָס דער ווייטיק גייט זיך דערביי ווארעם פאנאנדער איבער אלע גלידער, און דערנאָך האָט ער צונויפגענומען אויף זיך דעם פוטער, האָט פארשפיליעט דאָ א קנעפּל און דאָרט א קנעפל און האָט זיך אומגעקערט אויף צוריק, נאָר אין יאטקע אויפן קלאָץ איז שוין געלעגן א זייטל פלייש, ווי עס באדארף צו זיין, און די ווייבער ארום האָבן געשריען, געטומלט, און דער קצב איז געשטאַנען ביים קלאָץ און האָט געפּאָכעט מיטן גרויסן מעסער, ווי ער וואָלט אים געשארפט אינדערלופטן. —

ר׳ וואָלפן איז גרינגער געוואָרן, א סך גרינגער, און מיט א שמייכל אויפן פּנים האָט ער זיך ערשט דערמאָנט, אז דער קאָפּ און דאָס אויג, אז אלץ מיט אנאַנדער, איז פון א רויטער קאלב, וואָס האָט געהאַט א גלאַנציקע פעל, און עס האָט זיך אים שטארק גע-וואָלט דערמאָנען, ר׳ וואָלפען, אז ווען אשטייגער איז דאָס געווען די שחיטה, ווען ? ער האָט עס געוואָלט געדיינקען, דערקענען, ווי

מען וויל הערן א גרוס, און פון יאַטקע זיינען אַרויס אַ פּאָר ווײַבער מיט צופרידענע קאָשיקעס, און ר׳ וואָלף האָט זיך אָפּגעקערט, האָט זיך געלאָזט אַוועקגיין, נאָר געשפּאַנט האָט ער שוין איצט פּאַמעלאַך און ניט געאיילט, ווי עס פּאַסט פאַר אים און ווי מען האָט הנאָה פון דעם זוניקן טאָג, ווען עס איז יום-טוב אויף דער וועלט, און ער האָט דאָך דאָס אַלעמאָל געוואוסט, פון תמיד אָן, נאָר עס איז אים קיינמאָל ניט געלעגן אין זינען, אַז ווען אַ מענטש, למשל, איז אין טויט-שרעק, כאַפּט ער און מאַכט צו די אויגן, און ר׳ וואָלף מאַכט טאַקע דערביי צו די אייגענע אויגן זיינע אויף אַ רגע, נאָר אַז, להבדיל, אַ בהמה, צי אַ קאַלב ליגט אַ געפּענטעטע מיט די פיס אַרויף, און מען קומט צו דעם צו מיטן חלף, רייסט עס ברייט פאַנאַנדער די אויגן, און די אויגן בלייבן שוין דערנאָך אָט אַזוי, גרויסע, קיילאַכדיקע.

ר׳ וואָלף איז לאַנג אַרומגעגאַנגען אָט-אַזוי, דעם גאַנצן אי-בערגעבליבענעם שטיק טאָג, און עס האָט זיך ממש געקנייטשט ביי אים דער האַרטער שאַרבן זיינער, און ווען ער איז צום סוף געקו-מען אַהיים, האָט זיך אים אַליין אויסגעוויזן, אַז עס איז שוין זייער שפּעט, אַזוי שפּעט האָט ער זיך נאָך קיינמאָל ניט געזאַמט, און ווייך און מיט חרטה האָט ער זיך אַ צי געטאָן צו זיין אַסנען, אַ שולדיקער, אַ פאַרשולדיקטער, נאָר זי איז געזעסן ביים טיש מיט די קינדער ווי אַן אָנגעברוגזטע מחותנתטע, און ר׳ וואָלף האָט שוין היינט ניט געבראַכט פאַר איר דאָס טעלערל פון הימל, און קיין אַנדער זאַך אויך ניט.

ביי די קינדער האָבן זיך שוין געקלעפּט די אויגן, און איינ-ציקווייז, איינס נאָך איינס, ווי אויסגעלערנטע, זיינען זיי זיך גע-גאַנגען לייגן שלאָפן, און ר׳ וואָלף האָט געקוקט אויף זיי, האָט זיי באַקוקט מיט אַזוי פיל רחמנות, ווי נאָך קיינמאָל ניט אין זיין לעבן, און דערנאָך האָט ער זיך צוגעזעצט צום טיש מיט אַ ציטער אין די קני, און אויפן טיש זיינען נאָך געשטאַנען די ליידיקע טעלער און דאָ און דאָרט איז אין אַ טעלער געבליבן אַ ביינדל פון פליש, אַ שטיקל פלייש, און ר׳ וואָלף האָט ניט אויפגעציטערט, האָט זיך ניט צוגעכאַפּט מיט שרעק, ער האָט נאָר אַ זיפץ געטאָן אויפן קול, און געווען איז ער איצט אַליין מיט אַסנען, נאָר אַסנע האָט אים

דאָ ווידער איבערגעלאָזט אַליין, ביז זי האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט, איז אוועק פון טיש, און ר׳ וואָלף האָט זיך אויך אויפגעהויבן נאָך איר, איז אויך געגאַנגען שלאָפן, און געמיינט האָט ער, אַז איצט, ווען ער ליגט שוין אין אויסגעצויגענער אין בעט, מיט אָפענע אויגן אין דער פינצטער, ערשט איצט וועט ער עס גוט באַטראַכטן, גוט באַקלערן, נאָר איידער ער האָט נאָך גאָר אָנגעהויבן, איז ער שוין געשלאָפן ווי מיט אַ שטיין צוקאָפּנס, און ערשט צו פאַרטאָג-צו איז זיין אַסנע מיטאַמאָל געוואָרן אויס מיוחסעסטע און אַן איי-גענע אזא, אַ געטרייע, איז זי געזעסן לעבן אים מיט איר גאַנצער ווארימקייט, ווי מען זיצט איבער אַ קינד, וואָס איז שלאָף און ווארפט זיך אין שלאָף, און ר׳ וואָלף האָט זיך געצויגן צו איר אַ פריידיקער אַזאַ, טאַקע נאָר ווי אַ קינד, און זי האָט אים איטלעך ווײלע געגלעט דעם שטערן, אַז די פינגער אירע האָבן געקילט אַ מחיה, און ר׳ וואָלף האָט געעפנט די אויגן, האָט זיך אַזש אויפ-געזעצט, נאָר דאָ האָט ער באַלד אַליין דערזען, אַז עס איז געווען ניט מער ווי אַ חלום. —

אַסנע איז זיך געלעגן אין איר בעט אַנטקעגן און איז זיך רואיק געשלאָפן, ווי מען שלאָפט געשמאַק אין אַ שטילן פאַרטאָג, און ר׳ וואָלף האָט זיך שטיל אָנגעטאָן און איז שטיל אַוועק אין באָינע, און אין באָינע איז געווען צו דער שחיטה אַן אַלטער, אַ דאַרער אָקס און אַ קליינע, אַ נעבאַכדיקע יאַלאָווקע, און מער גאָר-ניט, נאָר ר׳ וואָלף איז נאָך אַלץ ניט אָפּגעטראָטן, ווי ער וואָלט נאָך אַלץ געוואַרט, אַז אָט, באַלד, און עס וועט צו אים צוקומען דער קצב, וואָס פון נעכטן, און וועט אים זאָגן, אַז ער האָט נאָך אַ קאַלב, נאָר דער קצב איז גאָר צוגעגאַנגען צו אים ערשט אין עט-לאַכע טעג אַרום, און די קאַלב, אַ רויטע, איז שוין טאַקע געלעגן אַ געפּענטעטע מיט די פיס אַרויף, און ר׳ וואָלף האָט אַ שפּאַן געטאָן צום קצב, האָט אויפגעהויבן אַ האַנט און האָט אים אַראָפּ-געלאָזט אַ פּאַטש.

דער קצב האָט אפילו קיין פּיפּס ניט געטאָן, פון גרויס צע-טומלעניש, ער איז נאָר געבליבן מיט אַן אויסגעשטרעקטן האַלדז און מיט אַ גרויסן און לײדיקן קאָפּ ווי אַ צעבער, נאָר די אַנדערע קצבים זיינען שוין אַלע געשטאַנען אַרום זיי, און ר׳ וואָלף האָט

זיך געווישט דעם פּנים מיט אַ האַנט ווי אַ שאָטן און האָט געקוקט אויף אַלעמען, ווי ער וואָלט קיין איינעם פון זיי ניט דערקענט, ניט געוואוסט ווער זיי זיינען אַלע אינאיינעם, ביז איינער אַ קצב איז צוגעגאַנגען צו אים, האָט אים אָנגענומען פאַר אַ האַנט און האָט אים אָזש אַ טרייסל געטאָן, ווי ער וואָלט אים אויפוועקן, און ר׳ וואָלפן איז דער קצב מיטאַמאָל געוואָרן אַזוי נאָענט, אַזוי אייגן, אַז ער האָט זיך איינגאַנצן אָנגעשפּאַרט אויף אים, האָט זיך אָפּ-געלאָזט, און די קצבים האָבן אים דערנאָך אַריינגעפירט אין דער זייטיקער, אָפּגעטיילטער שטיבל, האָבן אים דאָרט אַנידערגעזעצט אויף אַ באַנק, און דער קצב האָט אויף גיך אַרויסגענומען פון שופ-לאָד די פלאַש בראָנפן און דאָס גלעזל, האָט אַ שטאַרקן גאָס גע-טאָן פון פלאַש אין גלעזל אַריין, אַז עס האָט אַזש אַ כליופּע גע-טאָן, און מיטביידע פולע הענט האָט עס דער קצב ציטעריק צוגע-טראָגן צו ר׳ וואָלפן, דאָס פולע גלעזל, ווי אַ רפואה שלמה.

— נעמט אַ קאַפּ, ר׳ וואָלף, נעמט אַ קאַפּ!

און ר׳ וואָלף האָט גענומען אַ קאַפּ, פון דעם קצבס הענט, האָט נאָר אַ שמעק געטאָן, און דערנאָך האָט ער זיך אויפגעשטעלט, האָט אַריינגענומען דעם חלף, און אַ באַגלייטער פון די אַלע קצבים האָט ער זיך געלאָזט גיין צוריק אין באָינע אַריין, צו דער קאַלב, און ווי מיט פאַרמאַכטע אויגן, ווי אין אַ חלום, ווען עס ציטערן אפילו די האָר אויפן קאָפּ און עס צאַפּלען זיך די נעגל, האָט ער מקיים געווען די מצוה, וואָס מען האָט אויף אים אַרויפגעלייגט.

די קצבים זיינען אַלע געשטאַנען אַרום און האָבן אַלע גע-שוויגן, און די גאַנצע באָינע איז עפּעס גאָר קיין באָינע ניט געווען, און ביי ר׳ וואָלפן האָט היינט לאַנג געדויערט דאָס בדקנען, לייגער איידער אַלעמאָל, און געטאָן האָט ער עס מיט גרויס כונה, און די קצבים האָבן זיך גלייך אַ שפּאַר געטאָן צו אים, ווי יעדער איינער פון זיי וואָלט געוואָלט זיין דער ערשטער צו באַדינען אים, דער-לאַנגען, צונעמען, און ר׳ וואָלף איז געשטאַנען צווישן זיי, ווי אַ כהן באַלד נאָכן דוכענען, און ערשט דערנאָך, ווי אויסגעטרונקען דעם בעכער ביז צום לעצטן טראָפּן, האָט ער איבערגעלאָזט די קצבים און די באָינע, און האָט זיך געלאָזט אַוועקגיין, נאָר גע-גאַנגען איז ער איצט ניט אין שול אַריין און ניט אהיים, נאָר פון

אַלץ אוועק, און אוועק פון אַלץ איז געלעגן דאָס שנייאיקע פעלד, ווי אַן אויסגעפּרעסטער טישטוך, און די ווייסקייט, די קלאָרקייט פונם שניי האָט אַזוי געגלעט, אַז עס האָט זיך ממש וויינען געוואָלט, און ווען ר׳ וואָלף האָט זיך צום סוף פאָרט אומגעקערט אַהיים, ווי אַ שטומע באַשעפעניש צו זיך אין שטאַל אַריין, האָט ער זיך גלייך דערמאָנט, אַז ער איז נאָך היינט ניט קיין געדאַוונטער, און ער האָט אויף גיך אַ נעם געטאָן דעם טלית און תפילין, נאָר דאָ האָט ער זיך ארומגעזען, אַז עס איז שוין דאָך מנחה-צייט, מען וועט שוין באַלד אָנצינדן פייער, טאָ וואָס זאָל ער טאָן? און ער האָט אַראָפּגענומען די האַנט פון טלית-זעקל, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ שטול, האָט זיך פאַרשטעלט דעם פּנים מיט ביידע הענט, און פון זיינע אויגן האָבן זיך געקייקלט טרערן.

נאָר אויף מאָרגן איז ער ווידער געגאַנגען אין באַינע אַריין, און אויף איבערמאָרגן אויך, און אַזוי יעדן וואָכנדיקן טאָג, און דער קצב, וועמען ר׳ וואָלף האָט געפּאַטשט, איז אים ניט געוואָרן קיין שונא, נאָר אדרבא, גראָדע פאַרקערט, עפּעס האָט ער זיך גאָר אויסגעטיילט פון די אַלע אַנדערע קצבים, און געווען איז ער צום שוחט און דער שוחט צו אים, אָט ווי די צוויי מחותנים, וואָס האָבן זיך אָקאָרשט איבערגעבעטן, און ר׳ וואָלף האָט זיך איצט קיינמאָל ניט און אין ערגעץ ניט געאיילט, ניט פון באָינע אין שול אַריין, און ניט פון שול אַהיים צו קומען, און אָסנע איז אומגעגאַנגען אַן אָנגעברוגזטע, האָט ניט געפרעגט וואָס און ווען, קיין איינציקן מאָל ניט אפילו, זי האָט נאָר געהויבן געשוויגן, ווי מען וואָלט איר דאָ שטאַרק אָנגערירט דעם כבוד אירן, און ר׳ וואָלף איז געווען צו איר, מען קען ניט זאָגן, אַז שלעכט חלילה, נאָר אָסנע איז ניט געוואוינט געווען צו דעם, ניין, און זי וויל פון דעם ניט וויסן, וויל עס ניט קענען, און גערעכט איז זי טאַקע געווען, און ניט ער!

אַמאָל, מיט יאָרן צוריק, אין די ערשטע יאָרן נאָך זייער חתונה, איז באַלד וואָס עפּעס, פלעגט אָסנע נעמען פּאַקן אירע זאַכן, און זי פאָרט שוין אַהיים, זי פאָרט שוין צום טאַטן, און ר׳ וואָלף פלעגט ווערן אַ פאַרציטערטער, און מיט גוואַלד פלעגט ער אַריינגעמען די ביידע הענט אירע אין זיינע, פלעגט זיך בעטן ביי איר, פלעגט ממש וויינען פאַר איר מיט טרערן, ביז זי פלעגט צום

סוף מרוצה ווערן צו בלייבן ווייטער, צו פּרואוון נאָכאַמאָל, אבער איצט, ווען אסנע נעמט זיך איצט אשטייגער פּאַקן די זאכן אירע, וואָלט ער צוגעגאַנגען צו איר, ר׳ וואָלף, און וואָלט איר געזאָגט:

— פאָר געזונט, אסנע, געזונטערהייט!

ר׳ וואָלף זיצט ביים טיש מיט אסנען און מיט די קינדער, און ער אליין עסט ניט, ער רירט זיך אפילו ניט צו צום טעלער מיט פלייש, וואָס אסנע האָט פאַר אים אוועקגעשטעלט, א פולער טעלער מיט פלייש, ער קוקט נאָר אויף זיי, ווי זיי עסן, און ביי אסנען איז קליין דער מויל און עסן עסט זי מיט קליינע ביסנס, פּיק־פּיק, ווי א פייגעלע, און ווי א פייגעלע ליידיקט זי באלד אויס דעם גאַנצן טעלער אירן, און דערנאָך נעמט זי צו פון טיש, מישט אויס ר׳ וואָלפס פולן, ניט אָנגערירטן טעלער מיט די אלע איבעריקע, ליי־דיקע, אויסגעליידיקטע, און נאָר איינאונאיינציקן מאָל האָט זיך ר׳ וואָלפס טעלער פאַרהאַלטן לייַנגער א רגע אין אירע הענט, און זי האָט עס ארומגעקוקט פון אלע זייטן, ווי זי וואָלט געזוכט אוואו עס איז צעבראָכן, ביז זי האָט ארויסגערעדט צום סוף, ניט צו ר׳ וואָלפן, נאָר צו דעם טעלער:

— אז מען איז קראַנק שיקט מען נאָך א דאָקטאָר!

מער האָט זי גאָרניט געזאָגט, מער איז איר ניט אָנגעשטאַנען צו רעדן, און ר׳ וואָלף איז ניט אין כעס געוואָרן אויף איר, ער האָט צו איר גאָרניט, נאָר אז איר פלעגט אמאָל עפּעס ווערן, א גרינגער קאָפּווייטיק, צי וואָס, פלעגט ער דאָך וועלטן איינלייגן, ניט אָפּטרעטן פון איר, היינט ווער רעדט נאָך, ווען זי פלעגט ליגן אין קימפּעט, ער האָט דאָך דעמאָלט ניט צוגעמאכט אפילו מיט קיין אויג, גאַנצענע נעכט, גאַנצענע וואָכן!

— פאָר געזונט, אסנע, פאָר געזונטערהייט!

ביי ר׳ וואָלפן איז נאָך ברייט צעשפּיליעט דער פּריצישער פוטער אויף אים, ער שפּאַנט נאָך מיט ברייטקייט איבער דער גאַס, און שחיטה איז דאָך א גרויסע זאַך, וואָרים אנדערש, ווי קען א שטאָט מיט אידן, א וועלט מיט אידן, אויסקומען אָן דעם? האוכל טריפה אין לו חלק לעולם הבא! נאָר אָט איז, למשל, נאָטע דער קברן, ברייַנגט צו קבר ישראל, און נאָטע איז אן ערלאכער איד, זייער אן ערלאכער, נאָר ערב יום כיפור, אז ער קומט צו די בא־

לעבאַטים מיט א שיינעם לעקאך און ווינטשעוועט אַן א גוטן יאָר, א יאָר פון געזונט מיט פּרנסה, הערט מען אים גאַנץ פיין אויס און מען גיט אים א האַלבן קערבל, צי א גאַנצן רובל, נאָר ווינטשעווען אים צוריק ווינטשעוועט קיינער ניט, א קברן ווינטשעוועט מען ניט קיין יאָר מיט פּרנסה, און דעם לעקאך נעמט אויך קיינער ניט...

ר׳ וואָלפן ווערט קאַלט פון דעם, אַז ער הויקערט זיך אַזש צונויף, און ער גייט שוין אַהיים, און גייענדיק אָט־אַזוי, קומט אים אויס דורכצוגיין פאַרביי דעם גרויסן, פּריצישן הויף, און ביים טויער פון הויף שטייט א גרייטער שליטן, ווי געוואַרט אויף אימיצן, און ר׳ וואָלף פאַרהאַלט זיך א רגע, קוקט, און דאָס פערד, וואָס איז איינגעשפּאַנט צום שליטן, האָט א גלאַנציקע פעל, ווי א שפּיגל, איז ריין, איז זויבער, און דעם קאָפּ האַלט עס פאַרריסן, מיט גדלות, און ר׳ וואָלף גלייכט זיך מיטאַמאָל אויס אין זיין גאַנצער גרויס, אָט ווי מען גרויסט זיך מיט איינעם, וואָס איז פון דער אייגענער משפחה און וואָס איז זייער געראָטן, איז א מענטש!

קיין גרויסער למדן איז ר׳ וואָלף קיינמאָל ניט געווען, און פאַנאַנדערקלייבן זיך אין דעם אַלעמען האָט ער ניט געקענט, נאָר קיין פלייש עסט ער שוין ניט, ער קען עס אין מויל ניט אַריינ־נעמען, קען עס ניט אַראָפּשלינגען, און אַז ער טרעפט אַמאָל אַן אין גאַס, מעג עס זיין א הונט אפילו, ווילט זיך אים אויסציען א האַנט און מיט רחמנות א גלעט טאָן אָט־ד־ ···ענטע באַשעפעניש, און ר׳ איטשע דער קצב, ווייסט ער, איז א למדן א איד און א חכם פון א מענטשן, און מיט ר׳ איטשען וואָלט מען יאָ געקענט רעדן, ר׳ איטשע וואָלט יאָ געקענט געבן צו פאַרשטיין, נאָר ר׳ וואָלף וועט ניט גיין, וועט ניט רעדן, און ער לעקט זיך אַזש דעם צונג, ר׳ וואָלף, אַזוי פילט ער איצט דעם ביטערן טעם פון פוסטער גאווה.

און ר׳ וואָלף האָט זיך שוין ניט איין מאָל אוועקגעזעצט שרייבן דעם זון זיינעם אין דער ישיבה, א לאַנגן בריוו און פון אַליץ מיט אַנאַנדער, נאָר די בריוו, וואָס חיים־מאָטל באַקומט איצט פון דער היים, זיינען זייער קאַרגע, א פּאָר ווערטער פון טאַטן און

א גרוס פון דער מאמען מיט די קינדער, און באקומען באקומט ער זיי אויך זייער קארג, איין מאָל אין וואָכן, און דער ראש-ישיבה ווייסט יאָ עפּעס אפּנים, נאָר זאָגן אים זאָגט ער גאָרניט, ער קוקט נאָר אמאָל אויף אים אזוי, אז חיים-מאָטל מוז אראָפּ-לאָזן די אויגן, און די רביצין רופט אים שוין אויך ניט ביים נאָמען, נאָר קינד מיינס, קינד מיינס, א מענטש דאַרף אָפּקומען אויף דער וועלט!

און דאָ האָט מען דעם ראש-ישיבה געבראַכט א בריוו פון ר׳ עקיבא חסיד, און דער ראש-ישיבה האָט קלאָר געזען, אז דאַרפן דאַרף טאַקע ר׳ עקיבא א מלמד צו זיינע צוויי זין, נאָר אז אחוץ דעם האָט ער נאָך, ר׳ עקיבא, צוויי טעכטער, וואָס זיינען שוין ביידע גלייך ראוי לחופה, ברוך השם, און חיים-מאָטל איז דאָך אויך פון אוקראַינע, און די שטאָט, פון וואַנען ער קומט, איז אינגאַנצן עטלאַכע ווייאָרסט פון עקיבאס דאָרף, און ביים ראש-ישיבה איז עס אויסגעקומען פאר א גלייכער זאַך, עס האָט זיך געלייגט אויפן שכל, און חיים-מאָטל האָט אפריער ניט באַנומען וואָס מען רעדט צו אים, צי קען ער ר׳ עקיבאן? יאָ, ער האָט אים געזען אין שול, אין בית-מדרש, אלע קענען ר׳ עקיבאן, טאָ איז וואָס? נאָר אָט אזוי, רעדנדיק און הערנדיק און ניט ווייסנדיק נאָך די שייכות, האָט אים מיטאמאָל דורכגעגעבערט א פריידֿ אזא, אז ער וועט פאָרן אהיים, וועט זיין אין דער היים, און אין א פּאָר טעג ארום איז ער שוין טאַקע געשטאַנען א צעטומלטער אין מיטן שטוב, און די קינדער, זיינע ברידערלאַך און שוועסטערלאַך, האָבן א רגע געקוקט אויף אים מיט אָפּשיי, ווי אויף א פרעמדן, נאָר באַלד האָבן זיי זיך אלע אינאיינעם א לאָז געטאָן צו אים, מיט א געשריי, מיט א געפּילדער, האָבן זיך ארומגעקלעפּט ארום אים, און ביי אים זיינען פול געוואָרן די אויגן, עס האָבן געציטערט די פולע ליפּן, און ביי ר׳ וואָלפן האָט זיך ברייט געקאַמט די באָרד זיינע, נאָר קוקן האָט ער געקוקט מיט א פּנים, וואָס איז געווען בלייך, ווייס, אז אָן א טראָפּן בלוט.

אינדערהיים איז, דוכט זיך, אלץ געווען אזוי ווי אלעמאָל, ווי ווען ער איז אוועקגעפאָרן אין דער ישיבה, נאָר די מאַמע האָט געשוויגן דעם גאַנצן טאָג, ניט סתם אזוי, נאָר מיט א כיוון גע-

שווּיגן, און די קינדער זײַנען אויך געווען שטיל, ווי זיי וואָלטן גאָרניט געטאָרט אַ לאַך טאָן, אויפהויבן אַ קול, און דער טאַטע האָט אים די גאַנצע צייט ניט אָפּגעלאָזן פון זיך, און אָט, באַלד, און דער טאַטע וועט עפענען דעם מויל, וועט אים עפּעס זאָגן, נאָר ער שווייגט, דער טאַטע, דערציילט אים קיין שום זאַך ניט, און אפשר איז אַלעמאָל געווען אַזוי, נאָר אַז מען איז יונג, אַז מען איז אַ קינד, ווייסט מען פון גאָרניט, פאַרשטייט מען גאָרניט?

דער טאַטע מיטן זון האָבן זיך יום-טובדיקע געקליבן אין שול אַרײַן, און אַסך האָט זיי נאָכגעקוקט מיט אַזוי ווייניק אַנטייל, אַז אָן אַ שמייכל אפילו, נאָר אַז מען איז אַ מלמד איז טאַקע אַ כבוד צו האָבן אַ טאַטן אַ שוחט, און געטראַכט האָט זי עס מיט אַזוינע דינע ליפּן, וואָס האָבן זיך ממש געקענט אײַנשנײַדן אין לייב אַרײַן, און חיים-מאָטלען איז שווער געווען אויפן האַרצן, און באַלד נאָך שבת איז ער שוין געווען אויפן דאָרף, און דער הויף ביי ר׳ עקיבא חסיד איז אַ גרויסער, אַ פּריצישער, מיט אַ שיינער ווייס-געקאַלכטער שטוב, וואָס האָט געהאַט אַ סך אויבער-שטיב-לאַך, אַ מויער אַ גאַנצער, און פון הויף אַוועק האָט זיך געצויגן און געשפּרייט אַ גאָרטן ווי אַ פעלד, און ערגעץ, פון דעם לאַנגן שטאַל אַרויס, האָט אַ הירזשע געטאָן אַ פערד, און דער הונט, וואָס אויפן קייט, האָט זיך גלייך אויפגעכאַפּט, האָט אַ ביל געטאָן און האָט זיך באַלד צוריק אויסגעצויגן אויף דער פרישער, ערב-זומער-דיקער זון...

חיים-מאָטל האָט שטאַרק געאָטעמט מיט צעשפּרייטע און בלייכע נאָזלעכער, און ר׳ עקיבא האָט אים געלאָזט שטיין אָט אַזוי אַ לאַנגע מינוט, דעם אָנגעלייגטן גאַסט זײַנעם, ר׳ עקיבאן איז ער שטאַרק געפעלן געוואָרן, פון דעם ערשטן קוק אויף אים, און דערנאָך האָט ער אים אַליין אַרײַנגעפירט אין שטוב, האָט זיך מיט אים אויפגעהויבן די עטלאַכע שמאָלע, הילצערנע טרעפּ, און זיי זײַנען אַרײַן אין דעם אויבערשטן, גרויסן חדר, וואָס האָט געהאַט אַ סך פענצטער און אין אַלע פענצטער האָט געגלאַנצט די זון, און ר׳ עקיבא האָט זיך אַן אויפגעלייגטער אָנגעשפּאַרט אָן דעם גרויסן, נאַקעטן טיש, האָט מיט אַ האַנט אָפּגערוקט פון זיך אַ שווערן שטול, און אָט-אַזוי, קוקנדיק מיט ביידע אויגן אויף דער

אַנגעגרייטער, שטאַטישער און שיין־צוגעקליבענער בעט, וואָס איז געשטאַנען ביים וואַנט, ווי אין שאָטן, איז ער פון אַלץ געווען צו־פרידן, ר׳ עקיבא, פון אַלץ!

— אַט דאָ וועסטו לערנען און דאָ וועסטו שלאָפן.

נאָר חיים־מאָטלען האָט זיך שטאַרק געדרייט דער קאָפּ, אַז ער האָט גאָרניט געענטפערט, קיין דאַנק אפילו ניט, און ר׳ עקיבא איז אַרויס פון חדר, האָט שטיל פאַרמאַכט נאָך זיך די טיר, און חיים־מאָטל האָט זיך באַלד נאָך אים אויסגעצויגן אויף דער בעט, האָט צוגעמאַכט די אויגן און איז גלייך איינגעשלאָפן — אין מיטן העלן טאָג.

קיין ווייב האָט ר׳ עקיבא ניט געהאַט, ער איז געווען אַן אַלמן, און פאַר די קינדער פאַר זיינע האָט ער שטענדיק גע־דאגהט, געזאָרגט, נאָר אויסצורעדן אַ וואָרט האָט ער ניט געהאַט מיט וועמען, און ער איז איצט געשטאַנען אין מיטן הויף, ווי אין שול ביי דער מזרח־וואַנט, האָט זיך געריבן די הענט און האָט עפּעס געמורמלט צו זיך אַליין...

ביי ר׳ עקיבאן איז געגאַנגען אַט־אַזוי: ער איז אַפריער גע־זעסן אין בית־מדרש, און דערנאָך האָט ער חתונה געהאַט מיט באַשע־ריווען, און באַשע־ריווע איז געווען דאָרפיש געזונט און מיט צוויי שווערע, דאָרפישע הענט, נאָר אַליין איז זי געווען אַ שטילע אַזאַ און אַ געטרייע, ווי אַ טויב, און אַז ר׳ עקיבא האָט גערעדט צו איר האָט ער ממש געזען, ווי די ווערטער זיינע פאַלן און בלייבן אין איר, אין דער נשמה אין אירער, ווי די קערנדלעך זריעה אויף אַ גערעטענעם פעלד, און דערנאָך, אין אַ יאָר אַרום, איז געקומען אַ קינד, וואָס מען האָט אַ נאָמען געגעבן שפרה, און דערנאָך, ווידער אין אַ יאָר אַרום, איז געקומען נאָך אַ מיידל, וואָס מען האָט אַ נאָמען געגעבן ראָכע־גוטע, און דערנאָך האָט דער אייבערשטער צוגעשיקט די צוויי זין, קינדער איינס נאָך איינס, אַלץ יאָריקע קינדער, און ר׳ עקיבא האָט זיך ניט געריסן אין שטאָט אַריין, באַשע־ריווע, האָט ער געוואוסט, איז געגליכן צו אַ בוים, וואָס קען נאָר געדייען און אַ קיום האָבן אויף דער אייגענער ערד, אין דער אייגענער לופט, אַז אַריבערפלאַנצן טאָר מען עס ניט, און ר׳ עקיבא האָט דאָ אויפן ישוב פאַרפירט געשעפטן מיט

פריצים, מיט גויים, און באַשע-ריווע האָט געטראָגן און געזויגן — פאַר איר מאַנס וועגן, און האָט געקאָכט און געבאַקן — פאַר די אורחימס וועגן, וואָס פלעגן זיך שטענדיק אָפּשטעלן ביי ר׳ עקיבאס גרויסער, פריצישער קרעטשמע, ווען נאָר זיי פלעגן דאָ דורכפאָרן פאַרביי.

אין דאָרף, און אין די אַלע אַרומיקע דערפער, זיינען געווען אַ סך אַנדערע ישובניקעס, און ווי ישובניקעס, גרויסע אידן אין שווערע, גויאישע שטיוול פון יוכט, און שווערע אויף דער צונג, און מיט אַ פויערישן חשד האָבן זיי אַפּריער געקוקט אויפן נייעם ישובניק, וואָס רעכט אויפהויבן אפילו אַ זעקל תבואה אויף די פּלייצעס האָט ער אויך ניט געקענט, נאָר ר׳ עקיבא איז ניט געווען קיין כעסן, האָט געקענט איינגעמען קינדער, און די ישובניקעס האָבן זיך דערפרייטע אַ צי געטאָן צו אים, אָן אַ ברעקל פאַלשקייט אין זיך, און ר׳ עקיבא האָט זיך נאָענט צום הארצן גענומען די פרעמדע זאָרגן, פונקט ווי זיינע אייגענע, נאָר אין אָוונט, נאָכן לאַנגן אוועקגעגאַנגענעם טאָג, פלעגט ער, ווי מיט איין טרייסל, אַראָפּוואַרפן פון זיך די אַלע דאגות, און אַ רואיקער אין זיין יום-טובדיקייט פלעגט ער אריינקומען צו זיך, אין זיין באַזונדערן, אָפּ-געטיילטן חדר, וואָס האָט גאָר, דוכט זיך, ניט געהאַט קיין ווענט, אַזוי באַצירט איז דער חדר געווען מיט די גרויסע, געשניצטע ירושה-אַלמערס, און די אַלמערס זיינען אָנגעלאָדן געווען מיט די אַלטע און טייער-אָפּגעהיטע ירושה-ספרים, און ר׳ עקיבא עפנט פאַנאַנדער די פענצטער, נעמט ארויס אַ ספר, אַ שווערע גמרא גע-בונדן אין לעדער, און דורך די אָפענע פענצטער גייט ארויס זיין פולער קול, זיין שטילער ניגון ביים לערנען, גייט ארויס און צע-שפּרייט זיך איבער די פעלדער, וואָס ליגן ווי אַ טראַכט, פעלדער, וואָס ברייגגען פרוכט אויף דער וועלט, ווייל אָט-אַזוי איז דער רצון פון בורא-עולם.

ר׳ עקיבא לערנט אַזוי ביז האַלבער נאַכט, און האַלבע נאַכט רייסט ער מיטאַמאָל איבער, אפילו אין מיטן, ווי פון אַ צופ ביי דער נשמה, און שטיל טרעט ער אריין צו דער ווייב אין חדר, נעמט דאָרט אַרויס דאָס זויג-קינד פון וויג, און באַשע-ריווע ציט צו אים אויס די הענט, נעמט צו זיך אריין דאָס קינד, און די גרויסע,

פולע ברוסטן אירע, א ברכה פון גאָט, פאַרשטעלן עס אזוי אינ־גאַנצן, אז עס זעען זיך נאָר אַרוים די פּיסלאַך, און ר׳ עקיבא שטייט ניט געאייילטערהייט און ווארט ניט געאייילטערהייט, מיט צונויפגעלייגטע הענט אויף הינטן, און דערנאָך נעמט ער ביי איר צו דאָס קינד, לייגט עס צוריק אַריין אין וויגל, גיט עס א פּאָר מאָל א וויג, און דערנאָך בויגט ער זיך אָן צו באשע־ריווען און גיט איר א גלעט איבערן שטערן, איבער די האָר:

— שלאָף...

און מיט אָפּגעהיטע הענט נעמט ער אָן די קאָלדרע און דעקט איר צו דאָס האַרץ, די ברוסטן, וואָס מיט זיי זויגט זי דאָס קינד, און ערשט דערנאָך, ווען ער האָט שוין אָט אזוי באַוואָרנט די גאַנצע משפחה זיינע, קומט ער צוריק אַריין צו זיך, אין דעם פריערדיקן חדר אריין, און זעצט זיך ווידער לערנען, און לערנען לערנט ער איצט אזוי לאַנג, ביז וואַנען ער גיט פּלוצלונג א גענעץ, און שוין, ביים ערשטן גענעץ, מאַכט ער צו דעם ספר, שטעלט אים צוריק אַריין אין אַלמער, און דערנאָך מאַכט ער צו די פענצטער, א פענצ־טער נאָך א פענצטער, און ביים לעצטן פענצטער בלייבט ער גלאַט אזוי שטיין, ווי עס בלייבט א בוים אין שאָטן אין א זומערדיקן פאַרנאַכט, ווען עס זעצט זיך די זון, דער בוים איז פול־אַנגע־גאָסן און פול־אָנגעגאָסענע בויגן זיך די צווייגן מיט א שטילן רעש פון בלאַט צו בלאַט, און שטיל, ווי אויף די שפּיץ־פינגער גייט דערנאָך ר׳ עקיבא אַריין אין שלאָף־חדר, גיט אפריער א קוק צום קינד אין וויגל און דערנאָך נעמט ער זיך אויסטאָן, אז עס זאָל זיך קיינער ניט אויפכאַפּן, נאָר באשע־ריווע איז וואַכיק אין איר שלאָף, ווי זי האָט א שלעפעריקע געגעבן זויגן דעם קינד, און ר׳ עקיבא בלייבט דערנאָך לעבן איר, גלעט איר דעם שטערן מיט צע־שפּרייטע פינגער, און באשע־ריווע אָטעמט אויף און שלאָפט איין, ווי עס פאַרציט זיך א טוי איבערן פעלד, וואָס ליגט ווי א טראַכט, און ר׳ עקיבא ווערט באַלד אויך אַנטשלאָפן, נאָך א לאַנגן און א גאַנצן טאָג אזא, וואָס איז געווען אי צו גאָט, און אי צו לייט.

ביז איינמאָל, ווינטערצייט איז דאָס געווען, און ר׳ עקיבא האָט איבערגעלאָזט באשע־ריוועען מיט די קינדער, האָט איבערגע־לאָזט א פולע שטוב, און אליין איז ער אַוועקגעפאָרן אין דער גו־

בערניע-שטאָט צו אַ פּריץ, האָט זיך דאָרט געזאַמט אַ פּאָר וואָכן, און ווען ער איז דערנאָך געקומען אהיים, האָט ער געפונען פיר פּיצלאַך קינדער, פיר יתומים אין אַ פּוסטער שטוב, און עד-היום ווייסט ער נאָך ניט, ר׳ עקיבא, פון וואָס און ווי אזוי די ווייב זיינע איז געשטאָרבן.

די פרעמדע ישובניצע, וואָס האָט דערווייל אכטונג געגעבן אויף די קינדער, האָט הויך אַ וויין געטאָן ווען זי האָט דערזען ר׳ עקיבאן, אַ וויין געטאָן אויפן קול, און האָט זיך שטיל אַרויסגע-שאַרט פון שטוב, און ר׳ עקיבא איז אוועקגעלאָפן אויפן בית-עולם, נאָר דער קבר באַשע-ריוועס איז געווען צוגעדעקט ניט מיט ערד, נאָר מיט שניי גאָר, און ר׳ עקיבא איז דערנאָך געפאָרן קיין ליאַדי צום רבין, און וואָס די ערד דעקט צו, דאָס דאַרף דער לע-בעדיקער מענטש פאַרגעסן, נאָר וואָס דאָס אויג האָט ניט געזען, דאָס האָט די ערד ניט צוגעדעקט, און ר׳ עקיבא איז שוין געבליבן אַן אלמן, ער האָט גאָר אפילו הערן ניט געוואָלט פון טאָן נאָכאַמאָל אַ שידוך, און פאַר די קינדער פאַר זיינע האָט ער תמיד געזאָרגט, האָט זייער געדאַגהט, נאָר אויסצורעדן אַ וואָרט האָט ער ניט געהאַט מיט וועמען, אַז אפילו אין די אָוונטן, ווען ער זיצט און לערנט ביי זיך אין זיין אייגענעם חדר, דוכט זיך אים אויך אַמאָל אויס, אַז קיינער הערט אים ניט, ניטאָ, און ער הערט טאַקע אויף צו לערנען, פאַרמאַכט דעם ספר, שטעלט אים צוריק אַריין אין אַלמער, און צו די קינדער אַ קוק טאָן דאַרף מען שוין אויך ניט גיין, גרויסע קינדער שוין, אויסגעוואַקסן, און ער גייט צו צו אַן אָפענעם פענצ-טער און בלייבט שטיין אָט-אזוי און קוקן אין דער אָנגעקליבענער, געדיכטער נאַכט אַריין. — — —

און אַמאָל, אַז מען גיט ביי אים אַ פרעג, ווען ער איז אַין שטאָט אַשטייגער, — וואָס מאַכן די קינדער אייערע, ר׳ עקיבא? קוקט ער שאַרף אַפּריער אָן דעם, וואָס ער פרעגט, און דערנאָך לאָזט ער אַראָפּ די אויגן, לאָזט אַראָפּ די ברעמען און רוקט זיך אַריין דיביידע הענט זיינע אין זיין חסידישן גאַרטל:

— אַ דאַנק דעם אויבערשטן!

און מער גאָרניט, מער פרעגט מען ניט, און מער רעדט ער ניט, נאָר אים אַליין באַפאַלט שוין דאָ אַ מאָדנע איילעניש, ער

קען שוין דאָ מער ניט איינזיין אין שול, און אין איילעניש קומט ער דערנאָך אהיים, מיט א פארשוויצטן שטערן אזש, נאָר אינדער-היים איז אלץ אזוי ווי עס באדארף צו זיין און ר׳ עקיבא זעצט זיך אַנידער און לאָזט ארוים פון זיך א שטארקן זיפץ, אָן א פאר-וואָס, דוכט זיך, און אָן א פארווען, וואָרום שפרה, די עלטערע טאָכטער זיינע, גיט זייער גוט אכטונג אויף דער קרעטשמע, און עס פאַסט איר טאקע צו זיין די באַלעבאָסטע, און ראָכע-גוטע, די אינגערע, עוסקט זיך אין קיך, און זי איז טאָקע א בריה, און די צוויי זין זיינע, דערוואַקסענע בחורים שוין, זיינען ערגעץ אויפן דאָרף, שטענדיק זיינען זיי אויפן דאָרף מיט די שקצים, און דאָס פאַסט זיי אויך זייער גוט, דאָס איז זייער דרך, נאָר ר׳ עקיבא זינדיקט ניט, ניין, ער איז מקבל-באהבה, וואָרום אחוץ דעם געזאַנג פון די שקצים מיט די שיקסעס, וואָס קלייבן זיך צונויף אין די זומערדיקע פאַרנאַכטן און זינגען דאָרט ביז אין גרויען פאַרטאָג אריין, האָבן די זין זיינע אויך איינגעזאַפּט אין זיך דעם טאַטנס שטילן ניגון ביים לערנען, און עס האָט ניט אויף זיי קיין שליטה דאָס קלינגען פון די קלויסטער-גלאָקן — א דאנק דעם אויבערשטן!

און א דאַנק דעם אויבערשטן פאַר שפרהן, וואָס איז אויסגע-וואַקסן הויך און בויגיק, אויף צוויי דינע, הירשענע פיס, און מיט א פנים, וואָס איז ווייס און ליכטיק ווי די זון, און שכל האָט זי דאָך ווי א מאַנדזביל, און שטענדיק איז זי עפּעס ווי א צוגעקליבענע ביי זיך, אין א ריינער פּלאַטיע און אין שיך און אין זאָקן, אַז זי קוקט אוים זייער באַלעבאַטיש, און א דאנק דעם אויבערשטן פאַר ראָכע-גוטען, וואָס איז אויך א הויכע און א בויגיקע, נאָר מיט א פנים ווי פון טייג און מיט אויגן, וואָס טרערן שטענדיק, און אַז זי זאָגט עפּעס מיט איר לויזן מויל, קומען די ווערטער ארוים ביי איר אזוי אָפּגעביסן, צעבראָכן, אַז קוים וואָס מען פארשטייט וואָס זי מיינט, וואָס זי וויל, און מיינען מיינט זי זייער ווייניק, זי האָט א קליינעם שכל, און זי גייט אויך ניט ארום באָרוועסער-הייט, זי טראָגט שיך אויף די פיס, נאָר זאָקן טוט זי אָן ניט מער ווי אום שבת.

שפרה איז שטענדיק געווען אין קרעטשמע, און ראָכע-גוטע איז שטענדיק געווען אין קיך, ווי זי וואָלט געוואוסט, אַז זי דאַרף

זיך ניט ווייזן צווישן מענטשן, און אַט־אַזוי האָט ר׳ עקיבא אויס־געהאָדעוועט די פיר קינדער זיינע, נאָר צו קיין תכלית האָט ער זיי נאָך ניט געבראַכט, און ער האָט געקוקט און געהיט מיט אַלע אויגן, איז געווען וואַכיק טאָג ווי נאַכט, און צו די זין צו זיינע האָט ער יעדן זמן געביטן די מלמדים, אָט ברייַנגט ער צו זיי אַן אַלטן אידן, און אָט גאָר א יונגן ישיבה־בחור, נאָר די זין זיינע ווילן ניט לערנען און זיי קענען טאַקע גאָרניט, אַז חיים־מאָטל האָט ניט געוואוסט, וואָס ער זאָל דאָ טאָן, אַז כאָטש נעם און פאָר גלייך אַוועק פון דאַנען, נאָר ר׳ עקיבא האָט גערעדט צו אים, ווי ער וואָלט אים געטרייסט, ווי ער וואָלט זיך פאַרענטפערט:

— קיין רבנים וועלן זיי שוין סיי ווי סיי ניט זיין, און אידן מוזן זיי זיין, אידן זיינען זיי!

און חיים־מאָטל האָט זיי קוים געקענט איינהאַלטן לעבן זיך א שעה אין טאָג, און די אַלע איבעריקע שעהן האָט ער אַליין גע־קענט זיצן און לערנען, און ער האָט טאַקע געלערנט בהרחבה, און ר׳ עקיבא האָט אַרומגעשפּאַנט אַהין און צוריק איבער דעם זוניקן הויף, האָט זיך געריבן די הענט און האָט עפּעס געמורמלט צו זיך אַליין, און די בנים זיינע, ווי נאָר זיי רייסן זיך אָפּ פון דעם רבין, אַזוי יאָגן זיי אַריין אין קרעטשמע, קוקן אויף דער שוועסטער, און שיסן ביידע גלייך אויס אין א געלעכטער, אַז שפרה כאַפּט א שטעקן און טרייבט זיי פון שטוב אַרויס, און דערנאָך זעצט זי זיך אַנידער, פאַרטראַכט זיך, ווערט רויט פון קאָפּ ביז די פיס און לאַכט זיך אויך פאַנאַנדער צום סוף, מיטן שטעקן נאָך אין די הענט, און ר׳ עקיבא האָט געזען, ווי זי האָט זיי געטריבן פון שטוב אַרויס, נאָר ער האָט זיך ניט געמישט, ווי ער מישט זיך קיינמאָל ניט צו זיי, סיידן די קינדער פאַרטשעפּען זיך אַמאָל מיט ראָכע־גוטען, אפילו מיט א וואָרט נאָר, ער ווערט דעמאָלט אַן אויפגע־קאָכטער:

— איר זאָלט זיך ניט דערוועגן! איר הערט וואָס איך זאָג אייך אָן?!

דער זומער איז געווען זייער א הייסער און זייער א טרוקענער, און די צוויי ברידער, ווי א צווילינג, זיינען גאַנצענע טעג אָפּגעווען ביים טייך, און חיים־מאָטלען האָט זיך אויך אַמאָל געוואָלט צו־

גיין אהין, אויסבאָדן זיך אמאָל, נאָר ער האָט זיך געשעמט, עס האָט עפּעס ניט געפּאַסט, נאָר אז ר׳ עקיבא אליין טובלט זיך אויך יעדן טאָג כמעט, און חיים-מאָטל איז איין מאָל יאָ געגאַנגען, און אז ער האָט אראָפּגענומען פון זיך די בגדים, האָט זיך אויסגעטאָן, האָט זיך זיין נאַקעטער קערפּער אינגאנצן אויפגערויטלט, ווי א יונג מיידל, און א פאַרשעמט-אויפגעלעבטער, ווי א מיידל, איז ער אריין אין טייך, האָט זיך אונטערגעטונקען און האָט זיך אוועקגעלאָזט שווימען, אזוי גלייך ווי א סטרונע, אז די תלמידים זיינע זיינען געבליבן קוקן מיט אָפענע מיילער, מיט אָנגעשטעלטע אויערן, ווי צעטומלטע האָזן, און חיים-מאָטל איז געשוואומען אויף אלע אופנים, אי אויפן זייט און אי אויפן רוקן, און אז ער האָט גענומען לייגן קלאַפּטער, איז עס געווען אזוי שטארק און ריין, ווי עס שניידט א שארפער מעסער, און די ברידער, ווי א צווילינג, האָבן זיך גלייך א כאַפּ געטאָן, האָבן אוועקגעיאָגט אהיים, און פאַרסאַפּעטע זיינען זיי אריינגעפאלן צו דער שוועסטער, האָבן איר גענומען דערציילן פון די נסים, און שפרה האָט ניט געכאַפּט קיין שטעקן, האָט זיי ניט געטריבן פון שטוב ארויס, נאָר האָט זיי געהערט מיט אלע אירע אברים, און אליין איז זי געווען דערביי, ווי א צווייג אויפן ווינט, און דערנאָך איז זי געבליבן זיצן א פאַרטראַכטע, מיט צוויי גרויסע פארטראָגענע אויגן, אז זי האָט שוין מער ניט געהערט וואס מען רעדט צו איר, און די ברידער האָבן זיך איבערגעקוקט, און ניט ווויסנדיק קלאָר וואס און ווען, זיינען זיי שטילערהייט ארויס פון שטוב, און ערשט אין דרויסן האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט, האָבן זיך אומגעקוקט צו דער שטוב און האָבן רחמנות געהאט אויף דער שוועסטער.

און שפּעטער, אז חיים-מאָטל איז געקומען פון טייך, און האָט זיך אנידערגעזעצט צום טיש, האָט אים ניט ראָבע-גוטע צוגע-טראָגן, דערלאַנגט היינט דאָס עסן, נאָר שפרה גאָר, און חיים-מאָטל איז היינט אינגאנצן געווען אוים מלמד, עס האָט זיך אים געוואָלט רעדן, וועגן אנדערע זאכן, נאָר שפרה איז ניט אָפּגע-טראָטן, און געשטאַנען איז זי אזוי נאָענט לעבן אים, אז זי האָט, דוכט זיך, געהערט ווי עס קלאַפּט אין אים דאָס האַרץ זיינס, און ער האָט שווייגנדיק געגעסן, מיט אראָפּגעלאָזטע אויגן, און מיט

יעדן ביסן האָט ער אַלץ וויניקער געוואוסט וואָס ער עסט, און האָט זיך אַלץ שטאַרקער געהיט, און אַז אין טעלער איז שוין מער גאָר־ניט געבליבן, האָט ער זיך ניט אויפגעהויבן, נאָר איז נאָך אַלץ געזעסן, און זי איז נאָך אַלץ געשטאַנען לעבן אים, ביז ער האָט זיך מיטאַמאָל א שטעל־אויף געגעבן און האָט זיך געלאָזט גיין צו זיך, ניט קוקנדיק אויף קיינעם, אין זיין אויבערשטער שטוב אַריין, אַליין, נאָר ערשט דאָרט, ווען ער האָט שוין זייער גוט פאַרמאַכט נאָך זיך די טיר, האָט ער זיך מיטאַמאָל א כאַפּ געטאָן זוכן מיט די אויגן, מיט די הענט, נאָר אַלץ אַרום האָט אַזוי געקוקט אויף אים, אַפילו די ווענט האָבן געקוקט, אַז ער איז געבליבן שטיין א צעטומלטער, און ער האָט דאָך איר אַפילו קיין דאַנק ניט געזאָגט, איז אַנטלאָפן, און ער האָט שוין צוריק געוואָלט אַראָפּלויפן צו איר, נאָר עפּעס האָט אַליין פון זיך געמורמלט דער מויל זיינער, עס האָבן געציטערט די ליפּן, און א פולער מיט דער זיסער בושה האָט ער מאָדנע פרעמד אַזוי געלאַכט אין זיך, האָט געקוואָלן ווי א קינד, און שפרה, אַז זי איז געבליבן אַליין, האָט זי אַפריער צונויפגע־שטעלט די טעלער, ווי אַן אמתע באַלעבאָסטע, און דערנאָך האָט זי גענומען א שטול, האָט זיך אַנידערגעזעצט, און אויף איר פּנים האָט שטיל גערוט א רואיקער און קלוגער שמייכל.

שפרה האָט נאָך קיינמאָל אין איר לעבן ניט געזען אַט־אַזאַ מלמד ווי חיים־מאָטל איז, ער רעדט גוט גויאיש, ווי א דאָרפישער, און זי ווייסט, זי זעט עס דאָך, אַז ער וואָלט אַפילו געקענט בייקו־מען דעם געזינטסטן שייגעץ, און אַחוץ דעם איז ער עפּעס אין־גאַנצן אַזאַ, אַז עס דוכט זיך איר אָפּט, אַז ער איז גאָר זייערער אַן אייגענער, א קרוב, נאָר קיינער ווייסט עס ניט ווי נאָר זי אַליין, און עס איז גוט וואָס קיינער ווייסט ניט פון דעם, און ר׳ עקיבא איז איינמאָל אוועקגעפאָרן אין שטאָט און האָט געבראַכט מיט זיך ר׳ וואָלפן, און ר׳ וואָלף האָט אַפריער געגעבן שלום דעם זון, נאָר ר׳ עקיבא איז אויך געווען דערביי, און ר׳ וואָלף האָט שוין מער גאָרניט געטאָן, און חיים־מאָטל האָט שוין מער גאָרניט געפרעגט, נאָר קוקן אויפן טאַטן האָט ער ניט אויפגעהערט צו קוקן, און אמתדיק און שאַרף האָט איצט אויפגעלעבט אין חיים־מאָטלען דער אַמאָליקער חשד זיינער, אַז עפּעס איז ניט גלאַט מיטן טאַטן,

אַז עפּעס איז ניט גלאַט אינדערהיים.

נאָר ר׳ וואָלף האָט דאָ אינמיטן דערינען אַ קוק געטאָן אויף אים, ווי ער וואָלט אים אָנגעוויזן מיט די אויגן, אַז ארום זיינען דאָך פּרעמדע מענטשן, אַ פולע שטוב מיט פרעמדע מענטשן, און אונטערטעניק, ווי אַ מענטש דאַרף אַזוי טאָן, האָט חיים-מאָטל גענומען אויף זיך די אחריות, וואָס אַ טאַטע לייגט אַרויף אויף זיין עלטערן זון, און ר׳ עקיבא האָט דערוויל אַרומגעשפּאַנט מיט גרויסע און הילכיקע טריט, האָט געזוכט, האָט געגישטערט, ביז ער האָט מיט אַמאָל אַ געשריי געטאָן, אַז מען זאָל פאַרלעשן דעם הייננ-לאָמפּ אין קרעטשמע, מען זאָל אינגאַנצן פאַרשליסן די טיר, און דערנאָך האָט מען זיך אויסגעזעצט אַרום טיש, ניט אין קרעטשמע, נאָר אין דעם זייטיקן, גרויסן חדר, וואו עס איז געשטאַנען אַ צע-שוואומענער קאָמאָד מיט אַ שפּיגל און שטאָטישע שטולן.

אַרום טיש איז געווען געהויבן יום-טובדיק, און ביי שפרהן האָבן געפלאַמט די באַקן און קאַלט געווען אין נאָז, און ר׳ עקיבא האָט איטלאַכע ווײַלע געקוקט אויף איר, אַז ר׳ וואָלף האָט אויך געקוקט יעדעס מאָל וואָס ר׳ עקיבא, און שפרה האָט זיך געוואָלט אַ כאַפּ טאָן פון טיש און אַרויסלויפן פון שטוב, אַנטלויפן, נאָר זי האָט זיך ניט געקענט אַ ריר טאָן פון אָרט, האָט זיך אפילו ניט געקענט צורירן צום גאָפּל-מעסער, נעמען אַ ביסן אין מויל, ווי עס פּאַסט ווען מען זיצט ביי אַ טיש, און שפּעטער, שוין נאָכן עסן, ווען מען איז שוין געגאַנגען שלאָפן, איז זי נאָך אַלץ געבליבן זיצן אָט-אַזוי, איינינקע אַליין, און ר׳ עקיבא איז מיט אַ כיון צוריק אַריינגעקומען אין חדר, זען וואָס זי טוט, וואָס זי מאַכט, און ער האָט אויסגעצויגן אַ האַנט, האָט איר, קענטיק, געוואָלט אַ גלעט טאָן איבערן קאָפּ, און זי איז מיטאַמאָל צוגעפאַלן צו אים און האָט זיך שטאַרק פאַנאַנדערגעוויינט, און ר׳ עקיבא האָט זי שטאַרק געדריקט צו זיך, אַ שולדיקער פאַר איר און פאַר אַלעמען.

און ר׳ וואָלף איז אויפמאָרגן אוועקגעפאָרן אַהיים, און מיט חיים-מאָטלען אַליין האָט קיינער ניט גערעדט, מען האָט אים גאָר-ניט דערציילט, נאָר ער האָט אַזוי אויך געוואוסט, אַז סוף זמן וועט ער און שפרה און ר׳ עקיבא פאָרן צו זיי אין שטאָט אַריין, און שפרה וועט זיין ביי זיי אינדערהיים אַ טאָג, צי אַ וואָך, און דער-

נאָך, אַז די מאַמע וועט אויך זאָגן יאָ, וועט מען שרייבן תּנאָים, און באַלד נאָך די תּנאָים וועט זיין די חתונה, און נאָך דער חתונה וועט שפרה צוריק בלייבן ביי איר טאַטן אין דאָרף, און ער וועט צוריק פאָרן אין דער ישיבה אַריין, און ר׳ עקיבא וועט איינליינגן טויזנט רובל במזומן, וואָס וועלן דאַרפן ליגן אַזוי לאַנג ביז וואַנען ער וועט קומען פון דער ישיבה און וועט שוין האָבן סמיכה.

ר׳ וואָלף האָט עס דערציילט פאַר אַסנען, האָט עס פאַר איר אויסגעלייגט ווי אויף א טעלער, און אַסנע האָט גאָר קיין אַכט ניט געלייגט אויף דעם אַלעמען, וואָס ער האָט גערעט פאַר איר וועגן דער כלה, מכח דעם מחותן, נאָר אויף דעם, אַז דער זון אירער וועט צוריק פאָרן אין דער ישיבה אַריין, האָט זי זיך שוין גאָר אָפּגעשטעלט, זי האָט עס נאָכאַמאָל איבערגעפרעגט, און דערנאָך איז זי אַליין אַוועק איבער די פּריצישע קראָמען און האָט דאָרט איינגעקויפט פאַר אים א האַלבן טוצן דינע, טייערע נאָזטיכלאַך, זאָל ער זיך דאָרט דערוויייל פירן ווי א מענטש, דער זון אירער.

און חיים־מאָטל, אַז ער האָט באַקומען די נאָזטיכלאַך, איז ער גלייך אַראָפּגעלאָפן צו שפרה׳ן, און אונטערגעטראָגן האָט ער עס איר אַזוי, ווי די מתנה וואָלט טאַקע גאָר געווען פאַר איר, פון זיין מאַמען, און שפרה האָט געקוקט אויף אים, און ער האָט געקוקט אויף שפרה׳ן, און זייערע ביידנס הענט האָבן געהאַלטן דאָס קליין, גרין פּעקעלע, ביז ער האָט אָפּגעלאָזט, דער ערשטער, און האָט זיך געלאָזט גיין צו זיך, אין זיין אויבערשטער שטוב, און שפרה האָט גוט באַהאַלטן די מתנה אין איר קאַסטן אינאיינעם מיט א טרער, וואָס האָט זיך אַרויסגעקייקלט פון אירע אויגן, און מיטן שליסל אין די הענט איז זי געבליבן שטיין אָט־אַזוי, האָט זיך צוגעהערט, האָט גע־וואַרט, נאָר חיים־מאָטל איז שוין מער ניט אַראָפּגעגאַנגען צו איר, און זי האָט זיך אַרומגעדרייט דעם גאַנצן טאָג דערנאָך, אַז זי האָט ניט געהערט וואָס מען רעדט צו איר, האָט געענטפערט ניט צו דער זאַך, און זי וועט פון דער מתנה קיינעם ניט דערציילן, וועט קיינעם ניט ווייזן, נאָר ביינאַכט, ווען זי איז שוין געלעגן אין בעט, האָט זי זיך פּלוצלונג א כאַפּ געטאָן, אַז זי האָט גאָרניט וועמען צו דערציילן, זי האָט ניט קיין אמתדיקע חברטע, און זי האָט זיך אַזש שיעור ניט צעוויינט.

און חיים־מאָטל איז ווייטער געזעסן אין זיין אויבערשטער שטוב און האָט ווייטער געלערנט, און די תּלמידים זיינע האָט ער שוין איצט ניט געדאַרפט געוועזן נייטן, זיי האָבן מיט חשק געהערט וואָס ער רעדט צו זיי, און האָבן שטאַרק געוואָלט ביי אים אויס־געמען, און חיים־מאָטל בלייבט אמאָל אינמיטן דערינען, בעת ער לערנט אַליין, פאַרקוקט זיך גלאַט אין דער וועלט אריין, און זיינע ביידע הענט גלעטן ווייך די אָפענע בלעטער פונם ספר, וואָס ליגט פאַר אים, גלעטן ארויף און אראָפּ, ארויף און אראָפּ, נאָר אראָפּגיין אונטן, צו שפרהן, גייט ער ניט, ר׳ עקיבא איז אויך דאָרט אין קרעטשמע, ר׳ עקיבא איז איצט כמעט שטענדיק דאָרט, אוואו שפרה איז, נעמט ניט אראָפּ פון איר די אויגן זיינע, אז נאָר ביים טיש, ביים עסן, זיצן זיי אַלע אינאיינעם, חיים־מאָטל און שפרה און ראָכע־גוטע און די צוויי ברידער, און שפרה רויטלט זיך רואיק און איז רואיק די באַלעבאָסטע ביים טיש, אז ר׳ עקיבא שעפּט פון איר נחת, נאָר ר׳ עקיבא פירט דאָך פאָרט גע־שעפט, און ער איז איינמאָל אוועקגעפאָרן פון דער היים אויף א גאַנצן טאָג, און פאַר חיים־מאָטלען איז טאָקע אין יענעם טאָג געלעגן אן אָפענער ספר, נאָר געלערנט האָט ער ניט, ער האָט אפילו ניט געוואוסט, אז ער לערנט ניט, און אראָפּגיין אונטן, צו שפרהן, האָט ער אויך ניט געקענט, עס איז אים אויסגעקומען, ווי ער וואָלט דאָ וועלן עפּעס אריינגנבענען פון ר׳ עקיבאן, נאָר צום סוף האָט ער פאָרט ניט אויסגעהאַלטן. האָט פאָרט איבערגעלאָזט דעם ספר, זיין שומר, און שטיל, טאָקע ווי געגנבעט, האָט ער גענומען אראָפּגיין די טרעפּ, און באַלד. נאָך איידער ער האָט רעכט גע־עפנט די טיר פון קרעטשמע, איידער ער האָט נאָך אריבערגעטראָטן דעם שוועל, האָט ער גלייך דערזען דעם גרויסן גוי, וואָס איז גע־זעסן ביים ברעג פונם לאַנגן טיש, און שפרה האָט דעם גוי צוגע־טראָגן א גלעזל בראָנפן, און דער גוי האָט אריינגעגאָסן אין זיך דאָס גלעזל, האָט זיך אָפּגעווישט די ליפּן מיט א האַנט, און דערנאָך האָט ער אויסגעצויגן דיזעלביקע האַנט זיינע צו שפרהן און האָט איר א קניפּ געטאָן אין זייט.

חיים־מאָטל האָט זיך א ריס געטאָן, ער וועט דעם גוי צע־רייסן אויף שטיקער. נאָר שפרה איז זיך געשטאַנען ווי גאָרניט,

ווי דער גוי וואָלט איר גאָר קיין שלעכטס ניט געטאָן, גראָדע פאַר־קערט, זי האָט אים נאָך צוגעטראָגן, דערלאַנגט, נאָך א גלעזל און נאָך א גלעזל, און דער גוי האָט אויסגעטרונקען דאָס ערשטע און דאָס צווייטע, האָט געשמאַק א קנאַק געטאָן מיט די ליפּן, האָט פאַרקרימט דעם פּנים, און דערנאָך האָט ער ווידער אויסגעצויגן א האַנט צו שפרהן און האָט זי שוין איינגאַנצן אריינגענומען מיט ביידע הענט, און חיים־מאָטלען איז שוואַרץ געוואָרן פאַר די אויגן, עס האָט זיך אַליץ א וויג געטאָן אינײַנעם מיט אים, אַז ער האָט זיך קוים אָנגעכאַפּט אָן דער פאַרענטשע, און די פּיס זײַנע, די הענט זײַנע האָבן גענומען טאַפּן די טרעפּ, ארויף־צו, ארויף־צו, און ווען ער איז שוין אריין צו זיך אין חדר און האָט פאַרמאַכט נאָך זיך די טיר, איז ער אינגאַנצן געבליבן שטיין אָן אָפּגענומענער און א קראַנקער, ווי מען וואָלט אים געשלאָגן מיט שטעקנס, אַז ער איז קוים געגאַנגען און דערגאַנגען ביז צו דער בעט, און אָט אזוי־אָ, אָן אויסגעצויגענער און מיט גרויסע און אָפענע אויגן האָט ער זייער קלאָר געוואוסט, נאָר זייער ווייט פון זיך, אַז ער דאַרף איצט צונויפנעמען די זאַכן און גלייך אוועקפאָרן פון דאַנען, אַנט־לויפן ווי פון א פייער. — — —

נאָר שפּעטער, אין אָוונט שוין, ווען מען איז אַלע אינאייינעם געזעסן ביים טיש, האָט ער גאָרניט ארויסגעוויזן, חיים־מאָטל, נאָר ר׳ עקיבא האָט א פּאָר מאָל א קוק געטאָן אויף אים, און שפרה אויך, און חיים־מאָטל איז באַלד נאָכן עסן אוועק פון טיש, ווי ער וואָלט זיי דאָ אַלעמען איבערגעלאָזט אינמיטן, און ר׳ עקיבא האָט שאַרף געקוקט צו שפרהן, און ווי ער וואָלט ביי איר געמאָנט:

— וואָס איז מיט אים?

— איך ווייס ניט . . .

שפרה האָט אים געזאָגט דעם אמת, נאָר ר׳ עקיבא גלויבט איר ניט, און שפרה איז אַליין אויך א צוטומלטע, בלאָנדזשעט מיט אירע אויגן, און ר׳ עקיבא לאָזט ניט, אַז ראָבע־גוטע זאָל שוין צונעמען פון טיש, ער קוקט מיט כעס אויף די צוויי זין זײַנע, זיי האָבן שוין מסתמא עפּעס אָפּגעטאָן, הא? נאָר זיי פינטלען מיט די אויגן, אַז מען קען זיי אין גאָרניט חושד זיין, און ר׳ עקיבא גיט צום סוף א מאַך מיט דער האַנט, ווי ער וואָלט זיי

אָפּגעלאָזט און ראָכע־גוטע נעמט שוין צו פון טיש.

און חיים־מאָטל איז זיך ווייטער געזעסן אין זיין אויבערשטער שטוב און האָט ווייטער געלערנט, און צו די תּלמידים זיינע, שפרהס ברידער, איז ער איצט געווען אַזוי גוט און אַזוי צוגעלאָזן, ווי אַן עלטערער ברודער, וואָס האָט רחמנות, נאָר אָט בלייבט ער פּלוצ־לונג ווי ער וואָלט זיי שוין ניט געזען, ווי קיינער וואָלט איצט ניט געווען אַרום אים, און די ברידער שאַרן זיך שטילערהייט אַרויס פון חדר, קומען שטילע אַריין אין קרעטשמע, צו דער שוועסטער, און שפרה צאַפּלט אויף, נאָר פרעגן ביי זיי פרעגט זי גאָרניט, זי קערט זיך אפילו אָפּ פון זיי, נאָר זיי טרעטן ניט אָפּ, זיי שטייען ווי די שטומע עדות, און שפרה צעשרייט זיך מיטאמאָל, אַז וואָס וויל מען פון איר, וואָס ? !

די ברידער דערשרעקן זיך, כאַפּן זיך אַרויס פון קרעטשמע, און דאָ קומט אָן ר׳ עקיבא, און ער קוקט זיי ביידן אָן, ווי נאָר זיי אינצווייען וואָלטן דאָ געווען די שולדיקע אין אַלץ, און זיי שטייען פאַרן טאַטן און פאַרענטפערן זיך גאָרניט, און ר׳ עקיבא גיט א מאַך צו זיי מיט דער האַנט, נאָר זיי רירן זיך ניט פון אָרט, זיי רעדן שטומערהייט צו אים וועגן שפרהן, און ר׳ עקיבא זעט דאָך, אַז זיי זיינען געטרייע קינדער, אַלע געטרייע צווישן זיך — געלויבט איז דער אייבערשטער !

אָט אַזוי זיינען געגאַנגען די טעג, טאָג נאָך טאָג, און איינמאָל, ווען מען איז געזעסן ביים טיש, האָט חיים־מאָטל לאַנג און שווער געקוקט אויף שפרה און פון שפרהן אויף ראָכע־גוטען, און אויף זיינע ליפּן, אויף זיין פּנים, האָט זיך פאַרצויגן א שמייכל, וואָס האָט זיך געקענט איינשניידן אין לייב אַריין, א שמייכל ווי ביי זיין מאַמען און וואָס דאָ איז עס אינגאַנצן פרעמד געווען, קיינער האָט דאָך דאָ ניט געקענט די מאַמע זיינע, ניט געזען נאָך אפילו, און ראָכע־גוטע האָט זיך גענומען טוליען צום טאַטן, און שפרהן איז קאַלט געוואָרן אונטערן האַרצן, אַז עס האָט איר ווי געטאָן דער אייגענער אָטעם אירער, און נאָכן עסן, אַז חיים־מאָטל האָט זיי איבערגעלאָזט אַליין, איז ראָכע-גוטע נאָך אַלץ ניט אָפּגע־טראָטן פון טאַטן, אין איר בלינדן צעשוואומענעם שרעק, און שפרה איז געבליבן אַזאַ, אַז זי וועט באַלד אויסשרייען, און די ביידע

ברידער אירע האָבן זיך טאַקע גלייך אַ כאַפּ געטאָן צו איר, און ר׳ עקיבא האָט שטאַרק איינגעהאַלטן אין זיך דעם כעס, האָט זיך געוואָרט קעגן דער עבודה־זרה, נאָר אַז חיים־מאָטל האָט דאָ פּאַרט פאַרנומען אַלעמענס מוחות און פּייניקט זיי אַלעמען, און ר׳ עקיבא האָט עס אָפּגעלייגט אויף מאָרגן, די גאַנצע זאַך, און אויף מאָרגן, אַז ער איז אַריינגעקומען צו אים אין דער אויבערשטער שטוב, אינמיטן טאָג און אינמיטן דערינען, האָט זיך חיים־מאָטל אויפֿגעשטעלט פֿאַר אים מיט דרך־ארץ, און מיט דרך־ארץ איז אַלץ אַרום געווען דערביי, אַז עס איז עפּעס אויסגעקומען, אַז ער גאָר, ר׳ עקיבא, איז דאָ דער גאַסט, און ר׳ עקיבא האָט קלאָר באַנומען, שפּעטער ערשט, ווען ער האָט דערנאָך לאַנג אַרומגעשפּאַנט איבערן הויף, אַז חיים־מאָטל איז ניט סתם אַזוי אַ פּאַסיקער בחור, אַ גוטער שדוך, נאָר אַז ער איז טאַקע אַ בן־אדם, אַ יש.

נאָר לאַנג געדויערן אַזוי האָט עס ניט געקענט, חיים־מאָטל האָט זיך אַליין געכאַפּט, אַז עס איז שוין דאָך באַלד סוף־זמן, געציילטע וואָכן נאָר, און ער איז אויפֿדערגיך צוגעגאַנגען צו ר׳ עקיבן און האָט אים אויפֿדערגיך געבעטן, אַז מען זאָל שיקן נאָכן טאַטן, און ר׳ עקיבא האָט דאָך אויך איינגעזען, נאָך פֿריער, אַז מען דאַרף דאָ מאַכן אַ טאָלק, און חיים־מאָטל האָט באַגעגנט דעם טאַטן מיט אַ שמייכל אויפֿן פּנים, ווי עס שמייכלט אַ קראַנקער, ווען מען קומט אים געוואויר ווערן, און ר׳ וואָלף האָט געקוקט מיט צונויפֿגענומענע ברעמען, דאָס אויפֿן זון און דאָס צו ר׳ עקיבאן, און ביי חיים־מאָטלען האָט זיך שוין אָפּגעווישט דער שמייכל, נאָך דער ערשטער מינוט, און געבליבן איז ער דערנאָך מיט אַ פּנים, וואָס איז שוין, קאָנטיק, פֿון לאַנג אָן בלייך אָט־אַזוי, פֿון לאַנג אָן שוין קראַנק, און עס האָבן ביי אים געציטערט די ליפּן, עס האָט געציטערט אין אים אַ יעדער אבר זיינער, נאָר גערעדט האָט מען גראָדע פּאַמעלאַך און שטיל און מיט דורכגעטראַכטע ווערטער, מען האָט זיך, חלילה, ניט געקריגט, נאָר פֿאַרבייטן שפּרה אויף ראָכע־גוטען, ניט וועלן שפּרהן וואָס איז ווי אַ פּאַווע, און וועלן ראָכע־גוטען, אויף דעם דאַרף מען דאָך, חלילה, זיין חסר־דעה, און ר׳ וואָלף האָט מיט צוויי כעסדיקע אויגן געקוקט אויף ר׳ עקיבאן, האָט געמאָנט ביי אים, אַז וואָס האָט מען דאָ

געטאָן מיט זיין זון ? וואָס האָט מען דאָ געמאַכט פון אים ? !
און ר׳ עקיבא האָט נאָר געקענט אויסשרייען — ערשט אין א מינוט ארום און זעענדיק פאַר זיך נאָר חיים־מאָטלען אליין, וועמען ער האָט שוין אינגאַנצן ניט געקענט באַנעמען, דעם בן־אדם, דעם יש, וואָס האָט געלויכטן ווי א שטערן אין דער קעלט :
— רבונו של עולם !
און חיים־מאָטל האָט מער גאָרניט גערעדט, ער האָט געשוויגן צווישן דעם טאַטן און ר׳ עקיבאן, און ר׳ וואָלפן איז אפילו אין זינען ניט געלעגן יאָ מסכים צו זיין אָדער ניט מסכים צו זיין, אז מען דאַרף איצט אינגאַנצן ניט האָבן קיין שידוכים, און מען דאַרף ניט וואַרטן ביז סוף־זמן, זאָל חיים־מאָטל גלייך פאָרן מיט אים אהיים, ער קוקט דאָך אויס ווי ניט קיין געשלאָפענער, ניט קיין געגעסענער, נאָר חיים-מאָטל איז פון שטענדיק אָן א גרויסער עקשן, און פון שטענדיק אָן, אז ר׳ וואָלף שטעלט קיין שום זאַך ניט אויף זיך אליין, אָן אסנען, און געוועז איז איצט ר׳ וואָלף אזוי גוט און צוגעלאָזן צום זון, נאָר דאָס, וואָס ער האָט אים געזאָגט צום סוף איז פאָרט ארויסגעקומען ביי אים ווי געסטראַשעט :
— איך פאָר נאָך דער מאַמען, זאָל זי מיט דיר רעדן !
ר׳ וואָלף האָט זיך אָן דעם אָנגעכאַפּט, אָן די אייגענע רייד, ווי אָן א גרויסער מציאה, נאָר חיים-מאָטל האָט זיך גאָר אויפ-געהויבן און האָט אריינגענומען א ספר אין די הענט, האָט אויפ־געמישט א בלאַט און האָט זיך אזוי פאַרטיפט, גלייך, מיטאמאָל, אז ר׳ וואָלף איז געבליבן קוקן מיט אַן אויסגעוואַקסענעם דרך־ארץ אויף זיין אויסגעוואַקסענעם זון, און ר׳ עקיבא האָט זיך אָפּגע־רוקט אין א זייט, האָט זיך אינגאַנצן ניט געמישט, ביז זיי זיינען ביידע איניינעם ארוים פון חדר, ר׳ וואָלף און ר׳ עקיבא, אָט ווי די צוויי שותפים אשטייגער, וואָס זיינען גלייך פאַרנומען מיט איין און דעמזעלביקן ענין, אויף איין און דעמזעלביקן שטייגער, עס זיינען שוין ניט געווען קיין צדדים, און ר׳ וואָלף איז טאַקע באַלד אוועקגעפאָרן נאָך אסנען, און ר׳ עקיבא האָט דערנאָך אליין ארומ־געשפאַנט איבערן הויף מיט א שפאַן, ווי אָן אויסגעצויגענער אַרשין, און פלוצלונג האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און א געשריי געטאָן :
ראָכע־גוטע !

ער איז געשטאַנען אינמיטן הויף, און ראָכע־גוטע איז אַרויס־געקומען פון קיך, און די ביידע פאַרשמירטע הענט אירע האָט זי געטראָגן אַזוי, ווי זי וואָלט מיט זיי געהאַלטן אַ שווערן טאָפּ, און ר׳ עקיבא האָט זי שאַרף אָנגעקוקט און האָט איר שאַרף אָפּגעזאָגט, אַז דאָס האָט די מאַמע אירע געפּועלט, אַ גוטע בעטערן פֿאַר זיי אַלעמען! און ראָכע־גוטע איז צוריק אַוועק אין קיך, און ר׳ עקיבא האָט ווידער גענומען שפּאַנען איבערן הויף, אַהין און צוריק, אַהין און צוריק, ביז ער האָט זיך פּלוצלונג אַ כאַפּ געטאָן, אַז ער וויל דאָך דאָ באַגזלענען שפּרהן, זיין אייגן קינד, און ער איז האַסטיק אַריין אין קרעטשמע, האָט זי אַ רוף געטאָן צו זיך, נאָר דער רוף זיינער איז שוין געווען אַ געבראָכענער, און שפּרה איז צוגעגאַנגען צו אים, און ער האָט אַריינגענומען דעם קאָפּ אירן אין זיינע ביידע הענט, האָט איר אַ הילכיקן קוש געטאָן אויפן שטערן, און זי האָט צוגענומען דעם קוש און האָט זיך אָפּגעווישט די אויגן, און ר׳ עקיבא האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ באַנק, אַן אויסגעמאַטערטער ביז גאָר און מיט אַ שווערן קאָפּ אַראָפּ־צו, נאָר פֿאַר זיינע אויגן זיינען נאָך געשטאַנען שפּרהס דינע, אַך, סאַראַ דינע פּיס, און ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ מיט די אויגן, האָט זי איינגאַנצן אָנגעקוקט, און ניין, ער פֿאָרט גלייך קיין ליאַדי צום רבין, מאָרגן, אם ירצה השם, ער וועט אויף זיך אַליין ניט נעמען די אחריות.

נאָר אויף מאָרגן זיינען אָנגעפֿאָרן חיים־מאָטלס עלטערן, און אַסנע איז געזעסן אין קרעטשמע, ווי זי איז אַריין, אַזוי איז זי געבליבן זיצן, און רק עס דוכט זיך איר, אַז זי איז נאָך אַלץ איינגעריכט אין שטוב, די הענט אירע, די קליידער, אַזוי שטויביק איז געווען דער וועג, און ר׳ עקיבא איז ניט אָפּגעטראָטן פון איר, און ווי מיט איר קומען אַהער, צו זיי, וואָלט ער שוין ניט געדאַרפט געווען פֿאָרן צום רבין, אין ערגעץ ניט פֿאָרן, און אַסנע האָט גע־פירט מיט די אויגן און געצויגן מיטן נאָז, עס האָט דאָ געשמעקט פֿאַר איר מיט קעלער, מיט גוי, און שפּעטער, אַז מען האָט שוין אַלעמען פֿאַרבעטן אין דעם גרויסן, זייטיקן חדר, אַוואו עס איז געשטאַנען דער צעשוואָומענער קאַמאָד מיטן שפּיגל, און איבער די פענצטער האָבן זיך שטיל געוויגט די ווייסע, מיידלשע פֿאָרהאַנ־

גען, איז אַסנע אויך דאָ געזעסן, ווי מען פאַרהאַלט זיך אַ שטיינער אויפֿן שוועל, ווען מען גייט שוין אוועק, און זי האָט שוין אָנגע־קוקט, האָט שוין געזען, אי שפּרהן און אי ראָבע־גוטען, און פון איין קוק אויף ראָבע־גוטען, — ניין, אַסנע איז ניט אין כעס געוואָרן אפילו, נאָר אַז עס איז אינגאַנצן ניטאָ וועגן וואָס צו רעדן, לחלוטין ניט, און זי האָט טאַקע גאָר ניט געזאָגט דעם זון אירן, האָט אינ־גאַנצן ניט גערעדט מיט אים, זי האָט נאָר אַ זאָג געטאָן, באַלד ווי זי איז אַראָפּ פון וואָגן און ער האָט איר געהאָלפן דערביי אַראָפּ־שטעלן די פיס:

— וואָס מאַכסטע?

און ניט נאָר אַסנע, נאָר קיינער האָט כמעט ניט גערעדט, און שטיל און אָן ליאַרעם האָט מען פאַרשפּאַרט די דרויסנדיקע טיר פון קרעטשמע, מען האָט דאָ שטיל פאַרלאָשן דעם לאָמפּ, און שטיל האָט יעדער איינער פון דעם הויזגעזינט געטוליעט אין זיך די צעטומלטקייט, דעם שרעק, און אויף אַזאַ עולה פון אַסנען האָט זיך ר׳ וואָלף אפילו ריכטען ניט געקענט, און אַסנע קלייבט זיך גאָרניט צו זאָגן עפּעס דעם זון, זי היט נאָר זיך אָפּ, זיך אַליין, און ר׳ וואָלף איז מיטאַמאָל צוגעגאַנגען צו איר, פאַר אַלעמען אין די אויגן, און ער איז ניט אין כעס, האָט ניט קיין טענות, נאָר אַז ער קען עס שוין מער ניט איבערטראָגן, ער איז ניט פון אייזן:

— מיוחסעסטע מיינע, מיוחסעסטע!

אַסנע האָט זיך אינגאַנצן אַ צאַפּל געטאָן, האָט אַזש אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט, נאָר באַלד איז זי געבליבן אַזאַ, ווי זי וואָלט גאָר אַ טופּע געטאָן מיטן פוס, און ר׳ וואָלף האָט זיך אָפּגעווישט די אַרויסגעשפּאַרטע, שווערע טראָפּנס אויפֿן שטערן, איז אַ ליידי־קער אָפּגעטראָטן פון איר, און אַ רואיקע שוין האָט זיך אַסנע באַלד אַ קער געגעבן צו ר׳ עקיבאן און האָט אים רואיק געבעטן, אַז זי וויל שוין פאָרן אהיים, גלייך, די מינוט, און געזאָגט האָט זי עס אים אַזוי, אַז עס איז געוועזן אין דעם מער געהייסן ווי גע־בעטן, און ר׳ עקיבא איז טאַקע אויפדערגיך אַרוים פון שטוב, האָט אויפדערגיך געהייסן שפּאַנען דעם פערד, און אַסנע האָט אָנגענו־מען דעם זון אירן פאַר אַ האַנט, ווי זי וואָלט זיך אויף אים אָנ־

געשפּאַרט, און איז מיט אים אַט־אַזוי אַרויס פון שטוב, און פאָרן טויער איז שוין געשטאַנען דער איינגעשפּאַנטער פערד און וואָגן, און אסנע האָט זיך אַריינגעזעצט אין וואָגן, און חיים־מאָטל איז געבליבן שטיין לעבן איר. נאָר ר' וואָלף איז נאָך אַלץ ניט אַרויס־געקומען צו זיי, ער האָט זיך דאָרט אין שטוב א זעץ אַנידער גע־געבן מיט איינגעשפּאַרטע פּיס, און ניין, ער רירט זיך ניט פון אָרט, ער גייט ניט, ער פאָרט ניט, און אסנע האָט דאַ איין מאָל אָפּגע־ווארט און צוויי מאָל אָפּגעוואַרט, ביז זי האָט געהייסן דעם זון, אַז ער זאָל גיין און זאָגן דעם טאַטן, אַז זי וואַרט, און חיים־מאָטל איז אַריין אין שטוב און איז צוגעגאַנגען צום טאַטן און האָט אים געזאָגט פּונקט אַזוי, ווי מען האָט אים געהייסן:

— טאַטע, די מאַמע וואַרט!

און פּונקט ווי עס האָט זיך פריער אָנגעשפּאַרט אויף אים די מאַמע זיינע, אַזוי האָט ער איצט אַרויסגעפירט דעם טאַטן צו דער מאַמען, און עס האָט זיך באַלד גערירט דער וואָגן, איז באַלד ניט געוואָרן אין דער נאַכט, נאָר חיים־מאָטל איז נאָך אַלץ גע־שטאַנען ביים טויער אינאיינעם מיט ר' עקיבאַן, און ר' עקיבא איז געווען א מבולבלער, און א מבולבלער האָט ער ערשט איצט דערזען, צום ערשטן מאָל אפשר פאַר אַזוי פיל יאָרן, אַז מען איז איינער אַליין אויפן דאָרף, מענטשן קומען, מענטשן פאָרן אַוועק, און בלייבן בלייבט מען ווידער אַליין, און ר' עקיבא איז איצט פול געווען מיט רחמנות צו חיים־מאָטלען, ווי צו אַן אייגן קינד, אייגן פלייש און בלוט, און חיים־מאָטל איז נאָך אַלץ געשטאַנען, האָט זיך איינגעקוקט, האָט זיך איינגעהערט, אַז ר' עקיבאַן אַליין האָט זיך שוין אויך אויסגעוויזן, אַז מען הערט נאָך טאַקע עפּעס, און דער וועג פון דאָרף אין שטאָט אַריין איז א גלייכער, אַן אויסגע־פאָרענער, און ר' וואָלף איז געזעסן אין וואָגן אַן אָפּגערוקטער פון אסנען און איינגאַנצן אַן אויסגעשלאָסענער, ווי ניט קיין לעבע־דיקער מענטש גאָר, און אסנע האָט זיך שטעכיק געדרייט אויף איר אָרט, האָט איטלאַך ווײַלע געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר האָט אויך געשוויגן, און אַרום איז פינצטער ווי אין אַן אויוג, א פּחד, און מען איז איינער אַליין, און מען פאָרט אַזוי, מען פאָרט, ביז מען איז מיטאַמאָל אַריינגעפאַלן אין א וואַלד, ווי אין א הייל — אוי!

אז מען פֿאָרט דאָ בייטאָג איז דער וואַלד א שיטערער, אָן אויסגעקראָכענער, א געלעכטער און ניט קיין וואַלד, נאָר איצט, ביינאַכט, איז עס אזוי געדיכט און פינצטער, אז עס ציען זיך צוויי הויכע און שווארצע ווענט פוןביידע זייטן, און עס טוט זיך מי־יודע וואָס, און אסנע זאָגט ציטערנדיק ארוים, ווי זי וואָלט זיך פלוצלונג צעשריען אויף אימיצן מיט אן איינגעהאַלטענעם, א פאַר־שטיקטן קול :

— קינדער אויסגעהאָדעוועט, א נחת !

ר׳ וואָלף אָטעמט שטארק אויף דעם אויף, מיט א ברום, און זי גיט זיך א קער אום צו אים, זי וואַרט, נאָר דעם אָטעם זיינער הערט באַלד אויף, און אסנע בלייבט שוין ווידער אליין, און דער וואַלד, ווי א הייל, געדוויערט אלץ מער און מער, און אסנע מאַכט צו די אויגן און מיט צוגעמאַכטע אויגן בויגט זי זיך פּאַמעלאַך צו צו אים, ווי א פאַרלאָזטע, און געוואוינט איז זי דאָך פון שטענדיק אָן, אז ער זאָל שטענדיק זיין לעבן איר, און ער קוקט זי אָן, און זי עפנט אויף די אויגן, און זייערע ביידנס אויגן פלעכטן זיך נאָקעט צונויף א רגע, און ער נעמט און דרייט אוים א האַנט, און זי קען שוין איצט גוט אוועקלייגן דעם קאָפּ אירן צו אים אויפן שוים, און ער קען שוין איצט גוט אוועקלייגן די האַנט זיינע אויף איר, ווי ער וואָלט זי ארומגענומען, און ער עצהט איר :

— שלאָף, פּרואוו איינשלאָפן . . .

און אסנע מאַכט צו די אויגן, אן איינגעטוליעטע אין אים, און דרעמלט טאַקע איין, און ר׳ וואָלף זיצט דערביי, אז ער גיט אפילו ניט א ריר מיט קיין אבר, ער זאָל זי חלילה ניט אויפוועקן, און מען פאָרט אָט־אזוי, מען פאָרט דעם גאַנצן וועג, ביז מען פאָרט שוין אריין אין שטאָט, און אין דער אויסגעלאָשענער שטאָט האָט שוין שארף געשמעקט דער אָנקומענדיקער פארטאָג, נידעריק און אָן איין שטערן איז געווען דער הימל, און אסנע איז ניט אָפּ־געטראָטן פון איר מאַן, האָט זיך רק געהאַלטן לעבן אים, און זיי זיינען ביידע אינײנעם אריין אין שטוב, און ערשט דאָ, ביי זיך שוין אינדערהיים, איז ר׳ וואָלף מיטאמאָל גרינג צעטומלט געוואָרן, ווי אין דער פרעמד, ווי צו־גאַסט, און זאָל ער יאָ אָנצינדן דעם

לאָמפּ, אָדער ניט אָנצינדן דעם לאָמפּ ? און ערשט דאָ, ביי זיך שוין אינדערהיים, איז אַסנע מיטאמאָל געוואָרן די באַלעבאָסטע, ווי נאָר זי האָט אריבערגעטראָטן דעם שוועל. און ווי א באַלעבאָס־טע איז זי זיך געגאנגען לייגן אין בעט אריין, אז ר׳ וואָלף האָט זיך געוואָלט א יאָג טאָן נאָך איר, פארהיטן עפּעס, נאָר אסנע האָט זיך שוין ניט אומגעקוקט צו אים, האָט אים מער ניט גערופן צו זיך, און ר׳ וואָלף בלייבט ווי א מענטש, וואָס דערזעט פּלוצלונג, אז געליינגט האָט ער אומזיסטע האָפענונגען, און ער ציט אויס א האַנט, טאַפּט אָן א שטול, זעצט זיך אויף דעם אנידער מיט טאַפּנ־דיקע הענט און אָפענע אויגן, און ער זיצט דערנאָך לאַנג אָט־אַזוי, ווען אַלע שלאָפן שוין, און ווי ער וואָלט שטיל, פאר זיך נאָר, און ניט געאיילט, ארומגעקוקט און ארומגעטאַפּט דעם אייגענעם מזל זיינעם.

און דאָרט, ביי ר׳ עקיבאן אין דאָרף, האָט מען זיך אויך ניט געקריגט און ניט געשריען, נאָר ר׳ עקיבא האָט זייער גוט געוואוסט, אז עס איז נאָך ניט קיין טאָלק, זייער ווייט פון דעם, און חיים־מאָטל איז אויף מאָרגן געזעסן אין זיין אויבערשטער שטוב, האָט אריינגעקוקט אין א ספר, נאָר ליידיק איז היינט אַלץ געווען פאר אים, אז ער האָט אַזש צוגעמאַכט די אויגן, און דאָ האָט זיך פּלוצ־לונג געעפנט די טיר, ווי אַליין פון זיך, איז געשטאַנען אַזוי א רגע, אז עס האָט געפעלט אָטעם, נאָר דורך דער אָפענער און ליידיקער טיר איז באַלד אריינגעקומען שפרה, שטיל, ווי א שאָטן, אָן טריט אפילו, און זי איז צוגעגאַנגען צום טיש אַנטקעגן אים, און האָט פאר אים אוועקגעלייגט דאָס קליין פּעקעלע, די נאָזטיכלאַך, וואָס די מאַמע זיינע האָט געשיקט, די ערשטע און איינציקע כלה־מתנה אירע, מער האָט זי ניט שפרה. —

חיים־מאָטל האָט געקוקט אויף איר מיט אָפענע און לויטערע אויגן, און געצוקט האָבן נאָר די בלייכע, פארשאַרפטע ליפּן זיינע, ווי עס וויינט א מאַנדזביל, און שפרה האָט זיך אָפּגעקלעפּט פון טיש, האָט זיך אָפּגעקלעפּט פון אַלץ, און זי איז צוריק ארויס פון חדר, און חיים־מאָטל האָט זיך א ריס געטאָן, האָט זיך א יאָג געטאָן נאָך איר, נאָר ביי דער אָפענער און ליידיקער טיר איז ער מיטאמאָל געבליבן שטיין, ווי ביי א טויבער וואַנט.

שטיל און ווי א שאָטן און אָן טריט איז שפרה נאָר ארויס פון חדר, פון די טרעפּ איז זי שוין אראָפּגעלאָפן, און אונטן, אין קרעטשמע, האָט זי גלייך אויסגעפּלאַצט אין א געוויין, וואָס האָט געשאָטן מיט נאָדלען, און דיביידע ברידער אירע האָבן זיך אויפן אָרט א כאַפּ געטאָן צו איר, האָבן זיך גענומען בעטן ביי איר, אז ניט, און אויף זייער בעטן זיך און אויף איר געוויין איז באַלד אויך אָנגעקומען ר׳ עקיבא, און די ברידער האָבן דאָ איבערגעלאָזט דעם טאַטן און אליין זיינען זיי אריין אין קיך, און ראָכע־גוטע האָט ניט געשריען פון דאָרט, ווען זי האָט זיי דערזען — טאַטע! ווען מען זאָל זי אפילו שטעכן איצט מיט שפּיזן, וועט זי אויך ניט שרייען, נאָר ר׳ עקיבא איז באַלד אליין אריין צו זיי, און די ברידער האָבן מיט אָן אָפּענעם כעס א קוק געטאָן אויפן טאַטן און אויף ראָכע־גוטען, און זיינען אינגאַנצן ארויס פון שטוב. אז עס האָט זיך געדוכט, זיי האָבן דערביי א זעץ געטאָן מיט דער טיר, און ר׳ עקיבא האָט דאָ צום ערשטן מאָל דערזען פון זיי אזא חוצפּה, און ער האָט זיך אַ ריס געטאָן, האָט א שפּאַן געטאָן, נאָר אויף וועמען צו שרייען איז שוין ניט געווען, און ער איז צוריק אריין אין שטוב, און טיף אין אים האָט עס טיף געציטערט, ווי עס וואָלט געקלאַפּט אָן אָדער אז אפשר זיינען זיי טאַקע גערעכט, די זין זיינע, אפשר — רבונו של עולם!

און חיים־מאָטל האָט טאַקע גענומען ראָכע־גוטען, און גע־נומען האָט ער זי מיט אָפּענע און לויטערע אויגן, און געצוקט האָבן נאָר דערביי די בלייכע, פאַרשאַרפטע ליפּן זיינע, ווי עס וויינט אַ מאַנדזביל, און די חתונה איז געווען אויפן דאָרף אין איינעם א שיינעם סוף־זומערדיקן טאָג, און דער גרויסער הויף ב׳ ר׳ עקיבא חסיד האָט אין יענעם טאָג אויסגעקוקט ווי א יריד, נאָר פּאַמעלאַך, בהרחבה, און מיט א ניגונדיקן ברומען, ווי ביים דאַוונען, פּאַקט א ישובניק אויס דעם דרשה־געשאַנק פון זיין וואָגן, לייגט עס זיך ארויף אויף די פּלייצעס, און נאָך אים גייט נאָך די ווייב זיינע מיט א ברייטן, נחתדיקן שמייכל אויפן פּנים, און זי העלפט אים טראָגן, זי האַלט אונטער דעם זאַק מיט א פינגער, ווי זי וואָלט עס געגלעט. און אַרום דער אידענע שפּרינגען און שרייען די קינדער־לאַך אירע, און עס טראָגט זיך איבערן הויף, ווי דאָס קלינגען אין

גלעקלאָך פון אַלע זייטן, און דער הויף איז אַזוי שוין געפּאַקט מיט וועגענער, אַז מען מוז שוין אויפשטעלן די האָלאָבליעס, און ניט נאָר דעם הויף האָבן זיי פאַרנומען, די ישובניקעס, נאָר די חתונה איז־גאַנצן, און עס קומט זיי טאַקע פאַר דער פּולער, ערדישער פרייד, וואָס זיי האָבן געבראַכט מיט זיך אין אַ פּנימה, אַז די געהויבענע מחותנים פון שטאָט האָבן זיך מיט אַ שמייכל אויסגעטאָן פון זייער שטאָטישן שטאַט, ווי מען ווערט קלוג אַ קינד צווישן קינדער, און נאָר איין ר׳ עקיבא האָט זיך אַלץ געשאַרט ביי דער זייט פון דער חתונה, האָט זיך געריבן די הענט און האָט עפּעס געמורמלט צו זיך.

איבערן הויף האָט זיך באַלד נאָך דער חופּה צעטראָגן אַ מזל־טוב, מזל־טוב! און שפרה איז צוגעגאַנגען צו דער שוועסטער, האָט זיך צעקושט מיט איר, און דערנאָך איז זי צוגעגאַנגען צום חתן, האָט אים אויך געוואָלט אָפּגעבן מזל־טוב, מער ניט, נאָר חיים־מאָטל איז געשטאַנען פאַר איר פון קאָפּ ביז די פיס, און זיי האָבן זיך ביידע אָנגעקוקט, איין אויגנבליק נאָר, און ניט מער, נאָר דער עולם ארום האָט זיך שוין אַ שפּאַר געטאָן צו זיי, און שפרה איז געבליבן ווי אויף אַ האָר, אַ געכאַפּטע ביי דער האַנט, און חיים־מאָטל איז געשטאַנען ווי אויף הפקר, עס האָט אים אפילו ניט אָנ־געריירט, וואָס אַלץ איז דאָ אַזוי בפרהסיא, נאָר שפרה האָט דאָ מיטאַמאָל ארויסגעפּלאַצט אין אַ געוויין, און מיט דעם געוויין מיט אירן האָט זי זיך, ווי אין אונטערגעשאָסענע, אַ כאַפּ געטאָן פון אָרט, האָט זיך דורכגעשפּאַרט דורך דעם עולם און האָט זיך געלאָזט לויפן, אינגאַנצן אַנטלויפן, און ר׳ עקיבא האָט אַ כאַפּ געטאָן זיינע צוויי זין, האָט זיי אָנגעוויזן, און זיי האָבן זיך אַ יאָג געטאָן נאָך איר, נאָר זי איז געלאָפן און געלאָפן, אַז אָנגעיאָגט האָבן זיי זי ערשט ווייט שוין פון דער היים, און זיי האָבן זיך פלוצלונג אָפּגעשטעלט, אַלע אין דרייען, און שטומע, שווייגנדיקע האָבן זיי זיך אַלע אינייִנעם אומגעקערט אויף צוריק, און שפרה האָט שוין מער ניט געוויינט, זי האָט נאָר אויפגעקרעכצט פון מאָל צו מאָל, ווי אין אַלטע אידענע, ווען עס ברעכן איר די ביינער, און די ברידער, ווי אַ צווילינג, זיינען נאָך דעם צוגעגאַנגען צום טאַטן און האָבן אים געזאָגט, אַז שוין, שפרה איז שוין אינדער־היים, זי איז דאָרט, נאָר ר׳ עקיבא האָט זיי ניט געלאָזט אויסריידן,

ווי ער וואָלט זיי פאַרשטאָפּט דאָס מויל, און שפרה האָט זיך שוין מער ניט באוויזן אויף דער חתונה, און ר׳ עקיבא האָט זיך די גאַנצע צייט ארומגעשאַרט ביי דער זייט. האָט זיך געריבן די הענט און האָט וואָס געמורמלט צו זיך אַליין . . .

און באַלד נאָך דער חתונה, אָט ווי אויף מאָרגן, האָט חיים־מאָטל גענומען פּאַקן זיינע זאַכן און זיין ווייבס זאַכן, האָט זיך גענומען קלייבן אין שטאָט אריין, ארויסקלייבן זיך, און אז ר׳ עקיבא האָט זיך אים דאָ געשטעלט אנטקעגן, אז סטייטש? און די ישיבה? וואָס הייסט?! האָט חיים־מאָטל אויף דעם א פּיר געטאָן מיט דער האַנט, ווי ער וואָלט עס איינגאַנצן אָפּגעווישט, און אז ר׳ עקיבא האָט אים דערנאָך געוואָלט געבן צוויי טויזנט רובל אנשטאָט די צוגעזאָגטע טויזנט, האָט חיים־מאָטל רואיק אים אָנגעקוקט און רואיק געזאָגט צו אים:

— כל יתר כנטיל דמי.

ר׳ עקיבא האָט קלאָר געזען, ווי אזוי ער טייטשט דאָ דעם פּסוק, און ניט אַזוי הויבט מען אָן די וועלט, חיים־מאָטל, ניט אזוי הויבט מען אָן צו לעבן, א שונא איז מען נאָר דיר, ווען דו אַליין טראָגסט אין זיך די שנאה, און ר׳ עקיבא האָט נאָך גע־פּרואווט פאָרן אין שטאָט אריין און רעדן מיט די מחותנים, נאָר געהויבן און קאַלט האָט מען אים דאָרט באַגעגנט. און ווי מען נעמט אויף א משולח אין א גבירישער הויז, אזוי האָט אים אַסנע אָנגעוויזן אויף א שטול לעבן טיש — א געהויבענע און מיט א קאַלטן שמייכל:

— זיצט, מחותן, זיצט, איך בעט אייך . . .

און ר׳ עקיבא האָט געטראַכט דערנאָך, פאַרנדיק שוין פון דאָרט, אז ניט נאָר חיים־מאָטל אַליין, נאָר אז זיי זיינען אַלע אזעלכענע, אַנדערע, די גאַנצע משפחה זיינע, מענטשן פון אַן אַנדער סאָרט, און ווען ער איז געקומען אהיים איז שוין חיים־מאָטל ממש געשטאַנען אויף דער פור, און ארויסגעקליבן האָט ער זיך, חיים־מאָטל מיט זיין ווייב ראָבע־גוטען ניט אין דער שטאָט, וואו דער טאַטע זיינער איז געווען שוחט און וואו ער אַליין איז גע־באָרן געוואָרן, נאָר אין דער אַנדער שטאָט, פּונקט אויפן צווייטן זייט דאָרף, וואו די משפּחה באַכמוטסקי איז געווען דאָס אויבער־

שטע פון שטויסל, און וואו לייזער־בער, דער אמאָליקער לייוונט־מעסטער, איז שוין פון לאַנג געווען ר׳ חאַצעס איידעם און דער גביר פון שטאָט, און געקומען איז ער אהין, ניט ווי עס קומט א מלמד פון דער פרעמד, נאָר ער האָט גלייך אָפּגעדונגען א גראַמע דירה מיט א שיינעם גאָרטן ארום, און צו די באַלעבאטים נאָך זייערע קינדער איז ער אויך ניט געגאַנגען בעטן. נאָר גלייך, פונם ערשטן זמן אָן האָט ער גענומען פאַרהערן און קלייבן, און דעם וויל ער יאָ און דעם וויל ער ניט, און שוין פון דעם ערשטן זמן אָן איז געוואָרן א יחוס צו לערנען ביי דעם נייעם מלמד, וואָס הייסט ר׳ חיים־מאָטל, און וואָס א וואָרט איז ביי אים א רענדל, ווייל ער איז טאַקע א חכם פון א מענטשן.

ר׳ עקיבאן האָט מען דאָרט אויך געקענט, אין דער פרעמדער שטאָט, און ערשט דאָרט, אין דער פרעמדער שטאָט, זעענדיק אַלץ און וויסנדיק אַלץ האָט ר׳ עקיבא געקענט האָבן נחת פון זיין איידעם, און א פולער מיט נחת, מיט הנאה, ווי אן אמתער עולם־הזהניק בריינגט ער טאַקע שטענדיק מיט זיך מיט. ווען ער קומט נאָר צו די קינדער א פולן וואָגן מיט אַלדאָסגוטס, און חיים־מאָטל העלפט אים אראָפּנעמען פון וואָגן, אריינטראָגן אין שטוב, אראָפּ־לייגן אין קעלער, און ר׳ עקיבא ברומט זיך אַזש אונטער א ניגון, און חיים־מאָטל אָטעמט אָפּ, פאַרריכט אויף זיך די בגדים, און זאָגט דערנאָך איינגעהאַלטן, מיט איינגעהאַלטענע ווערטער, אז דער שווער דאַרף זיך ניט באַמיען, מען דאַרף ניט, און ר׳ עקיבאן געפעלט עס ניט, ניט אזוי דאַנקט מען, נאָר מאַכן פון דעם א וועזן איז עפּעס ניטאָ פון וואָס און עס פּאַסט ניט. נאָר אין דעם פעסל מיט האָניק איז שוין אריינגעטאָן געוואָרן א לעפעלע סם, און ר׳ עקיבא טראַכט דערנאָך, ווי א טרייסט פאַר זיך, אז דער איידעם זיינער מוז אפּנים זיין א שלעכטער מענטש. גאַנץ פשוט, פאַרגינט ניט זיך און פאַרגינט ניט יענעם, און ר׳ עקיבא האָט שוין ווידער געבראַכט א פולן וואָגן, ווען ער איז ווידער געקומען צו די קינ־דער, און חיים־מאָטל איז געבליבן שטיין, נאָכדעם ווי מען האָט אויסגעליידיקט דעם וואָגן, האָט זיך פאַרטראַכט א רגע, און דער־נאָך האָט ער רואיק געזאָגט, נאָר אזוי, אז איין מאָל שוין פאַר אַלע מאָל, אז דער שווער זאָל זיך מער ניט באַמיען מיט אזוינע

זאָגן, ער אַליין חיים־מאָטל דער מלמד, קען נאָך פירן זיין הוצאה, ניטאָ וואָס צו זינדיקן!

ר׳ עקיבא איז געוואָרן אַן אויפגעקאָכטער. ער האָט שוין גענוג פאַרשוויגן, גענוג געשוויגן, נאָר שרייען צו חיים־מאָטלען קען מען ניט, ניט נאָר רעדט ער אַליין ניט, נאָר ער לאָזט אויך ניט, אַז מען זאָל רעדן צו אים, און ר׳ עקיבא האָט אַריינגערופן די טאָכטער זיינע אין אַ באַזונדערן חדר, האָט פאַרמאַכט נאָך איר די טיר, און ווי אַזוי איז ער צו איר, דער מאַן אירער? ווי אַזוי?

ראָכע־גוטע האָט זייער פאַרשטאַנען וואָס מען פרעגט דאָ ביי איר, און זי האָט שעמעוודיק אַראָפּגעלאָזט די אויגן, אַראָפּגע־לאָזט דעם קאָפּ, נאָר עקיבא איז דאָך פאָרט אַ מאַנדזביל, און ער האָט ניט געזען איר טראָגנדיקן בויך, ער האָט נאָר געזען, אַז פון איר וועט ער סיי־ווי־סיי גאָרניט אַרויסקריגן, זי האָט דאָך גאָר קיין שכל ניט, און ער איז אַוועק אין בית־מדרש און האָט זיך אַוועקגעשטעלט דאַווענען מנחה, אין אַ פּראָסטן, וואָכעדיקן טאָג, אַז עס האָט ממש געשפּאָלטן די הימלען, און דער עולם אַרום האָט געקוקט און ניט פאַרשטאַנען וואָס דאָס איז, נאָר באַלד האָט מען זיך געכאַפּט, און מען האָט זיך עס שוין פאַרטייטשט, אַז ר׳ עקיבא איז דאָך אַ חסיד — נו, איז חסיד מיט אַזאַ מין דרך.

און דער דרך ביי ר׳ עקיבא, בנוגע דעם איידעם, איז פון איצט אָן געוועזן אַ שטילער, אַ זייטיקער, און בגנבה פון חיים־מאָטלען פלעגט ער שוין איצט כאָטש עפּעס־וואָס ברענגען מיט זיך, און אַליין פלעגט ער עס אַראָפּנעמען פון וואָגן, אַליין אַראָפּ־טראָגן אין קעלער, און שאַ, שטיל, און ראָכע־גוטע האָט זיך צו די ניין חדשים אַריינגעלייגט אין קימפּעט און האָט געהאַט אַ אינגל, און ביי חיים־מאָטלען האָבן זיך געבראָכן די קני, ווען מען האָט אים געוויזן דאָס קינד, נאָר דאָס קינד האָט אינגאַנצן געלויכטן, פון קאָפּ ביז די פּיסעלאַך, און חיים־מאָטל איז געבליבן אַ רגע, ווי ער וואָלט זיך פאַרגאַנגען, ווי ער וואָלט זיך פאַרגעסן, און דער־נאָך האָט ער זיך אָנגעבויגן צו דער קימפּעטאָרן מיט פולע אויגן, און זיינע פולע ליפּן האָבן אָנגערירט איר שטערן.

ראָכע־גוטע האָט גרויס צעעפנט די אויגן, און אויף אירע בלייכע, שלאַפע באַקן האָבן אַרויסגעשפּילט רויטע פלעקן, ווי די

בלעטלאך פון א רויז, און געווען איז זי אינגאנצן אין דער רגע פונקט ווי די שוועסטער אירע, די שיינע שפרה, נאָר חיים־מאָטל האָט זיך ניט צוגעכאפּט, איז ניט אָפּגעטראָטן, און ראָכע־גוטע האָט צוגעמאכט די אויגן און האָט ווייטער געוואַרט. און חיים־מאָטלען איז אזוי גוט געווען צו קוקן אויף איר, און אזוי גוט וואָס זי איז טאַקע ראָכע־גוטע און ניט שפרה, אז ער האָט עס אזש געוואָלט ארויסרעדן, זאָגן עס איר אויפן אויער. און דערנאָך איז ער צוריק אריין אין חדר און אין חדר זיינען געזעסן די תלמידים זיינע און האָבן געלערנט ווי אין א ישיבה, און חיים־מאָטל האָט זיך שוין צוריק אוועקגעשטעלט ביי זיין שטענדער און האָט זיך ווידער גענומען וויגן אהין און צוריק, אהין און צוריק, ווי דער געצאַמטער אומרו פון א זייגער — — —

דאָס קינד האָט מען א נאָמען געגעבן אפרים, און פון אפרימען איז דערנאָך געוואָרן, שפּעטער מיט יאָרן, פּראַקטיקע דער שטאָטישער סטודענט, א גרויסער און א שווערער ווי א בער, און ווי א בער דעם לעסניק, אזוי פלעגט ער אָפּט שרעקן און טרייבן פון זיך זיינע נאָענטע, און ראָכע־גוטע האָט זיך צום צווייטן יאָר ווידער אריינגעלייגט אין קימפּעט און האָט ווידער געהאַט א קינד, א מיידל. וואָס מען האָט א נאָמען געגעבן באשע־ריווע, נאָך ראָכע־גוטעס מאַמען נאָך, און דאָס קינד באשע־ריווע איז אויך געווען ווי דער ברודער אירער, א שיינע אויפן לייב ווי די מאַמע און א שיינע מיטן פּנים ווי דער טאַטע, און ר׳ חיים־מאָטל איז ווידער געשטאַנען ביי זיין שטענדער אָן אויפהער, און האָט זיך אָן אויפהער געוויגט אהין און צוריק, אהין און צוריק, ווי דער געצאַמטער אומרו אין א יום־טובדיקער שטוב, און ראָכע־גוטע האָט זיך נאָכאַמאָל אריינגעלייגט אין קימפּעט און האָט נאָכאַמאָל געהאַט א קינד, א מיידל מיטן נאָמען פרומע, נאָר פרומע איז שוין אינגאנצן געראָטן געווען אין דער מאַמען, אי אויפן לייב און אי מיטן פּנים.

ר׳ חיים־מאָטל האָט זיך דאָ אָפּגעשטעלט א רגע, אָט ווי אויף עפּעס אזוינס האָט ער זיך גאָר ריכטן ניט געקענט, נאָר געדויערט האָט עס טאַקע ניט מער ווי איין רגע, דאָס אָפּשטעלן זיך זיינס. דאָס בלייבקייט אויף זיין פּנים, און דער שאַרפער און ביטערער שמייכל ווי א מעסער צווישן די ציין, און פונקט ווי דער שווער

זיינער, ר׳ עקיבא חסיד, האָט שטענדיק געהיט, אַז די עלטערע קינ־
דער זאָלן זיך ניט טשעפּן מיט ראָכע־גוטען, אַזוי האָט שוין איצט
ר׳ חיים־מאָטל גוט אַכטונג געגעבן, אַז אפרים מיט באַשע־ריווען
זאָלן ניט אָנרירן פרומען; און פרומע האָט זיך שטענדיק געטוליעט
צו דער מאַמען, און אַז ראָכע־גוטע קומט אַמאָל אַריין צו ר׳
חיים־מאָטלען אין חדר נאָך מינץ, איז דאָס קינד אויך לעבן איר,
און בײדע זײנען זײ ווי דער רחמנות פון אַ שטומער באַשעפעניש,
און ר׳ חיים־מאָטל ציט אויס אַ האַנט צום קינד, גיט עס אַ גלעט
איבערן קעפּל, מיט פאַרמאַכטע אויגן, און ראָכע־גוטע כאַפּט דער־
נאָך שטאַרק אַרום דאָס קינד, ווען זײ גײען שוין אַרויס פון חדר,
און קושט עס שטאַרק און הילכיק, אַז ר׳ חיים־מאָטל שטײט בײ
זײן שטענדער, און שטיל, ווי זײן אָטעם, גײט פון אים אַרויס אַ
זיפץ.

III.

ר׳ חיים-מאָטל האָט פריער אליין געלערנט מיט זיין זון, ווי עס זיצן ביי אים אין חדר די אלע אנדערע אויסגעקליבענע בחורים, און פראַיקע האָט דערנאָך אָנגעהויבן זיצן אין בית-המדרש, אזוי האָט ער אליין געוואָלט, און דער טאַטע האָט נאָר א מורמל געטאָן אויף דעם — מהיכא-תיתי! און אין בית-המדרש איז שוין איצט נאָך מעריב, עס גייט זיך שוין וואָכעדיק פאַנאַנדער דער וואָכעדיקער עולם — עס סקריפּעט א טיר אָפּגעלאָזן און אלט, און עס הערן זיך טריט וואס גייען אוועק, ווי עס פארגייען און ווערן ניט די דברים בטלים, נאָר ווייט און ווי שאָטנס איז דאָס אַלץ פאר ר׳ חיים-מאָטלען וואס שטייט איצט לעבן זון, אז פראַיקע לאָזט אראָפּ די אויגן-דעקלאך, לאָזט אראָפּ דעם קאָפּ, כאָטש ווילן וויל ער קוקן דעם טאַטן גלייך אין פּנים אריין, און ר׳ חיים-מאָטל פרעגט ביי אים צום סוף, צי גייט ער היינט אהיים אָדער ער בלייבט היינט דאָ?

פראַיקע שווייגט א רגע, שווייגט נאָך א רגע, נאָר ר׳ חיים-מאָטל ווארט, ער וויל טאַקע הערן וואס דער זון וועט אים זאָגן, הא? וואס? און פראַיקע זאָגט שטיל און מיט ווערטער וואָס פלאַ-טערן פארשעמט, ווי דער שמייכל פון א מיידלש פּנים אראָפּ, אז ניין, ער גייט היינט ניט אהיים, ער בלייבט היינט דאָ.

ר׳ חיים-מאָטל זעט, אז דער זון זיינער זאָגט אים ניט דעם אמת, נאָר עס אַרט אים ניט, אדרבא, און אבי די כונה איז א גוטע, און ער רייסט ביי זיך ארויס א האָר פון באָרד, האלט די האָר צווישן די צוויי פינגער, קוקט אויף דעם, און א פולער, אָן אָנגעלאָדענער, אז ער קען אזש ניט ארויסלאָזן די האָר, קען איצט גאָרניט פארלירן פון זיך, גייט ער ארויס פון בית-המדרש און לאָזט זיך גיין איבער דער גאַס, אהיים אוודאי, נאָר גייענדיק אָט אזוי, שטעלט ער זיך אָפּ א ווײַלע, פארטראכט זיך א ווײַלע און גייט איצט גאָר אריין צו לייזער-בערן. און ביי לייזער-בערן, אז מען דערזעט ביי זיך אינ-

מיטן דערינען אזא געהויבענעם גאסט, כאַפּט זיך מיט אמאָל אויף פון דעם זיסן דרעמל די איינגעגלעטע, איינגעוויקטע שטילקייט וואָס ליגט דאָ שטענדיק, און לייזער-בער גיט זיך שוין א הויב פון אָרט, שפּאַנט צו אים אנטקעגן, און ר׳ חיים-מאָטל גיט זיך א וויש דעם פּנים, ווי ער וואָלט אָנגעטאַפּט, אָדער אָפּגעווישט די דרויסנדיקע פרישקייט און דערנאָך זעצט ער זיך אנידער צום טיש און מלכה טראָגט אים אונטער א גלאָז טיי.

לייזער-בער זעצט זיך צוריק אנידער און מיט זיינע ביידע הענט נעמט ער, דוכט זיך, ארום דעם גאנצן טיש, נעמט זיי אלעמען אריין צו זיך, און ער לאַכט אזש דערביי שטיל און מיט א זיפץ, אזוי טוט עס אים הנאה, און מלכה זיצט אנטקעגן ר׳ חיים-מאָטלען, ווי זי וואָלט אים געקוקט אין מויל אריין, און אָפּן און פאר אלע-מען אין די אויגן רויטלט זיך אויפגעלייגט ביי איר דער פּנים אי-רער, און ר׳ חיים-מאָטל טרינקט פּאַמעלאך אויס איין גלאָז טיי און א צווייטע און א דריטע, ביז ער זאָגט צום סוף, ווי ארויסגערעדט א דאנק — געננוג! און זאָגן זאָגט ער עס צו מלכהס אויסגעצוי-גענער האנט, און די אויסגעצויגענע האנט אירע בלייבט שוין ליגן אויפן טיש, און ר׳ חיים-מאָטל הויבט זיך באלד אויף, זאָגט א גוטע נאכט און לייזער-בער גייט נאָך אים נאָך, באגלייט אים ארויס פון שטוב, באגלייט אים ארויס פון הויף, און מלכה בלייבט אליין זיצן ביים טיש, נאָר זיצן זיצט זי שוין איצט אזא, אָט ווי זי וואָלט זיך דאָ אקאָרשט אראָפּגערעדט פון הארצן, ווי מען וואָלט זי גע-טרייסט. —

און פּראָיקע, ווי נאָר ר׳ חיים-מאָטל איז ארויס פון בית-המדרש, אזוי האָט ער זיך אויך א כאַפּ געטאָן, ווי נאָכגעלאָפן דעם טאַטן, נאָר אינדרויסן איז ער שטיין געבליבן, האָט זיך ניט ארומ-געקוקט אפילו, און האָט זיך א פארטראַכטער געלאָזט גיין צו די פינקעלשטיינס.

דער אָוונט איז געווען א גרינגער, אן אויסגעשטערנטער, ווי א פארנאַכט אין אָנהויב ווינטער, ווען עס קומען שוין אָן די ערשטע, יונגע פרעסט, נאָר ביי די פינקעלשטיינס אין הויף זיינען אָנגע-וואָרפן א סך בוימער, און עס איז דאָרט אזוי פינצטער, באלד ווי מען קומט אריין אהין, ווי אין א פלוצלונגדיקער גרוב, און דער

אלטער הונט דאָרט, אז ער דערהערט פרעמדע טריט, כאַפּט ער זיך גלייך אויף מיט א בילן, נאָר פראַיקע האָט ניט מורא פארן הונט, ער גיט אים א רוף ביים נאָמען, און דער הונט גראָבט שוין אונטער זיך די ערד מיט די צוויי הינטערשטע לאַפּעס און לעקט שוין וואַרים און נאַס פראַיקעס פיס, פראַיקעס קני, נאָר אויף דער שוואַרצער וועראַנדע פון דעם גרויסן, פריציש-צעשפּרייטן מויער, קומט באַלד אַרויס פינקעלשטיינס טאָכטער, און זי פרעגט:

— ווער איז דאָרט?

פראַיקע לאָזט איבער דעם הונט, גייט אַרויף אויף דער וועראַנדע, און זי רירט אים אָן מיט א האַנט און פרעגט נאָך אַמאָל:

— איר, פראַיקע?

און זיי גייען אַריין אין שטוב, זי פירט אים נאָך זיך, און ביי איר אין חדר איז מיידלש-אויפגעראָמט, מיידלש-ריין, נאָר די ווענט דאָ זיינען עפּעס צו הויך פאַר אַזאַ מין חדר, אַז עס איז אַזש פּוסט, און פראַיקע זעצט זיך נאָך ניט אַנידער, ער וואַרט, און זי פרעגט טאַקע באַלד, צי האָט ער שוין גערעדט מיטן טאַטן, און וואָס זאָגט דער טאַטע? און פראַיקע קוקט א שולדיקער, שווייגט, און זי איז שטאַרק ניט צופרידן, אַז זי נעמט אַזש צונויף די אויגן, קנייטשט איין דעם שטערן:

— איך פאַרשטיי ניט!

נאָר מער זאָגט זי גאָר ניט וועגן דעם, דערמאָנט עס אפילו ניט, און רעדן רעדט זי שוין דערנאָך צו אים, ווי צו א תלמיד, און פאַרן אַוועקגיין גיט זי אים א בוך, אַזוי ווי אַלע מאָל, און פירט אים, ווי אַלע מאָל, אַרויס פון שטוב, נאָר אין הויף, אַרום און אַרום, איז אַזוי פינצטער און שטיל, נאָענט אַזוי ביים שוועל, אַז זיי בלייבן ביידע שטיין א רגע, און פראַיקע גייט דערנאָך אַוועק מיט טריט וואָס הילכן גאָר ניט, און זי בלייבט אַליין, און זי קוקט אים נאָך — —

און פראַיקע קומט אַהיים, און ביז שפּעט אין דער נאַכט, די גאַנצענע נאַכט קען ער אָפּליגן ביי זיך אין בעט און לייענען און לערנען פון די ביכער, וואָס ער ברייינגט מיט זיך, און ביז שפּעט אין דער נאַכט קען ר׳ חיים-מאָטל אָפּשטיין ביי זיין הויכן און שוואַרצן שטענדער, און אויפן שטענדער ליגט פאַר אים אַן אָפענער ספר, נאָר מיט אויגן און אויערן קוקט ער און הערט, ר׳ חיים-מאָטל, אַהין, צום

זון אין דעם אנדערן חדר אריין, און ער ווארט אויך ר׳ חיים-מאָטל, ער ווארט ביז ער האָט זיך טאקע דערוואוסט, אז פראַיקע איז איין מאָל צוגעגאנגען צו אים און האָט אים געזאָגט, אז ער פאָרט אוועק, ער וויל ווערן א מענטש.

פראַיקע האָט עס ארויסגערעדט מיט אויסגעשאָסענע ווערטער, ער האָט זיך לאנג געקליבן צו דעם, האָט עס גוט איינגעחזרט, נאָר ר׳ חיים-מאָטל שווייגט, ער האָט איצט אזוי הנאה פון פראַיקעס קול, און פראַיקע האָט ווייטער גערעדט, האָט זיך געבעטן, האָט זיך פאַר-ענטפערט, און ער האָט ניט געזען דערביי און ניט געוואוסט, אז דער טאַטע איז שוין מסכים, פון לאנג שוין מסכים, און וואס מער ער האָט גערעדט, אלץ מער זיינען געוואָרן די ווערטער זיינע ווי צו-שאָסענע פויגל, און ר׳ חיים-מאָטל האָט פארהויבן דעם קאָפּ, האָט מיט צוויי בלינדע פינגער געזוכט ביי זיך א האָר אין באָרד אויף ארויסצורייסן, און אליין, מיט די אייגענע הענט האָט ער דערנאָך איינגעקויפט און צוגעגרייט אלץ וואס דער זון זיינער האָט נאָך גע-דארפט געווען האבן צו דער נסיעה, און פראַיקע האָט זיך אָפּגערוקט אָן א זייט, און דער טאַטע זיינער איז טאקע אנדערש, ניט ווי אן אנדער טאַטע, און ער אליין, פראַיקע, וועט אויך דארפן זיין אן אנ-דערער, און א פארנומענער, ניט מיט דער פרייד וואס ער פאָרט אוועק, נאָר גאָר מיט עפּעס אנדערש, איז ער אוועק צו די פינקעל-שטיינס.

געווען איז עס אין א מיטן טאָג, און קיינער איז דעם מאָל ניט ארויסגעקומען צו אים אויף דער ווערענדע, און דער אלטער פינ-קעלשטיין איז געזעסן ביים טיש אין עס-שטוב, זייער אן אויפגע-לייגטער און א רירעוודיקער אזא, א קערעוודיקער, אז גערעדט האָט ער צו פראַיקען מיט אלע זיינע אברים, דוכט זיך:

— אזוי, פאָרסטע טאקע הייסט עס, הא? פיין, זייער פיין!

דער אלטער פינקעלשטיין האָט שוין איצט ניט מער אויף זיינע פּלייצעס, ווי נאָר די איין טאָכטער, די אלע אנדערע קינדער זיינען שוין פון לאנג ביי אים אויסגעגעבן, און זי, די מיזינקע זיינע, הינדע הייסט זי, איז שוין אויך א מיידל ווייט אריבער די צוואנציקער, און שוין פון לאנג אז עס ווארטן אויף איר די אָנגעגרייטע פינף טויזנט רובל, זאל נאָר קומען דער באשערטער אירער, און דער גרויסער

מויער מיטן גרויסן הויף וועט דאָך אויך געהערן צו איר, נאָך ביים טאַטנס לעבן, ער וועט עס אָפּשרייבן אויף איר נאָמען, אַזוי זאָגט ער בפירוש, מחמת ער אַליין, דער אַלטער פינקעלשטיין, וועט באַלד נאָך דעם אוועקפאָרן אין ירושלים קיין ארץ־ישראל.

קיינער ווייסט טאַקע ניט ווען(?) טאָג עס איז מאָרגן, נאָר די יאָרן פון א מענטשן זיינען דאָך פאָרט געציילטע, עס איז דאָ א גרע־ניץ, און א רוף טאָן קען מען דאָך גאָר פּלוצלונג, און א שדוך, דאָס ווייסט דאָך יעדער איינער, וואָלט הינדע גראָד יאָ געקענט טאָן, ווען זי וואָלט נאָר געוואָלט, גאָר א געהויבענעם, נאָר זי זאָגט ניט יאָ און זאָגט ניט ניין, זי הערט נאָר שטיל אויס, ווי א בר־דעת, דוכט זיך, און דערנאָך נעמט זי צונויף די אויגן, קנייטשט איין דעם שטערן:

— מען וועט זען...

און אָט אַזוי זעט מען פון מאָל צו מאָל, פון יאָר אויף יאָר, און דער אַלטער קען זיך איר ניט שטעלן אנטקעגן, קען זי ניט נויטן, און ער שאָקלט נאָר צו מיטן קאָפּ:

— עך, הינדע, הינדע!

— וואָס איז, טאַטע?

און געוווינטלעך, ווייטער ריידן צו איר קען מען שוין מער ניט, עס זיינען ארויסגעוואָרפן די רייד, און דער אַלטער פינקעלשטיין האָט, פאַרשטייט זיך, גאָרניט קעגן דעם, וואָס זי איז מקרב אַזאַ איינעם, ווי פּראַיקע איז א שטייגער, און צו פּראַיקעס טאַטן, צו ר׳ חיים־מאָטלען האָט ער דאָך אוודאי און אוודאי גאָר ניט, נאָר אז פּראַיקע טראָגט ערשט זיין מאמעס מילך אויף די ליפּן, און עס איז דאָך ניט מער ווי א קאַטאָוועס, וואָס מען טרייבט ווען עס איז גוט אויפן הארצן, ווען דער אויבערשטער גיט און מען איז אויפגעלייגט, און הינדע אַליין איז א הויכע און א דאַרע, א פּלאַטשיקע, מיט טרוקענע הענט און קאַלטע שפּיץ־פינגער, און אין שטאָט האַלט מען זי פאַר א מיאוסער און פאַר א פאַרזעסענער שוין, כאָטש ווייסן ווייסט מען זייער גוט ווען זי איז געבאָרן געוואָרן און ווי אַלט זי איז:

— עך, הינדע, הינדע!

און הינדע זיצט איצט ביי זיך אין חדר מיט א שאַל אויף די אַקסלען, ווי עס וואָלט איר קאַלט געווען, ווי זי וואָלט קראַנק גע־

ווען, און פראַיקע שטייט אַנטקעגן איר, און ווי שטענדיק וואַרט ער, אַז זי זאָל רעדן צו אים און ניט ער צו איר, און זי דאַרף אים אָנזאָגן פאַר זיין אַוועקפאָרן, דאַרף אים פאַרזאָגן אַ סך זאַכן, און זי קוקט אויף אים, קוקט, און איר פּנים טונקט זיך אין אַ שמייכל, ווי אין דעם שיין פון לאָמפּ וואָס שטייט צוקאָפּנס ביי אַ שלאָפן, און אָט גיט זי זיך אַ שטעל-אויף, ווי מיט אַמאָל אָנגענומען זיך מיט כחות, גיט אַ שפּאַן צו אים, נאָר זאָגן זאָגט זי אים ניט מער, ווי — — — איר זאָלט ניט בייַנקען, פראַיקע, איר הערט?

פראַיקע גיט זיך אַ וואָרף, וויל זי אונטערכאַפּן, עס דוכט זיך אים, אַז זי פאַלט, נאָר ביי איר הויבט זיך גאָר אויף אַ האַנט, אַן אָפּגעטיילטע פון איר, און די האַנט פירט זיך און גלעט אים די גערדיכטע און צעשויבערטע האָר אויף זיין קאָפּ, און ער כאַפּט אַריין די האַנט אין זיינע ביידע, אַז זי גיט זיך טאַקע אַ וואַקל, מיט פאַר-מאַכטע אויגן, און מיט צוגעמאַכטע אויגן בויגט זי זיך שטאַרק אָן צו אים, ווי אַ פולע כלי, און ער דערפילט אויף זיין באַק אירע נאַ-קעטע און קילע ציין. — —

פראַיקע קען דערנאָך ניט אויפהויבן די אויגן, און הינדע זיצט שוין ווידער אַן איינגעטוליעטע אין איר שאַל, ווי עס וואָלט איר קאַלט געווען, ווי זי וואָלט קראַנק געווען, און זי וויינט דוכט זיך, עס קייקלען זיך טרערן ביי איר פון די אויגן, נאָר פראַיקען אַרט עס ניט, זיי האָבן זיך שוין דאָך געזעגנט, און שפּעטער, אַז ער איז צום סוף פאָרט אַוועק, אַליין, הינדע האָט אים דעם מאָל ניט אַרויסגע-באַגלייט ביז צום טויער, און ער איז געקומען אַהיים, שפּעט שוין אין דער נאַכט, האָט נאָך דער טאַטע זיינער אַלץ אַרומגעשפּאַנט איבערן חדר אַהין און צוריק, אַהין און צוריק און מיט פאַרלייגטע הענט אויף הינטן, און ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, ר׳ חיים-מאָטל, האָט אים אָנגעקוקט, זיין פראַיקען, און האָט זיך רחבותדיק אַזוי אַוועקגעלייגט אַ פולע האַנט צו זיך אויף דער באָרד:

— שוין? געזעגנט זיך? מיט אַלעמען?

— יאָ! מיט אַלעמען!

פון פראַיקען האָט זיך דאָ אַרויסגעריסן אַ טענה, ווי עס שלאָגט אַ וואַסער פון ריינעם קוואַל אַרויס, נאָר ר׳ חיים-מאָטל האָט פול געשמייכלט, אויפן קול אַזש, און אינגאַנצן אַן אַריינגעטאָנע-

נער אין דעם איינגעמס שמייכל, האָט ער דערנאָך ווייטער גערעדט צו אים, אזוי ווי פריער:

— איצטער גיי, שלאָף זיך אויס, מאָרגן וועסטע דארפן פאָרן דעם גאנצן טאָג.

נאָר פראַיקע האָט זיך ניט גערירט פון אָרט, און געשטאַנען איז ער, ווי ער וואָלט אויסגערעכנט און שוין הנאה געהאט פון דעם צולאכעס, וואס ער וויל איצט אָפּטאָן, צום ערשטן מאָל אפשר אין זיין לעבן, און צום ערשטן מאָל טאקע אין זיין לעבן איז ער אזוי איינגעשפּארט און שלעכט, אז עס אַרט אים קיינער ניט, נאָר ר׳ חיים-מאָטל האָט זיך שוין אָפּגעקערט פון אים און האָט ווייטער גענומען ארומשפּאַנען אהין און צוריק, אהין און צוריק און מיט פארלייגטע הענט אויף הינטן, און פראַיקע איז געגאַנגען, האָט זיך אויסגעטאָן, האָט זיך אוועקגעלייגט, און שטום און איינגעגעסן, ווי א שטיין אליין אין פעלד, איז געלעגן אין אים דער כעס זיינער, אפילו ווען ער איז שוין געשלאָפן.

און אויף מאָרגן איז מען געפאָרן צו דער סטאַנציע, ר׳ חיים-מאָטל און פראַיקע און די שיינע באשע-ריווע, און ווי ניט נאָר פראַיקע אליין, נאָר ווי זיי אלע אין דרייען וואָלטן עס אוועקגע-פאָרן פון דער היים, אזוי האָט מען זיי ארויסגעבאגלייט פון שטוב, און ראָבע-גוטע מיט פרומען זיינען געבליבן שטיין אויפן שוועל, פרומע אזוי דער הויך שוין כמעט ווי די מאמע און ביידע אונטער איין און דעם זעלבן מזל, און ערשט ווען דער פאיעטאָן האָט זיך שוין גערירט פון אָרט, האָט זיך פראַיקען אויסגעוויזן, אז אימיצער האָט דאָרט א וויין געטאָן אויפן קול, האָט א געשריי געטאָן צו אים, די מאמע, אָדער פרומע.

ר׳ חיים-מאָטל מיט פראַיקען זיינען געזעסן אין פאיעטאן, ווי אויבן-אָן, און באשע-ריווע, אן אויסגעפּוצטע, איז געזעסן אנטקעגן, און זי האָט זיך אָנגעהאלטן מיט ביידע הענט און האָט אלץ געקוקט אין אלע זייטן, ווי געפאָרן וואָלט זי עס גאָר איבער פרעמדע גאסן, אין א פרעמדער שטאָט, און אז מען איז געקומען אויפן וואגזאל, האָט זי געהאלטן אין איין יאָגן און כאפּן, זי האָט רק מורא געהאט, אז פראַיקע זאָל נאָך, חלילה, ניט פארשפּעטיקן, אָנווערן, און פראַיקע איז אריין אין וואגאָן, און באשע-ריווע האָט אזש אונטערגעטאַנצט,

און ר׳ חיים-מאָטל איז שטיין געבליבן אויף דער פּלאַטפאָרמע, ווי אן איבערגעבליבענער, אן איבערגעלאָזענער, אז פראַיקע האָט זיך שוין צוריק געוואָלט ארויסכאַפּן, נאָר פאר זיינע אויגן האָט שוין געשוועבט דער אלטער בית-עולם וואס אהינטערן שטאָט און באלד נאָכן בית-עולם איז אַנגעלאָפן דער וואלד, א צעשראָקענער ווי א סטאדע אונטער דעם קנאל פון בייטש, און פראַיקע האָט זיך אָפּ-געקלעפּט פון פענצטער, האָט זיך פארשלאָגן אין א ווינקל, און טיף פון זיין האלדז האבן א שפּאר געטאָן טרערן, הארטע, ווי די שטע-כעלקעס.

אוועקגעפאָרן איז פראַיקע ניט אויף א טאָג און ניט אויף א וואָך, נאָר אויף יאָרן גאנצע, אויף צוויי קיילעכדיקע יאָר, און ווי א קארגער קלייבט און ציילט זיין געלט, אזוי האָט ר׳ חיים-מאָטל געקליבן און געציילט די טעג, האָט יעדן טאָג ממש צוגעגלעט מיט דער האנט, און פראַיקע האָט געשריבן אָפטע בריף, און אין דעם טאָג, וואס ר׳ חיים-מאָטל באקומט א בריף, שפּאנט ער ארום אי-בערן חדר אהין און צוריק, אהין און צוריק און מיט פארלייגטע הענט אויף הינטן, און די תלמידים ווייסן שוין וואס דאָ איז, ביז איינער פון זיי אטוואזשעט זיך צום סוף און פרעגט ביים רבין, א געטרייער אזא:

— געוועזן א בריף פון פראַיקען?

— יאָ! געוועזן!

ר׳ חיים-מאָטל לייגט זיך דערביי ברייט אנידער א האנט אויף דער באָרד און צעשמייכלט זיך פונקט אזוי ברייט, און די תלמידים, אלע, שטעלן שוין אָן מויל און אויערן, און ר׳ חיים-מאָטל וועט טאקע באלד ארויסנעמען דעם בריף, און ווי איינער פון זיי און ארומגערינגלט פון זיי אלעמען, וועט ער פאר זיי איבער-לייענען דעם בריף, נאָר געדרויערן געדויערט עס ניט מער ווי א רגע, און ר׳ חיים מאָטל גייט שוין דערנאָך צו א געהויבענער צום שטענדער, לייגט אוועק זיינע ביידע הענט אויפן אָפענעם ספר, און ער שאָקלט זיך שוין איינגעהאלטן אהין און צוריק, ווי זיין שטיי-גער איז, הין און צוריק, ווי דער געצאַמטער אומרו פון א זייגער, און איבערן חדר שוועבט נאָך לאנג ארום דער אומעט, ווי דער אומעט פון ניט דעררעדטע רייד, פון ניט דערטאָנענע מעשים, אז

די תלמידים, דערוואקסענע בחורים שוין, הויבן ניט אויף די אויגן, קוקן זיך ניט איבער, נאָר לערנען מיט גרויס חשק, און ווי מיט חרטה אויף עפּעס.

ניט אין קיין ישיבה האָט ר' חיים-מאָטל אַוועקגעשיקט דעם זון זיינעם, נאָר ווערן א גוי האָט ער אים געשיקט, און ר' חיים-מאָטל האָט זייער גוט געוואוסט וואס מען רעדט אין שטאָט, נאָר ער האָט געשוויגן אויף אלץ, האָט ניט פארלאָרן זיין דרך, אפילו אויף איין מינוט אויך ניט, ביז ער האָט נאָר איין מאָל צוגערופן צו זיך א תלמיד און האָט אים געזאָגט:

— זאָג דעם טאַטן דיינעם, אז אויב ער האָט מורא, און אפשר איז ער טאקע גערעכט אויך, דארפסטו מער ניט קומען אהער, פאראַן, ברוך-השם, נאָך אנדערע מלמדים אין שטאָט, ביי וועמען מען קען לערנען א בלאַט גמרא.

דער בחור האָט זיך אויף גיך גענומען פארענטפערן, נאָר ר' חיים-מאָטל האָט אים ניט געלאָזט רעדן, האָט אים איבערגעשלאָגן אינמיטן:

— איך זאָג ניט דיר, איך רעד דיר ניט אויס חלילה, דו גיב נאָר איבער דעם טאַטן וואס איך זאָג, און זאָל ער וויסן, אז ער איז ניט מחויב.

אָט אזוי האבן לאַנג און ווייטאָגטיק געדויערט די צוויי קיי-לעכדיקע יאָר, און אז פראיקע איז דערנאָך געקומען אהיים, איז ער געשטאַנען פארן טאַטן אן אויסגעפּוצטער אין נייע, סטודענטישע מלבושים און אין א נייער, סטודענטישער היטל, אז ביי ר' חיים-מאָטלען האָט אפילו קיין ציטער ניט געטאָן, די ערשטע רגע, קיין איין-איינציקע האָר אויפן קאָפּ, קיין איין האָר אין באָרד, גאָרניט, און אין חדר זיינען שוין אריינגעלאָפן די מאמע און באַשע-ריווע און פרומע, און ראבע-גוטע האָט זיך גלייך א וואָרף געטאָן צום זון, פאר איר איז ניט געווען קיין אָפּהאלט, און מיט מאָדנע אויס-געשרייען אזוינע, וואס זי האָט געשטופּט פון זיך, און די תלמידים האָבן זיך שוין אויך א כאַפּ געטאָן פון די ערטער, זיינען צוגע-טראָטן, האָבן ארומגערינגלט, און ר' חיים-מאָטל האָט אָפּגעקערט דעם קאָפּ, האָט שווער געאָטעמט אין זיך, און האָט שווער גע-מורמעלט צו זיך אליין:

— מען דאַרף ניט וויינען, וואָס פאַר א וויינען ?...

און ער איז אַרויס פון חדר, מיט טריט וואָס האָבן זיך גאָרניט געהערט, איז אריין אין קיך, און ערשט דאָ איז ער אינגאַנצן גע-בליבן א פאַרלאָרענער, א צעשוואוּמענער, נאָר אַפּלאָזן זיך גאָר אינגאַנצן איז ניט געווען אין זיין טבע, און ער האָט אַלץ געזוכט, מיט די לעצטע כוחות, האָט געטאַפּט, ביז ער האָט זיך א נעם גע-טאָן שטעלן דעם סאַמאָוואר, ווי ער וואָלט זיך אָן עפּעס דערמאָנט און צום ערשטן מאָל אפשר אין זיין לעבן, נאָר די מאָדנע און פרעמדע מלאכה איז עפּעס געפאַלן פון זיינע הענט, ער האָט זיך באַיין אופן ניט געקענט ספּראַווען מיט דעם, ביז ער האָט א געשריי געטאָן:

באַשע-ריווע !

און אַז באַשע-ריווע איז אַריינגעלאָפן צו אים אין קיך, האָט ער איר געטראָגן אַנטקעגן זיינע ביידע איינגעשמירטע הענט אין קוילן, ווי מען באַקלאָגט זיך פאַר א גרעסערן, און אין זיינע אויגן זיינען טאַקע געשטאַנען צוויי גרויסע טרערן, און באַשע-ריווע האָט זיך א וואָרף געטאָן צום סאַמאָוואר, און זיי זיינען שוין דערנאָך אַלע געזעסן ביים טיש, און פראַיקע האָט דערציילט און דערציילט, און ר׳ חיים-מאָטל האָט געהערט מיט פאַרמאַכטע אויגן, און אין שול האָט מען געוואוסט פאַרוואָס ר׳ חיים-מאָטל איז היינט ניט געקומען צו מעריב, און נאָך שפּעטער, שפּעט שוין אין אָוונט, האָט פראַיקע איבערגעלאָזט דעם טאַטן, וואָס איז נאָך אַלץ געזעסן אָט-אַזוי-אָ ביים טיש, און איז אַוועק צו די פינקעלשטיינס, ווייל דער טאַטע אַליין האָט אים געזאָגט, האָט געהייסן:

— גיי, אוודאי, גיי...

און ביי די פינקעלשטיינס האָט מען שוין אויך געוואוסט, אַז פראַיקע איז געקומען, און הינדע איז געזעסן דעם גאַנצן אָוונט אויף איין אָרט און מיט צענויפגעלייגטע הענט, ווי עס וואָלט איר קאַלט געווען, ווי זי וואָלט קראַנק געווען, און עס האָבן געברענט ביי איר די שפּיצן פון די אויערן, וואָס האָבן אַרויסגעשטעקט אַרי-בער די גלאַט-פאַרקאַמטע, קאַלט-אָנגעצויגענע האָר אירע אויפן קאָפּ, און דער אָוונט האָט זיך לאַנג געצויגן, אַך, ווי לאַנג, ווי מען וואָלט אים מיט כיוון אויסגעצויגן, און ווי נאָר פראַיקע האָט גע-

עפנט די טיר, ווי נאָר ער האָט אריבערגעטראָטן דעם שוועל, אזוי האָט זי זיך אויפגעשטעלט, האָט זיך געלאָזט גיין צו אים אַנטקעגן, נאָר דערגיין ביז צום סוף איז זי ניט דערגאַנגען, זי איז געבליבן שטיין אינמיטן, און קוים־קוים וואָס עס האָט זיך ביי איר אויפגעהויבן א האַנט אויף צו דערלאַנגען אים, און איר אויסגעשריי דערביי איז געווען אזא טיפער און אזא פארשטיקטער, אזא ניט־וועלנדיקער, ווי ער וואָלט גאָרניט געטאָרט אָנזען די ליכטיקע שיין, קיין מענשלעך אויג:

— פראַיקע!

און דער אלטער פינקעלשטיין האָט זיך גאָר אַפּוואונדערן ניט געקענט פון די חדושים, אז וואָס, פראַיקע, טאקע, אויסגעהאַלטן? פאַר אלע אכט קלאָסן? — או־ווא! און הינדען איז אויך זייער גוט געווען פון דעם אויף דער ערשטער רגע, פון דעם טאַטנס אויפגעליינטקייט, נאָר זי איז באלד צוגעגאַנגען צו פראַיקען, האָט אים אַנגענומען אונטערן האַנט און איז מיט אים אריין צו זיך, אין איר חדר אריין, און פראַיקע האָט זיך דאָ אנידערגעזעצט, זי האָט אים אנידערגעזעצט און אליין איז זי געבליבן שטיין אַנטקעגן אים, און אין חדר איז אלץ געווען אזוי ווי אלע מאָל, ווי פריער, נאָר פראַיקען האָט זיך אלץ אויסגעוויזן, אז עפּעס איז דאָ פּאָרט אַנדערש געוואָרן, קלענער געוואָרן, און הינדע האָט ניט אויפגעהערט צו קוקן אויף אים, און זי האָט שטיל געזאָגט, מיט א קול וואָס איז איר אליין אויך פרעמד געווען:

— איך וואָלט אייך קיינמאָל ניט דערקענט, פראַיקע, קיינמאָל ניט!

הינדע האָט געטראָגן אויף זיך א שווערע און א שווארצע קלייד, און פון דער שווערער שווארצקייט ארויס האָבן זיך לאַנג געגליטשט ביז זיי האָבן זיך פּאָרט ארויסגעגליטשט דיביידע הענט אירע, קליינע אזוינע און בלייכע אזוינע, אז פראַיקע האָט זיך געשראָקן צו קוקן אויף זיי, נאָר זיי זיינען אים אלץ געקומען אנטקעגן, און שפּעטער, אז ער האָט שוין גערעדט אוועקגיין, האָט זי אים ווידער אַנגענומען אונטערן האַנט, אז פראַיקע האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם, און די האַנט אירע, די זעלבע, די באַזונדערע פינגער האָבן זיך שטארק געקלאַמערט אין אים, און זי איז מיט

אים ארויס פון שטוב, איז מיט אים דורכגעגאנגען דעם גאנצן הויף און האָט זיך מיט אים אָפּגעשטעלט ביים טויער, און ווי דאָס שאָרכן פון בלעטער אין דער שטילער נאַכט אָן א פּיפּס, אזוי האָט זי געשעפּטשעט צו אים:

— גייט שוין, פּראַיקע, גייט אהיים...

נאָר די האַנט אירע האָט זי ניט ארויסגענומען פון זיינער, האָט זיך ניט צוגענומען פון אים, האָט אים ניט אָפּגעלאָזן פון זיך, און פּראַיקע האָט באַגעגנט אירע ביידע אויגן וואס האָבן אַראָפּגע-קוקט צו אים, און ער האָט זי שיר ניט אַריינגעכאַפּט אין זיינע ביידע, שטאַרקע הענט, און עס האָט זיך ביי אים ארויסגעריסן:

— איך האָב געביינקט נאָך אייך, די גאַנצע צייט!

הינדע האָט ארויסגענומען די האַנט אירע פון זיינער און איז געבליבן שטיין אליין, ווי זי וואָלט זיך אָפּגערוקט פון אים, און ער האָט א פאַרשעמטער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, און ווי אָפּגעריסן האָט דערנאָך געציטערט די גוטע נאַכט וואס זי האָט אים געזאָגט, וואָס ער האָט איר געזאָגט, און אַז פּראַיקע איז שפּעטער געקומען אהיים, שפּעט שוין אין דער נאַכט, האָט ער זיך אויף גיך געלייגט שלאָפן, האָט מער ניט געוואַרט קיין איין מינוט ניט אפילו, נאָר אויף מאָרגן איז ער אויפגעשטאַנען מיט א שווערקייט אין קאָפּ און מיט א צערייצטקייט אויף דער נשמה, און ר׳ חיים-מאָטל האָט גוט אזוי אויסגערעדט ראַבע-גוטען, אַז זי זאָל אים ניט טשעפּען, ער דאַרף זיך אויסרוען!

ר׳ חיים-מאָטל האָט נאָך קיינמאָל אזוי גוט ניט גערעדט צו זיין ווייב, ער האָט בכלל ניט גערעדט צו איר און צו קיינעם ניט, און ראַבע-גוטע איז טאַקע געווען פאַרנומען מיטן זון, שטאַרק פּאַרטאָן, נאָר פונדעסטוועגן האָט זי זיך פריער ארומגעקוקט מיט שרעק, און דערנאָך — די קינדער אירע זיינען שוין אַלע אויסגע-וואַקסענע, אפילו פרומע אויך, און זי האָט שוין ניט וועמען צו-צוטוליען צו זיך, צו וועמען זיך צו-צוטוליען, זי איז דאָ איינגאַנצן אָן איבעריקע.

פּראַיקע איז געווען דער ערשטער אייגענער סטודענט אין שטאָט, און ער וועט דאָך באַלד ווערן א דאָקטאָר, דער ערשטער אייגענער דאָקטאָר, און יעדער אייגער אין שטאָט האָט אויף זיין

שטייגער געוואַלט זיין גוט צו ר׳ חיים-מאָטלען און צו פּראַיקען, אַרויסווייזן זיין פריינטשאַפט, און ווער רעדט נאָך, אַז פּראַיקע איז שבת געקומען אין שול אַריין מיטן טאַטן און איז דעם גאַנצן דאַווענען געשטאַנען נעבן אים, אַז עס איז אַ מחיה געווען צו קוקן אויף זיי, און מען האָט דאָך באַשיינפּערלעך געקענט זען, אַז מען קען טאָן ביידע זאַכן, אי זיין אַ סטודענט, אי ניט זיין קיין גוי!

נאָר ר׳ חיים-מאָטל איז ניט איבעריק נתפּעל געוואָרן פון דעם אַלעמען, ווי ער איז ניט נתפּעל געוואָרן פון די רייד וואָס מען האָט פריער גערעדט אין שטאָט, באַלד ווי פּראַיקע האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין דער פרעמד אַריין, און דער אַלטער פינקעלשטיין גייט שוין איצט אַמאָל צו צו ר׳ חיים-מאָטלען, אָט גלאַט אַזוי, ווי זיי וואָלטן שוין אויף אַן אמת געווען מחותנים, נאָר ר׳ חיים-מאָטל שטייט זיך ביי זיין שטענדער, אפילו אין שול, און וויגט זיך פּאַמעלעך הין און צוריק, ווי דער געמאָסטענער אומרו פון אַ זייגער, און דער אַלטער פינקעלשטיין בלאָזט פון זיך מיט כעס, פּיכקעט, און מען דאַרף ערשט אויסחשבונען אוואו דער גאַנצער יחוס שטעקט, מען דאַרף ערשט זען, ווער עס כאַפּט דאָ דעם גליק:

— עך, הינדע, הינדע!

נאָר צו הינדען קען מען שוין איצט אינגאַנצן ניט רעדן, אַ וואָרט ניט אפילו, עס מוז זיין שאַ, שטיל אין דער גאַנצער שטוב, דעם גאַנצענעם טאָג, און אין אָוונט קומט צו זיי פּראַיקע, יעדן אָוונט און ווי מען וואָלט דאָ פּאַר אים אָנגעגרייט, דער גרויסער יחסן פּראַיקע, און דער אַלטער פינקעלשטיין בלאָזט מיט כעס, פּיכקעט און דרעמלט צום סוף איין אין אויסגעלאָשענער ביים טיש, און פּראַיקע מיט הינדען זיינען דאָרט אין איר חדר, און הינדע זיצט אינם טיפן ווינקל פון דער גרויסער, פּליושענער קאַנאַפּע, און ווי עס וואָלט איר קאַלט געווען, ווי זי וואָלט קראַנק געווען, און ווי זי וואָלט עפּעס שטאַרק און כסדר געהאַט אין זינען, און פּראַיקע זיצט זיך ביים טישל און טוט אויך גאָרניט, ער ציילט נאָר, דוכט זיך, די מינוטן מיט זיין יעדן אָטעם, און דורך דעם אָפענעם פענצטער בלאָזט אַריין אַ שווייגענדיקער ווינטל פון דעם טרוקענעם זומער פאַרנאַכט און עס שמעקט מיט צעריבענע בלעטער, אַ זיסלאַכער

ריח אזאַ, און עס וויגן זיך און ציטערן די שווערע פאַרהאַנגען אויפן פענצטער און די גאַרדינען אויף דער אַנטקעגנדיקער טיר. — — —

פראַניקע האַלט אָנגעשפּאַרט א האַנט זיינע אויפן טיש, און אחוץ דער האַנט זיינער ליגן נאָך דאָרט, אויפן טישל, א גרויסער פּושקין און א בייכיקער דאָבראָליובאָוו און אַן אָפּגעהיטער ראָמאַן פון ווערא ווערביצקאַיאַ, און פראַניקע נעמט א בוך אין האַנט אריין, ווי מען גיט אַמאָל אַ גנביץ, קוקט, נאָר הינדע זעט זייער גוט, אַז ער לייענט ניט, עס לאַכן גאָר ביי אים די פינגער זיינע, וואָס בלע־טערן דעם בוך, לאַכן אָפּ פון עפּעס, און זי רופט זיך אָפּ צו אים פון איר ווינקל:

— טשעפּעט ניט די ביכער, פראַניקע, טשעפּעט זיי ניט!

פראַניקע גיט זיך א כאַפּ, אַז עס קנייטשן זיך אַזש צונויף עט־לאַכע בלעטלאַך ביים פאַרמאַכן דעם בוך, אַזוי קאַלט און רואיק האָט זי עס אים געזאָגט, און הינדע הויבט זיך אויף, גייט צו און פאַריכט די ביכער, גלייכט זיי אויס, און דערנאָך זעצט זי זיך צוריק אַנידער אין איר ווינקל פון קאַנאַפּע, ווי עס וואָלט איר קאַלט גע־ווען, ווי זי וואָלט קראַנק געווען, און ווי עפּעס וואָלט זי שטאַרק און כסדר געהאַט אינזינען, און שטום, אַן א גוטער נאַכט אפילו, איז שוין פראַניקע אַוועק פון איר, ער האָט נאָר א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, און הינדע האָט אים געענטפערט מיט א שאָקל. —

די זומערדיקע טעג ציען זיך טאַקע לאַנג, איבעריק איז דער פרי־מאָרגן און קלעפּעדיק זיינען דערנאָך די שעהן ביים ברעג טייך, וואָס איז בלוי און שטיל, און נאָר ווי די אָפּגערוקטע סאָסנע־בוימער אין שאָטן, אַזוי זיינען די נאַקעטע, פאַרהויבענע פיס פון די גוי־קעס, וואָס וואַשן דאָ וועש, און ווי דאָס קלאַפּן פון דעם ביינאַכ־טיקן היטער אין זיין קאַלאַקאַטקע, אַזוי הילכט דאָ אַרום, אַן רעש און לוידיק, דאָס אויסקלאַפּן פון די וועש אַן דער לאַנגער, שוואַר־צער ברעט, וואָס איז האַלב אין וואַסער, און אַן רעש און ליידיק איז אויך אין דעם שטאָטישן גאָרטן דערנאָך, וואָס איז פול מיט שאָטנס און שטראַלן פון דער זון וואָס זעצט זיך, פאַרגייט, נאָר דער זומער אליין האַלט שוין ביים אַוועקגיין, ביים אויסגיין, און פראַניקע פאַרבאָרגט אין זיך די פרייד זיינע וואָס אָט, באַלד, און ער פאָרט שוין צוריק אַוועק.

נאָר דערווייל איז ער נאָך אינדערהיים, און דערווייל קומט ער נאָך יעדן אָוונט צו הינדען, אז עס פאלט אים גאָרניט איין, אז ער קען ניט קומען אויך, און הינדע גיט מיט אמאָל א קוק אויף אים און בלייבט דערנאָך אזא, אינגאנצן, ווי זי וואָלט אים געזאָגט מיט ווערטער, אויפן קול, אז אפשר האָט ער גאָר ניט געדארפט גע-ווען פאָרן, זי האָט אים ניט געדארפט געווען שיקן, נאָר זאָל כאָטש אים אליין זיין גוט, זי איז צופרידן, און פראָיקע זיצט דערביי און טוט זיך גאָרניט, ער ציילט נאָר, דוכט זיך, די מינוטן מיט זיין יעדן אָטעם, ביז עס ווערט שוין שפעט און הינדע קוקט אים דאָ נאָך אמאָל אָן, און אוודאי דארף ער שוין גיין, נאָר פראָיקע זעצט זיך גאָר מיט אמאָל אנידער צו איר אויף דער קאַנאַפּע, כאַפּט אריין אירע ביידע הענט, און עס כאַפּט זיך אַרוים ביי אים אַ זאַך, וואס ער האָט גאָרניט געטראכט און ניט געדיינקט, אז זאָל זי פאָרן מיט אים, זיי וועלן דאָרט זיין אינאיינעם, זאָל זי פאָרן !

הינדע שטעלט זיך אויף, גלייכט זיך אוים, קוקט אים אַ פרעמ-דע גלייך אין פנים אריין, גלייך אין די אויגן אַריין, און וואָס הייסט ? און זי דארף אפילו אין כעס ווערן ! נאָר עס לאָזן זיך ביי איר אראָפּ די אקסלען, אונטערטעניק און געטריי, און שטיל, ווי די אראָפּגעלאָזטע אקסלען, פאלן שוין דערנאָך די ווערטער אירע, א וואָרט נאָך א וואָרט, ווי די איינציקע טראָפּנס פון א פולער כלי, אז שפעטער... מאָרגן... אפשר... זאָל זיין !

פראָיקע האָט געוואָלט א לאַך טאָן, פרייען זיך, נאָר הינדע איז געשטאַנען אינגאנצן א פארוויקלטע אין א מאָדנעם אומעט אזא, אז מען קען זי ניט אָנרירן, מען קען זיך ניט אָפּרופן צו איר, מען טאָר ניט, און פראָיקע האָט דערנאָך לאַנג געשמייכלט צו זיך מיט א פנים ווי א לבנה, גייענדיק שוין אהיים און קוקנדיק די גאנצע צייט אויפן אויסגעשטערנטן הימל, עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אז ער האָט דאָ עפּעס אָפּגעפּאטערט, איינמאָל פאר אלעמאָל, און אז איצט איז שוין גוט, און דער אלטער פינקעלשטיין, אז ער האָט דערהערט אויף מאָרגן וועגן דעם אלעמען, איז ער געבליבן ווי א דערוואָרגע-נער, און נאָר די ליפּן זיינע האבן פארלאָרן געמורמלט, ווי ביי א וויינענדיק קינד, אז וואס הייסט ? אָן תנאים אפילו ? נאָר הינדע

האָט שוין געפּאַקט די זאַכן אירע מיט א דינעם, פאַרשלאָסענעם מויל, און מיט קאַלטע הענט, וואָס האָבן שטאַרק געציטערט.

און אָט איז מען שוין ווידער געפאָרן צום וואַגזאַל, און ווידער איז ראַכע-גוטע מיט פרומען געבליבן שטיין אויפן שוועל, פרומע אַזוי דער הויך ווי די מאַמע און ביידע אונטער איין און דעמזעלבן מזל, און פראַיקע מיט ר׳ חיים-מאָטלען זיינען געזעסן אין פאַיאַטאָן, ווי אויבן-אָן, און די אויסגעפּוצטע באַשע-ריווע איז געזעסן אנטקעגן, נאָר דעם מאָל האָט זי שוין ניט געקוקט אין אַלע זייטן ווי געפאָרן איבער פרעמדע גאַסן, נאָר האָט געהאַלטן פאַריסן דעם קאָפּ, און אין די הענט ביי איר האָט זיך געהנדלט א געקאָלירטער, מיידעלשער זאָנטיק, און אז מען איז געקומען אויף דער סטאַנציע האָט זי זיך ניט געאיילט, באַשע-ריווע, האָט קיינעם ניט געיאָגט, נאָר איז געשטאַנען גלייך מיט אַלעמען און האָט געוואַרט גלייך מיט אַלעמען, און באַלד איז טאַקע אָנגעקומען צו זיי הינדע פינקעלשטיינס און נאָך הינדען איז נאָכגעגאַנגען דער אַלטער פינקעלשטיין אַליין.

הינדע האָט שולדיק געשמייכלט, עס האָבן אַרומגעבלאָנדזעט ביי איר די אויגן און דער שמייכל, נאָר ר׳ חיים-מאָטל האָט זי וואַרים באַגעגנט און האָט זיך וואַרים געזעגנט מיט איר, אז זי האָט זיך אַזש צעקושט מיט באַשע-ריווען, און דערנאָך איז זי אינאיינעם מיט פראַיקען אריין אין וואַגאָן און דער פּאָיעזד האָט זיך גענומען רירן פון אָרט, האָט זיך אוועקגעטראָגן, אז דאָ איז פּלוצלונג ליידיק געוואָרן, דער גאַנצער אַרום, ווי אין עק שטאָט, ווי אינמיטן פעלד, עס האָט זיך מיט אַמאָל אָפּגעהאַקט דער גאַנצער רעש און ליידיק האָבן געגלאַנצט אויף דער זון די נאַקעטע רעלסן, און דער אַלטער פינקעלשטיין האָט אַזש א פּאַטש געטאָן מיט די הענט:

— איך פאַרשטיי ניט! לחלוטין ניט!

ר׳ חיים-מאָטל האָט א ציטער געטאָן, ווי פון א חלום, האָט אים שאַרף אָנגעקוקט, און שטומע, שווייגנדיקע זיינען זיי שוין דערנאָך געגאַנגען פון וואַגזאַל אין דרייען, ר׳ חיים-מאָטל און באַשע-ריווע און דער אַלטער פינקעלשטיין, וואָס אָט קאָכט ער אויף און אָט לעשט ער זיך איינגאַנצן אויס, ווי אריינגעפאַלן אין א דרעמל, און ווי פון א דרעמל מורמלען זיינע ליפּן:

— עך, הינדע, הינדע...

און הינדע איז ניט געווען קיין פרעמדע אין קיעוו, זי האָט דאָ געהאט אסך באקאנטע, איז שוין דאָ אסך מאָל געווען, און אין אנדערע, גרויסע שטעט אויך, נאָר גוט איז איר איצט געווען פון דעם וואָס פראַיקע האָט זי געפירט, זי האלט זיך שטארק אָן אים אָן מיט איר בלייכן פנים און פארשפיצטע אויערן, און געפירט האָט ער זי ווייט פון וואגזאל, איבער דער גאנצער לענג פון שטאָט, ביז זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביי אן אויסגעצויגענעם מויער מיט אסך פענצטער פון אלע זייטן און געפאַרבט אויף רויט.

הינדע האָט שוין אזוי פיל געוואוסט פון דער קווארטיר, וואו פראַיקע האָט פריער געוואוינט, די גאנצע צוויי יאָר וואָס ער איז דאָ געווען, אז זי האָט, דוכט זיך, פונוויטן דערקענט דעם רויטן מויער, און א דערפרייטע איז זי אריין אהין מיט פראַיקען, ווי געגאנגען צו אייגענע, צו קרובים, און די באַלאַבאָסטע פון דער סטודענטישער דירה, אן אַלטע פריצטע, שטענדיק א יום-טובדיקע און שטענדיק אין א גרינגן כעס, האָט נאָכאמאָל און נאָכאמאָל א קוק געטאָן אויף הינדען און נאָכאמאָל און נאָכאמאָל אויף פראַיקען, און עפּעס איז איר טאקע דאָ ניט געפעלן געוואָרן, נאָר זאָגן האָט זי גאָרניט גע-זאָגט, זי מישט זיך קיינמאָל ניט צו אירע קווארטיראנטן, וואס אבראזאָוואנע מענטשן זיינען זיי טאקע, נאָר יונג און נאריש זיי-נען זיי אויך, און די דינסט האָט ארייגעטראָגן הינדעס זאכן אין א חדר, וואס איז געווען א טיר לעבן א טיר צו פראַיקעס, און הינדע איז געבליבן אליין, ביי זיך שוין, און זי האָט אראָפּגענומען די היטעלע פון קאָפּ, און האָט זיך אראָפּגעלאָזט אויפן שטול, אן אויס-געמאַטערטע אזא, אז זי האָט אזש צוגעמאכט די אויגן און האָט א שטארקן זיפץ געטאָן.

אין חדר איז געשטאַנען א קלאָרע בעט און א קליינער טיש צום שרייבן, עס איז אפילו אויפן טיש געשטאַנען א טינטער מיט טינט, און אין ווינקל האלט זיך א שאפקע אויף צו לייגן ביכער, נאָר די שאַפקע וועט, דוכט זיך, באלד איינפאלן, און עס וועט שטארק א קלאַפּ טאָן.

הינדע איז לאנג אָט אזוי געזעסן, און שטיל האָט זי זיך דער-נאָך אויסגעטאָן, האָט זיך שטיל ארייגעלייגט אין בעט, און אויף

מאָרגן, עס האָט שוין אריינגעשיינט צו איר דער טאָג, האָט זי זיך אויף גיך אויפגעזעצט אין בעט, האָט אויף דער ערשטער רגע ניט געוואוסט מיט גרויסע אויגן וואו זי איז, נאָר באַלד איז איר אזוי גוט געוואָרן, אז זי האָט שיר ניט אַ רוף געטאָן:

— פראָיקע!

נאָר פראָיקע איז שוין ניט געווען ביי זיך, ער איז אוועק זייער פרי און אומגעקערט האָט ער זיך שפּעט אין אָוונט, אזוי דעם ערשטן טאָג און דעם צווייטן און דעם דריטן, און הינדע האָט אַן אויפגע-לעבטע געוואַרט אויף אים, כסדר געוואַרט, נאָר אָט איז שוין דורכ-געגאַנגען אַ וואָך און צוויי וואָכן און דריי וואָכן, און הינדע האָט שוין געוואוסט, אז צווישן די סטודענטן קומט עפּעס פאָר, אז ניט מיטן אוניווערסיטעט איז עס פראָיקע פארנומען, און זי איז גע-בליבן שטיין ווי אַ דערוואָרגענע, און נאָר די ליפּן אירע האָבן עפּעס געמורמלט פארלאָרן, ווי ביי דעם טאַטן ביי אירן, ווי ביי אַ וויינענדיק קינד, און דערנאָך האָט זי זיך אנידערגעזעצט מיט אַ שאַל אויף די אַקסלען און מיט צונויפגעלייגטע הענט, ווי עס וואָלט איר קאַלט געווען, ווי זי וואָלט קראַנק געווען, און זי איז לאַנג אָט אזוי געזעסן און האָט לאַנג געוואַרט אויף אים.

און אז פראָיקע איז געקומען, שפּעט שוין אין דער נאַכט, און איז אריין צו איר אין חדר און האָט זיך אַ שווערער, ווי שטאַרק אויסגעמאַטערט, אנידערגעזעצט אנטקעגן איר אויף דעם איינציקן שטול, האָט זי לאַנג געקוקט אויף אים, האָט געוואָלט שוין אָנ-הויבן רעדן, געבן אים צו פארשטיין, לערנען אים, מאָנען ביי אים, נאָר עס האָט זיך ביי איר ניט געעפנט דער מויל, ווי זי וואָלט מורא געהאַט פאַר אַ נארישקייט, מורא געהאַט ניט אראָפּצופאַלן ביי אים אין די אויגן, און פראָיקע איז אָפּגעזעסן די עטלאַכע מינוט, האָט אַ געניץ געטאָן און האָט זיך געלאָזט ארויסגיין פון חדר.

הינדע האָט אים נאָכגעקוקט, איז ניט אין כעס געוואָרן, און ער האָט שטיל, פארשלאָפן, צוגעמאַכט נאָך זיך די טיר, און זי איז זיך ווייטער געזעסן אזוי ווי פריער, זי האָט אפילו ניט פאַנאַנדער-גענומען די הענט, און אין עטלאַכע טעג ארום, שפּעט שוין אין דער נאַכט, ווען זי האָט געוואַרט אויף אים, האָט זי פּלוצלונג דער-הערט, האָט דערפילט, אז אימעצער איז דאָרט ביי פראָיקען, אימע-

צער, און זי איז גלייך אויפן אָרט ארויס פון חדר, האָט שטארק אָן עפן געטאָן זיין טיר, און איז א צעטומלטע געבליבן שטיין אויפן שוועל.

זי האָט ניט דערזען פאר זיך פראַיקען, האָט קיינעם ניט געזען פאר זיך, האָט קיינעם ניט דערקענט, אָנגערויכערט און ענג איז געווען אין חדר און נאקעט האָט געשטאַכן אין די אויגן אריין די שארפע שטילקייט וואס האָט זיך געצויגן פון אלעמען און צו אלע־מען, א שטילקייט מיט אויסגעשטעלטע ציין, און הינדע איז געשטאַ־נען און געקוקט, געקוקט, ביז זי האָט טאקע באלד דערזען לעבן זיך פראַיקען, ער איז צוגעקומען צו איר, און נאָענט אזוי, אז זי האָט זיך אַזש דערפרייט, נאָר ער האָט הויך א זאָג געטאָן, ווי אויס־געררופן, מיט א געמאַכטן קול, מיט א געמאַכטער מינע:

— באקאנט זיך!

און ער איז איר שוין אויך פרעמד געוואָרן, ווי זיי אלע דאָ, און איינער דאָרט אין ווינקל האָט צו איר א מאַך געטאָן מיטן קאָפּ, נאָר געררעדט האָט קיינער ניט, מען האָט געשוויגן, און שווייגנדיקע האָבן זיי זיך גענומען ארויסשארן פון חדר, איינער נאָך דעם אַנ־דערן, די אלע סטודענטן און סטודענטקעס, און הינדע האָט זיך גע־וואָלט אָפּרוקן פון שוועל, לאָזן דורכגיין, נאָר זי איז ווייטער גע־שטאַנען, און זיי אלע האָבן זיך, שטארק אָפּגעהיטע, דורכגעשארט פארביי איר, הארט פארביי, און הינדע האָט קלאָר געזען, ווי דער לעצטער פון די סטודענטן איז צוגעגאַנגען צו פראַיקען, האָט אים עפּעס געזאָגט מיט כעס, און פראַיקע האָט זיך גענומען פארענט־פערן, נאָר דער סטודענט האָט א מאַך געטאָן מיט דער האנט, האָט אים מיט כעס איבערגעלאָזט אינמיטן.

הינדע איז נאָך געשטאַנען אויפן שוועל, און פראַיקע איז גע־שטאַנען אינמיטן חדר, און אין חדר איז געווען פוסט, אויסגע־ליידיקט, און פראַיקע איז געשטאַנען מיט אראָפּגעלאָזטע הענט, און הינדע האָט לאַנג געוואַרט, נאָר ער האָט זיך ניט אָפּגערופן צו איר, און זי איז אָפּגעטראָטן פון שוועל, מיטן רוקן צו פראַיקען, איז אריין צו זיך אין חדר, האָט דאָ שטארק פארמאַכט ביי זיך די טיר, און ניט קיין דערוואָרגענע, עס האָבן ביי איר ניט געציטערט די ליפּן, האָט זי זיך אַנידערגעזעצט אויפן שטול ביי דעם קליינעם טיש, האָט אפילו

אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף דער אונטערגעשטעלטער האַנט, נאָר טראַכטן, באַטראַכטן האָט זי ניט געהאַט וואָס און ווען, אַזוי קלאָר איז אַלץ געווען פאַר איר אויסגעלייגט, בליציק קלאָר און אָפן, און ערשט לאַנג דערנאָך איז זי נאָך לאַנג געבליבן ווי אין איינגעקלאַ-מערטע אין דער שווערקייט פון ניט קענען וויינען, נאָר שפּעטער, אַז פראָיקע האָט שטיל, איינגעהאַלטן אַ פּרואוו געטאָן די טיר אירע, האָט זי זיך רואיק אָפּגערופן צו אים, ניט געמאַכטערהייט, נאָר רואיק טאַקע:

— איך שלאָף שוין.

נאָר געשלאָפן איז זי פונדעסטוועגן ניט, זי האָט זיך אַפילו ניט געלייגט אין בעט, און שטאַרק קאַלט זיינען געווען ביי איר די ליפּן, ווי די שפּיץ פינגער, און אויף קיין איין מינוט ניט אַפילו איז איינגעגעסן ניט אָפּגעטראָטן פון איר דער אייגענער גוף אירער, האַרט און טרוקן ווי אַ ביין, און פראָיקע ביי זיך איז אויך ניט געשלאָפן, און אויף מאָרגן גאַנץ פרי, ווען ער איז אויפגעשטאַנען, האָט זיך אָנגעטאָן און האָט נאָך אַלץ ניט געוואוסט וואָס ער זאָל טאָן, ווי אַזוי ער זאָל אַריינגיין צו הינדען, האָט ער פּלוצלונג דער-זען, אַז די טיר אירע צום אַרויסגאַנג שטייט גאָר אָפן, צעפּראַלט, און ער איז אויף גיך אַריין אַהין, ערשט הינדע איז שוין אינגאַנצן אַן אָנגעטאָנענע, אַ צוגעפּוצטע אַפילו, און ווי זי וואָלט אויף אי-מעצן געוואַרט, און אינמיטן חדר ליגן אָנגעוואָרפן די איינגע-פּאַקטע זאַכן אירע.

פראָיקע האָט אַפּריער ניט פאַרשטאַנען, דערנאָך האָט ער זיך שטאַרק דערפריִיט, נאָר ער האָט זיך גלייך פאַרכאַפּט, האָט ניט אַרויסגעוויזן די פרייד, און הינדע האָט יאָ אַ קוק געטאָן אויף אים, נאָר עפּעס אַזוי, ווי געזען וואָלט זי אים ניט, אַז ער האָט זיך טאַקע אָפּגערוקט אָן אַ זייט, און אין חדר איז באַלד אַריינגעקומען די דינסט, האָט גענומען אַרויסטראָגן די פּעקלאַך, און הינדע האָט זיך אויך אויפגעשטעלט, און ווי זי וואָלט אַכטונג געגעבן אויף דער דינסט, אויף די זאַכן, ווי זי וואָלט שטאַרק געווען פאַרנומען, און פראָיקען האָט דאָ עפּעס פאַרדראָסן, און ער האָט אַ שפּאַן געטאָן צו איר, און זי האָט זיך אומגעקערט צו אים, האָט אים אָנגעקוקט, און איצט האָט זי שוין אים יאָ געזען, און ער איז געשטאַנען פאַר

איר מיט אראָפּגעלאָזטע הענט, א שולדיקער און פול מיט חרטה, אַז זי האָט זיך א וואקל געטאָן א רגע, האָט א וויין געטאָן איינגאנצן, נאָר געדויערט האָט עס ניט מער ווי א רגע, וואס האָט ווי א נאָדל דין און טיף א שטאָך געטאָן אונטערן הארצן, און קלאַפּ נאָך קלאַפּ האָט ער שוין דערנאָך געהערט די טריט אירע פון די טרעפּ אראָפּ, און דערנאָך איז שטיל געוואָרן, עס האָט זיך מער גאָרניט געהערט, און די דינסט האָט זיך שוין אויך אומגעקערט פון גאס, נאָר אליין, אָן פּעקלאך און אָן הינדען, און פראָיקע האָט זיך ארומ-געקוקט, און די טיר פון הינדעס חדר איז נאָך געשטאַנען אָפן און די טיר פון זיין אייגענעם חדר איז אויך געווען אָפן, און אין די חדרים איז געווען פּוסט, ליידיק, און ווי פון לאנג שוין אזוי, פון שטענדיק אָן.

נאָר באַלד איז צוגעקומען אהער די דינסט, זי האָט קענטיק געוואָלט צומאכן די טירן, צומאכן די חדרים, נאָר פראָיקע איז גע-שטאַנען אין דעם ענגן דורכגאַנג און זי איז געשטאַנען און האָט געוואַרט אז ער זאָל אָפּטרעטן, נאָר פראָיקע איז ניט אָפּגעטראָטן, ער איז געשטאַנען א פארעקשנטער, איז געווען שטארק איינגע-עקשנט, און אנטקעגן, ביי נאָך א טיר, איז זיך די גאנצע צייט גע-שטאַנען די באַלאבאָסטע, און זי האָט, קענטיק, אלץ געזען, ביז זי האָט זיך אָפּגערופן צו אים, ניט מיט טרייסט און ניט מיט איינטייל, נאָר אָט, זי זאָגט נאָר אים דאָס וואס זי ווייסט:

— זי איז אפשר געווען ביי דיר די ערשטע, אבער ניט די לעצטע, זאָרג זיך ניט!

פראָיקע האָט געהערט, אז זי רעדט צו אים, נאָר וואס אזוינס זי זאָגט האָט ער ניט געוואוסט, און ער האָט צו איר א שאָקל גע-טאָן מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט איהר צוגעגעבן אָדער באגריסט זיך מיט איר, און שטיל און א צונויפגענומענער אזא איינגאנצן האָט ער זיך אָפּגערוקט פון אָרט און האָט זיך געלאָזט גיין מיט די טרעפּ אראָפּ צו דער גאס, צום דרויסן, מיטנעמענדיק מיט זיך די גאנצע פּוסטקייט, וואס איז געווען ווי די הויט אויפן לייב, און וואס גע-הערן געהערט זי נאָר צו אים אליין.

און הינדע איז געקומען אהיים, און דער אלטער פינקעלשטיין האָט מער גאָר ניט געוואָלט, און ער האָט געהאלטן אין איין אי-

בערחזרן, ווי אונטערגעטאַנצט, אז אבי געקומען, אבי געזונטער-הייט, און אין אָוונט איז געקומען צו זיי ר׳ חיים-מאָטל, און הינדע איז ארויסגעגאַנגען צו אים אָן אָנגעטאָנענע אין א שווארצער, פּלושענער קלייד און א געהויבענע אַזאַ מיט איר בלייכן פּנים און שמאָלע און לאנגע הענט, וואס האבן קאַלט ארויסגעבלייכט פון דעם ווייכן, פּלושענעם שווארץ ארויס, און רואיק און קאַלט, מיט זייער אָפּגעהיטע, ווי פון פריער אָפּגעקליבענע ווערטער האָט זי אים אָפּגעגעבן דעם גרוס פון פראַיקען, אז ר׳ חיים-מאָטל האָט זיך אַזש אויפגעשטעלט, האָט שארף זי אָנגעקוקט, נאָר זי האָט אפילו קיין פּינטל ניט געטאָן, האָט אינגאנצן אויסגעהאַלטן זיין קוק, און זי איז אים איצט שטארק געפעלן געוואָרן, זייער שטארק:

— א דאנק פארן גרוס!

געווען איז עס נאָר צווישן זיי ביידן, אז דער אַלטער פּינקעל-שטיין האָט דאָ גאָר קיין ברעקל שייכות ניט, און ער האָט טאקע געקוקט אויף זיי ווי א פרעמדער אויף פרעמדע, נאָר מיט צעטראָ-גענע טריט האָט ר׳ חיים-מאָטל דערנאָך געשפּאנט אהיים, און קו-מענדיק אהיים, האָט ער זיך גלייך אוועקגעזעצט שרייבן א בריף צו פראַיקען, נאָר שיקן דעם בריף וואס ער האָט געשריבן אויף דער הייסער מינוט האָט ער ניט אוועקגעשיקט, עס איז ביי אים געבליבן צו ווארטן און זען, וואס פראַיקע וועט אים שרייבן, און פון פראַיקען איז טאקע באַלד אָנגעקומען א בריף, נאָר גלאַט אַזוי א בריף, אָן איין וואָרט אפילו וועגן הינדען, מכח דער גאנצער זאַך, און ר׳ חיים-מאָטלען איז עס שטארק ניט געפעלן געוואָרן, ניט דאָס איז דער דרך, נאָר ער האָט איצט ניט געוואָלט ווערן אין כעס, אויף קיינעם ניט:

— נו... מילא!

און ווידער איז ער שוין דערנאָך געשטאַנען ביי זיין שטענדער און האָט זיך ווידער געוויגט אהין און צוריק, ווי דער געמאָס-טענער אומרו פון א זייגער אין א נגידישער שטוב, און פון פראַיקען זיינען געקומען אָפטע בריף, ווי עס באַדאַרף צו זיין, נאָר גאָר אינ-גיכן, אין א פּאָר חדשים ארום, האָט ער מיט אמאָל אויפגעהערט צו שרייבן, ווי אָפּגעהאַקט מיט א מעסער.

ר׳ חיים-מאָטל האָט אויף דער גיך אָנגעשריבן נאָך א בריוו און נאָך א בריוו, האָט געקלאַפּט א טעלעגראַמע, נאָר קיין ענטפער איז ניט געקומען, ווי אין וואַסער אריין, און ר׳ חיים-מאָטל האָט שוין אָנגעטאָן דעם שבתדיקן סורדוט, אזוי האָט ער איצט געוואָלט גיין צו הינדען, נאָר עפּעס האָט אים דאָ אָפּגעהאַלטן פון דעם און ער איז ניט געגאַנגען, ביז ער האָט זיך אַליין גענומען קלייבן אין וועג אריין, ער אַליין וועט פאָרן אהין און וועט אַליין זען מיט די אייגענע אויגן, נאָר דאָ איז אָנגעקומען א בריוו, און ר׳ חיים-מאָטל איז אים דורכגעלאָפן מיט די אויגן, און אַן אָנגעצונדענער, אַן אויפגעבראַכטער האָט ער שיר ניט צעריסן דעם בריוו אויף פּיצלאַך, נאָר באַלד האָט ער ווידער אויסגעגלייכט דאָס בייגעלע פּאַפּיר, און האָט ווידער גענומען לייענען. —

געווען איז דער בריוו ניט פון פראָיקען, נאָר פון פראָיקעס א חבר, אזוי איז בפירוש געשטאַנען די חתימה, און געשריבן האָט דער חבר צו ר׳ חיים-מאָטלען, אין לשון-קודש און מיט א שיינעם כתב-יד, אז — וואָס אשטייגער? אדרבה?! נאָר ר׳ חיים-מאָטל באַהערשט ווייטער אין זיך דעם כעס און לייענט ווייטער, לייענט, אז — — מיט די מעשים וואָס פראָיקע האָט אָפּגעטאָן האָט ער, חלילה, ניט געבראַכט קיין אומכבוד אויף קיינעם, נאָר גראָדע פאַרקערט, ער איז ווי דער אויסדערוויילטער, וואָס עס איז א גרויסע זכיה צו שטיין אין זיינע ד׳-אמות...

ר׳ חיים-מאָטל האָט שאַרף געקוקט פאַר זיך, און הויך אויפן קול און שאַרף ווי א מעסער האָט ער צום סוף א זאָג געטאָן דעם פיינעם יונגן-מאַן, וואָס איז פראָיקעס חבר און וואָס שטאַמען שטאַמט ער, קענטיק, פון גאָר א פיינער משפּחה, אז — א דאַנק פאַרן גרוס! א דאַנק!

און נאָך דעם, נאָך דאָס אָפּגעזאָגטע, איז מיט אמאָל אזוי פּוסט געוואָרן, לידיק, אז ר׳ חיים-מאָטל האָט דערפילט אויף זיין פּנים דעם וואַרעמען הויך פון יציאת-נשמה, און ער האָט זיך געדאַרפט שטאַרקן, ר׳ חיים-מאָטל, ביים אָפּקערן זיך פון שטענדער, וואָס האָט געשטאַכן אין די אויגן פון ווינקל אַרויס, א לידיקער, אַן איבעריקער, און נאָך אמאָל האָט ער זיך געדאַרפט אָנטאָן א כח

ביים צונויפליגן און גוט באהאלטן דעם בריף, אינאיינעם מיט די אלע אנדערע בריף פון פראַיקען, און ערשט דערנאָך האָט ער זיך אראָפּגעלאָזט אויף א שטול, אז די הענט זיינע האָבן אָנגערירט די פּאָדלאָגע מיט די צעשפּרייטע און פארגעסענע פינגער, און ווי עס וואָלט זיך געוויקלט אַרום אים אַ שנור פּערל, א געזאַנג אזא. — —

ווי א בלויער וואסער האָט זיך געגאָסן דער צער, האָט אָנגע־פילט די גאנצע וועלט, נאָר אין חדר איז באלד אריינגעקומען באַשע־ריווע, און פון אירע טריט, וואס האָבן זיך געהערט ווי אין א חלום, זיינען מיט אמאָל אויסגעוואקסן וועגט, א שטוב, מענטשן, ווי עס ווערט צעריסן א חלום פון א ווייטן און פרעמדן גערויש, און באַשע־ריווע איז שטארק אויפגעבראכט געווען אויף פראַיקען פארוואס ער שרייבט ניט, אפשר שטייט אים ניט אָן? נאָר ארויסרעדן עס פאר אימעצן האָט זי נאָך קיינמאָל פאר קיינעם ניט ארויסגערעדט, און געשטאַנען איז זי איצט פארן טאַטן א געטרייע אזא, אַן איבער־געבענע און ווי אַן אמתער בר־דעת, אז ר׳ חיים־מאָטל האָט זיך אויפגעשטעלט, האָט א שפּאַן געטאָן צו איר נענטער, און זי האָט געקוקט מיט אויגן און מיט א שטערן, ווי צוויי טראָפּנס וואסער ווי ביי פראַיקען, און ר׳ חיים־מאָטל האָט ארויפגעלייגט אויף איר א האנט, ווי ער וואָלט זי א גלעט געטאָן, ווי ער וואָלט זיך אָנגע־שפּארט אויף איר, און באַשע־ריווע האָט אויפגעציטערט, האָט א וויין געטאָן, און ביי ר׳ חיים־מאָטלען האָבן געשיינט די אויגן, און מיט ווערטער ווי טראָפּנס טוי, ווי די טרערן פון אַ שטומען געוויין האָט ער איר דערציילט וועגן דעם בריף פון פראַיקעס חבר, האָט זיך מודה געווען פאר איר, און באַשע־ריווע איז א פארטראכטע ארויס פון חדר און איז באלד צוריקגעקומען מיט א ווארעמער גלאָז מילך.

ר׳ חיים־מאָטל איז ניט אין כעס געוואָרן, ניט אויף איר און ניט אויף זיין אייגענער ירידה, ער האָט נאָר געפּרואווט א זאָג טאָן, מיט אראָפּגעלאָזטע אויגן, אז זי זאָל אוועקשטעלן די גלאָז, זאָל עס איבערלאָזן, נאָר זי איז ניט אָפּגעטראָטן, ביז ער האָט, ווי א קראנקער, אויסגעטרונקען די גאנצע גלאָז מילך פון אירע הענט, און זי איז דערנאָך געבליבן מיט א ליידיקער גלאָז, מיט צעפלאַמטע באקן, און ר׳ חיים־מאָטל האָט איצט שטארק רחמנות געהאט אויף

איר, ביז ער האָט עס שוין מער ניט געקענט אריבערטראָגן, א צע-וויטאָגדיקער אזא אינגאנצן:

— פארלעשט דעם לאָמפ . . .

און מיט אָפענע אויגן איז ער דערנאָך לאנג געלעגן ביי זיך אויף זיין געלעגער אין דער טיפער נאכט אריין, און באַשע-ריווע איז שוין אויך, ברוך-השם, א דערוואקסענע מיידל, איז אויסגע-וואקסן שיין און גראָטן, און מען וועט דארפן זען א שדכן, למען-השם, א שוועסטער דארף ניט אָפּקומען פאר איר ברודער, זי דארף ניט!

ר׳ חיים-מאָטל האָט זיך אזש אויפגעזעצט אין בעט, אינמיטן נאכט, אינמיטן שלאָף, האָט זיך געווישט דעם קאלטן שוויים פון שטערן מיט ביידע הענט, נאָר אויף מאָרגן איז ער שוין ווידער גע-שטאַנען ביי זיין שטענדער דעם גאנצן טאָג און האָט זיך ווידער געוויגט אהין און צוריק, ווי דער איינגעשפּאנטער אומרו פון א זייגער, און ערשט אין אָוונט, ערשט ווען ער איז צוריקגעקומען פון מעריב, האָט ער זיך פארלייגט די הענט אויף הינטן, א האנט אויף א האנט, און האָט גענומען ארומשפּאנען איבערן חדר, ארומשפּא-נען ביז וויט אין דער טיפער נאכט אריין, אזוי אויף מאָרגן און אזוי אויף איבערמאָרגן, אזוי יעדן טאָג, און מיט איטלעכן טאָג, מיט איטלעכער שעה אין טאָג, איז אים צוגעקומען א גרויע האָר אין קאָפּ, א סיווע האָר אין באָרד, ביז ער איז טאקע אינגאנצן גרוי געוואָרן, גרוי פאר דער צייט.

און איינמאָל, אין א ווינטערדיקן אָוונט, איז צו זיי געקומען הינדע פינקעלשטיין, און באַשע-ריווע האָט זי גלייך אריינגעפירט צום טאַטן, און הינדע האָט זיך דאָ אַנידערגעזעצט אויף א שטול, עפּעס אינמיטן חדר, ווי אינמיטן דערינען, און זי האָט א פיר גע-טאָן מיט דער האַנט ארום זיך, ווי געוואָלט אראָפּנעמען דאָס היטעלע פון קאָפּ, נאָר זי האָט דאָס היטעלע ניט אראָפּגענומען, און ר׳ חיים-מאָטל האָט זיך אָפּגעשטעלט אנטקעגן איר, און זיי האָבן זיך ביידע אָנקעקוקט, הינדע און ר׳ חיים-מאָטל, און זי האָט שוין גאָרניט באַדארפט פרעגן, און ער האָט גאָרניט באדארפט דערציילן.

באַשע-ריווע איז די גאַנצע צייט געשטאַנען לעבן הינדען, און באַשע-ריווע האָט זיך איצט שטארק געגרויסט און איז שטארק

אויפגעבראכט געווען אויף פּראַיקען, און הינדע האָט צום סוף אויסגעצויגן אַ האַנט צו ר׳ חיים-מאָטלען, ווי צום געזעגענען זיך, און זי פאָרט דאָך טאַקע אַוועק, אויף שטענדיק, אויף אַלע מאָל, פאָרט אַוועק, און ביי ר׳ חיים-מאָטלען האָבן שטאַרק געציטערט די בלייכע ליפּן און דער קול זיינער איז געווען ווי אַ קרעכץ פון אַ שאַרפן שניט אין לייב אַריין, ביים ווינטשעווען איר, אַז זי זאָל פאָרן געזונטערהייט, געזונטערהייט, און עס האָבן שטאַרק געציטערט ביי אים די קני און די טריט זיינע, ווען ער האָט זי אַרויסגעבאַגלייט פון חדר, און הינדע האָט זיך דאָ פּלוצלונג אָפּגעשטעלט, אויפן שוועל שוין, האָט זיך, ווי אַ בלינדע, אַ וואָרף געטאָן צו באַשע-ריוועץ, האָט זי שטאַרק אַרומגעכאַפּט און האָט זיך איינגעגעסן אין איר מיט אַ קוש, ווי אן אַרויסגעפּלאַצטער געוויין. — —

ניט באַשערט געווען, קיין שום זאַך איז ניט באַשערט געווען, ניט אַז דער אַלטער פינקעלשטיין זאָל פירן זיין מיזינקע צו דער חופּה, און ניט אַז ער אַליין זאָל דערנאָך פאָרן קיין ארץ-ישראל, נאָר דאָ, אויף דעם היגן בית-עולם האָט ער געפונען זיין אייביקע רו, און הינדע איז אָפּגעזעסן שבעה, און דערנאָך האָט זי פאַרדונגען דעם גרויסן מויער מיטן הויף, אַלץ מיט אַנאַנדער, האָט זיך געזעגנט מיט ר׳ חיים-מאָטלען, און איז אַוועקגעפאָרן פון שטאָט, וואוהין האָט קיינער ניט געוואוסט, נאָר זי האָט דאָך עלטערע ברידער און שוועסטער, וואָס זיינען צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט, אין אַלע גרויסע שטעט.

אָפּגעדונגען דעם מויער האָבן פרעמדע מענטשן, וואָס זיינען געקומען אַהער פון דער פרעמד, און זיי האָבן ברייט פאַנאַנדערגעעפנט דעם טויער, האָבן אויסגעהאַקט די צוויי אַלטע און ווייטשאָטנדיקעביימער, וואָס זיינען געשטאַנען פון ביידע זייטן ביים אַריינפאָר, און איבערן גאַנצן מויער האָבן זיי אויפגעהאַנגען אַ שילד, וואָס האָט זיך געשפּיגלט אויף דער זון מיט גרויסע און גאָלדענע אותיות:

י ע ו ו ר אָ פּ ע י ס ק אַ י אַ ג אַ ס ט י נ י צ אַ.

און געווען איז עס טאַקע ניט קיין אכסניה, ניט קיין נאָמערעס אפילו, נאָר אַ גאַסטיניצע טאַקע, מיט משרתים וואָס זיינען געגאַנגען אין סטאַן-רעק און מיט גאָלדערנע קנעפּ, ווי גענעראַלן

גאנצע, און פארפאָרן פלעגן אהין נאָר פריצים, נאַטשאַלסטווע, און גרויסע סוחרים וואס האבן געהאנדלט מיט די פריצים, און אין שטאָט האָט מען זיך אָנגעדערציילט אַסך ניט קיין שיינע מעשים פון דאָרט, טרפה און זונה, און אמאָל, אז ר׳ חיים-מאָטלען קומט דאָרט אויס דורכצוגיין פארביי, און אמאָל גייט ער גראדע דורך פארביי, און ער שטעלט זיך דאָרט אָפּ, פאר דער גאנצער שטאָט אין די אויגן, קוקט אין אָפענעם טויער אריין און שאָקלט זיך צו מיטן קאָפּ.

ביז איינמאָל, און ווידער אין א ווינטערדיקער נאַכט, האָט ר׳ חיים-מאָטל פלוצלונג דערזען פאר זיך פראָיקען, ווי אראָפּגעפאלן פון הימל, ווי פון אונטער דער ערד, פון א שווערער גרוב ארויס-געקראָכן, א הויכער, א גרויסער, אין אן אלטן אָפּגעריבענעם פוטער און מיט א טיפער היטל אויפן קאָפּ, וואָס אזוינס טראָגן נאָר גוים און באלאגאָלעס, און מיט אזא ערדיקן פנים, ווי אָנגעשוואָלן, אז יאָ פראָיקע און ניט פראָיקע, און ביי ר׳ חיים-מאָטלען נעמען זיך פאנאַנדער די האָר אויפן קאָפּ, די האָר און באָרד, און יעדע האָר שטעכט באזונדער ווי א שפּיזל, נאָר פרעמד און ווייט איז דער אייגענער ווייטיק, ווי נאָר ארייגגעבלאָזן דורך דער טיר פונדרויסן וואָס שטייט נאָך אָפן, און פראָיקע, יאָ, טאקע פראָיקע האלט א גרויסן טשעמאָדאן אין איין האנט און א צעדרייטן פעקל אין דער צווייטער, ביז ער האָט אוועקגעשטעלט דעם טשעמאָדאן און אויפן טשעמאָדאן דאָס פעקל, און דערנאָך האָט ער זיך אוועקגעזעצט דערביי, מיט צוויי צעשפרייטע און לאנג-אויסגעצויגענע פיס, וואס האָבן געשטעקט אין גרויסע, גוישע שטיוול, און אין חדר אהער זיינען באלד אריינגעלאָפן ראָכע-גוטע און באשע-ריווע און פרומע, גלייך פון די בעטן ארויס און מיט דער גאנצער ווארעמקייט פון בעט, אז ר׳ חיים-מאָטלען האָט אויך ארומגענומען א ווארעמקייט ביז פרייד, און ראָכע-גוטע, די מאמע, אז זי האָט דערזען, האָט זי זיך ניט א וואָרף געטאָן צום זון, נאָר האָט זיך גאָר גענומען רוקן צו ר׳ חיים-מאָטלען, פון גרויס שרעק, און פראָיקע האָט זיך אויפ-געהויבן, האָט זיך אויפגעשטעלט מיט זיין גאנצער גרויס, און עס האָבן ניט געציטערט, עס האָבן זיך ניט געוויגט ביי אים די הענט, אזוי לאנג און שווער זיינען זיי איצט געווען, און א רגע האָט

קיינער ניט געאָטעמעט, ביז באַשע-ריווע האָט אַלעמען א פּאַטש גע-
טאָן איבערן פּנים מיט איר אויסגעשריי — פּראָיקע! און פּראָיקע
האָט איר צוריק געענטפערט מיט א לאַך אַזאַ, מיט א ברום אַזאַ,
און ראָכע-גוטע האָט זיך שוין א וואָרף געטאָן צו אים מיט א גע-
וויין, הילכיק און קלאָר, וואָס אַזוי ווײנען האָט זי נאָר געוויינט
מיידלוויין.

און דערנאָך, א ווײלע שפּעטער, זיינען זיי שוין אַלע געזעסן
אַרום טיש, און אויפן טיש איז געשטאַנען דער קאָכיקער סאַמאָ-
וואַר, פּונקט ווי מען איז געזעסן דעמאָלט, ווען פּראָיקע איז צום
ערשטן מאָל געקומען אהיים, נאָר איצט האָט פּראָיקע גאָרניט דער-
ציילט, האָט געשוויגן, און אַלע האָבן געשוויגן, און ר׳ חיים-מאָטל
האָט געקוקט פאַר זיך מיט צוגעמאַכטע אויגן און האָט גאָרניט
געהערט, און נאָך שפּעטער, אַז ראַכע-גוטע און באַשע-ריווע און
פרומע זיינען זיך געגאַנגען לייגן שלאָפן, יום-טובדיקע און מידע, ווי
נאָך א תּענית, האָט פּראָיקע אַרויפגעשלעפּט אויף זיך דעם פּעלץ
און איז אַרויס פון שטוב, און ר׳ חיים-מאָטל האָט ניט געפרעגט
ביי אים וואוהין ער גייט עס, ווי ער וואָלט אַליין געוואוסט, אַז
פּראָיקע דאַרף איצט א קוק טאָן אויף פינקעלשטיינס מויער, וואָס
עס איז געוואָרן פון אַליץ, און ער איז געבליבן וואַרטן, ר׳ חיים-
מאָטל, האָט געוואַרט, און ביז פּראָיקע איז צוריקגעקומען, האָט
שוין ר׳ חיים-מאָטל איינגאַנצן באַהערשט אין זיך דעם כּעס, האָט
שוין אַריבערגעשפּאַנט די גאַנצע ירידה, און א רואיקער, ווי מען
לעבט זיך איין מיט צער און צרות, האָט ער שוין איצט געקוקט
אויף פּראָיקען, לאַנג געקוקט, און ווי ער וואָלט אים געזאָגט, אָן
טענות, נאָר מיט דער אָפּגעשטאַנענער ביטערקייט:

— וואו געווען? אויף קבר-אָבות? !

IV.

פּראָיקע האָט זייער ווייניק דערציילט דעם טאַטן, גאָרניט כמעט, נאָר ר׳ חיים-מאָטל האָט אָפּגעהיט צענויפגעקליבן, צענויפגעשארט די אַלע קארגע רייד און פארלאָרענע ווערטער, וואָס געפאַלן זיינען זיי ווי די קערנער פון זאנגען, וואס זיינען שוין אָפּגעשניטן, פארטריקנט, און ער האָט שוין געוואוסט ר׳ חיים-מאָטל, אז ניט אַלץ איז נאָך פארלאָרן, ניט אַלץ איז נאָך פארשפּילט, און אז אין א דריי אָדער פיר יאָר ארום וועט נאָך פּראָיקע צוריק קענען אָנקומען אין אוניווערזיטעט און ענדיקן אויף דאָקטאר, און ער וועט טאקע ווערן א דאָקטאר, וועט ווערן, און ר׳ חיים-מאָטל איז אוועק אויף דער ברייטער גאַס, מיטן טראָט פון א מחותן וואס האָט אויסגעפירט, האָט דאָרט אָפּגעדונגען ביי ר׳ זלמן צעלניק דעם גרויסן זאַל מיט די צוויי פענצטער צום דרויסן, און אליין, מיט די אייגענע הענט האָט ער אהין אוועקגעפירט פּראָיקען, האָט אים דאָרט אַנידערגעזעצט, און פּראָיקע איז געוואָרן א לערער — אויף לעת-עתה.

ר׳ חיים-מאָטל האָט געקוקט אויף אַלץ מיט אויגן, ווי דורך שפּאקולן, און דער זאַל ביי ר׳ זלמן צעלניק איז א נידעריקער און א טונקעלער, און די נאַקעטע ווענט פונם זאַל זיינען שטענדיק איינגעשמירט אין שאָטנס, און צווישן די צוויי פענצטער, וואס קוקן זיך דוכט זיך שטענדיק אין דעם טונקעלן דרויסן ארויס, שטייט א גרויסער פוטעל, א שווערער, וואס מען קען אים קוים א ריר-טאָן פון אָרט, און פּראָיקע זיצט אינם פוטעל, איז נעכטן געזעסן און זיצט היינט און וועט מאָרגן זיצן, אזוי ווי דער טאַטע האָט אים דאָ איבערגעלאָזט און אָנגעזאָגט, און ווי א צודעק אויף אַ צודעק לייגן זיך דאָ, אויף לעת-עתה, טעג און וואָכן און חדשים — ביז יאָרן.

אַחוץ דעם פוטעל מיט פּראָיקען שטייט נאָך דאָ אין חדר א גרויסער א דעמבענער טיש, נאַקעט און שווער, און ביים טיש

שטייען צוויי שטולן, אויך נאַקעטע און שווערע, פון איין משפּחה מיטן טיש, און ביי דער זייטיקער וואַנט איז אויסגעצויגן אַ פּאַר-בעטע בעט, און די בעט טראָגט אויף זיך סמנים פון די געטרייע הענט וואָס האָבן זי פאַרבעט, וואָס גיבן אַכטונג.

אינדערפרי, באַלד ווי עס הויבט זיך נאָר אָן דער טאָג, באַלד ווי פּראַיקע זעצט זיך נאָר אַריין אין פאָטעל, אַזוי קומט שוין צוגיין אַ יונגער בחור, און דער בחור זעצט זיך אַנידער ביים טיש, לייגט פאַנאַנדער די ביכער און הויבט גלייך אָן צו זאָגן, ווי געפּרעפּעלט, און פּראַיקע קוקט, הערט, נאָר דער בחור האָט אַ פולן פּנים מיט רויטע בלומערן, אַז עס ווערט ניט גוט צו קוקן אויף אים, און פּראַיקע קערט זיך טאַקע אָפּ צום פענצטער צו, קוקט אין דעם טונקעלן דרויסן אַרויס, און ביים פענצטער וויגט זיך און ציטערט אַ נאַקעטער בוים, אַ ווינטערדיק-טרוקענער בוים, און דער בחור פּערפּעלט נאָך אַלץ אַז עס שטעכט שוין אין די אויערן, נאָר אָט הערט ער פּאָרט אויף צום סוף, דער בחור, און ער הויבט זיך אויף, זאָגט אַ גוטן טאָג, שוין ביי דער טיר, און באַלד נאָכן בחור קומט אַריין אַ מיידל, ווי זי וואָלט דאָרט געשטאַנען די גאַנצע צייט און וואָלט נאָר געוואַרט, אַז דער בחור זאָל אַרויסגיין, און די מיידל איז אַ יונגע, אַ פלאַטערדיקע, און זי רויטלט זיך און ציטערט פאַרשעמט אין איר מיידלש מורא האָבן, און נאָך דער מיידל קומט נאָך גאָר אַ יונג קינד, און אַלץ וואָס דאָס קינד רעדט אַרויס, זאָגט אַרויס, איז עס אַזוי הילכיק און קלאָר, אַז ווען מען הערט עס אָט אַזוי, מיט צוגעמאַכטע אויגן און מיט אַ שמייכל, ווי אַ שאָטן, אויף די ליפּן, הייבט זיך אָן אויסצואַווייזן ביסלאַכווייז, אַז קיינער רעדט גאָרניט, קיינער זאָגט גאָרניט, נאָר אַז עס קלינגט גאָר אַ גלעקל אַזאַ, עס קלינגט, און נאָכן קינד קומט ווידער אַ בחור, צי ווידער אַ מיידל, און אַזוי דעם גאַנצן טאָג, זיי קומען און גייען אַוועק, און פּראַיקע לערנט מיט זיי דעם גאַנצן טאָג, מיט אַלעמען איינס און דאָס זעל-ביקע, דוכט זיך, און אין אָוונט, אַז עס גייט שוין אַוועק די לעצטע מיידל, דער לעצטער בחור, בלייבט ער, פּראַיקע, איינער אַליין און האָט מער גאָרניט וואָס צו טאָן.

אינדרויסן איז שוין פינצטער, נאַכט, און אויפן טיש ברענט שוין דער לאָמפּ, און דער זאַל איז איצט אַ לאַנגער און אַ נידערי-

קער, נאָך מער איידער בייטאָג, און ר׳ זלמן צעלניק האָט א דינסט, און די גויע דינט שוין דאָ פון יאָרן, און זי קומט באַלד אַריין צו פּראַיקען אין חדר, און פּראַיקע קען אירע טריט און ער ווארט שוין אויף זיי, און די גויע קוקט זיך אפּריער אַרום, ווי צום ערשטן מאָל, און דערנאָך נעמט זי אויסבעטן פאַר אים די בעט, אויפ־קלאַפּן די פּערענע, און טאָן טוט זי עס לאַנג און פּאַמעלאַך, זי איילט זיך ניט, ווי זי איילט זיך ניט אַרויסצוגיין פון קלויסטער, און קוקן קוקט זי דערביי די גאַנצע צייט צו פּראַיקען, קוקט, ביז זי לאָזט אַלץ איבער אינמיטן און זאָגט צו אים מיט האַרץ:

— זיצט! וואָס זיצסטו? גיי ערגעץ!

די גויע איז דאָ א גאַנצע באַלעבאָסטע, און זי שרייט און ביי־זערט זיך ניט נאָר אויף פּראַיקען, נאָר אויף אַלעמען, און פּראַיקע קוקט אַן אויפגעלייגטער און חזרט אַן אויפגעלייגטער איבער איר נאָמען, ער רופט זי ניט, נאָר גלאַט אַזוי, און די גויע האָט צוויי נאַקעטע פיס און צוויי נאַקעטע הענט, ווי צווייגן פון א זאַפטיקן בוים, און אין בוזים ביי זיך, אונטער דער גראַמער און קלאָרער העמד טראָגט זי, דוכט זיך, צוויי קעפּלאַך קרויט, אַזוי קיילעכיק און שטאַרק און גאַנץ זיינען די ברוסטן אירע, און פּראַיקע אָטעמט טיף, ווי געשמעקט די הויכע, ווילדע גראָזן, וואָס טראָגן אין זיך דעם ריח פון צעאַקערטע ערד, און די גויע גייט באַלד אַרויס פון חדר, פּאַטשט אַרויס מיט אירע באָרוועסע טריט, און פּראַיקע קוקט, הערט, נאָר עס איז שטיל און עס איז מער קיינער ניטאָ, עס האָט זיך שוין אויסגעלאָזט דער טאָג און עס וועט שוין מער גאָרניט זיין, און פּראַיקע הויבט זיך אויף און גייט און לייגט זיך שלאָפן.

פריער, באַלד ווי ער האָט זיך דאָ אַוועקגעזעצט און איז גע־וואָרן א לערער, פלעגט ער טאַקע אַוועקגיין אין די אָוונטן, און גיין פלעגט ער, יעדן אָוונט כמעט, נאָר צו די באַכמוטסקיס, און איטע־לאה, מענדעלעס ווייב, גיסט אים גלייך אָן און טראָגט אים אַליין אונטער א גלאָז טיי, און די האַנט ביי איר, די פינגער אירע זיינען דינע און לאַנגע, אויסגעטאַקטע, און פּראַיקע זיצט און זיצט און זיצט, און איטע־לאה רויטלט זיך און שמייכלט און רויטלט זיך ווידער, ביז זי זאָגט אים פלוצלונג, מיטן חן פון א קינד וואָס איז צערייצט:

— פאַרוואָס שלאָפט איר שטענדיק? מיר דוכט זיך אַזוי!

פראַיקע ענטפערט איר ניט, נאָר לאַכט, און לאַכן לאַכט ער טיף און אָפּגעריסן, מיט שטיקער וואָס פאַלן און זינקען אין אים, און ביי איטע-לאה גליטשט זיך אַראָפּ פון די ליפּן זיין נאָמען — פראַיקע... און אין פראַיקען ווערט איינגעזונקען דער לעצטער שטיק פון זיין לאַכן, און איטע-לאה רויטלט זיך שוין מער ניט און שמייכלט ניט, עס ציטערן נאָר דין ביי איר די ליפּן, ווי פון אַ פאַר־באָרגענעם כעס, און פראַיקע הויבט זיך דערנאָך אויף און זאָגט אַ גוטע נאַכט און גייט אַוועק, און איטע-לאה גיט זיך אַ כאַפּ פון אָרט, ווערט שטאַרק צעטראָגן, ביז זי כאַפּט זיך מיט אַמאָל, אַז זאָל שוין מענדעלע קומען אַהיים, זאָל אימעצער קומען!

נאָר ווי אַ רעגן-בויגן אויפן בלויען הימל, אַזוי איז געווען איטע-לאה, האָט זיך באַוויזן איבער דער שטאָט, איז אויפגעגאַנגען און האָט זיך באַלד אָפּגעווישט, איז ניט געוואָרן, און מענדעלע, דער מאַן איר, איז אָפּגעזעסן שבעה, און באַלד נאָך שבעה האָט ער זיך אויפגעהויבן און איז אַוועקגעפאָרן קיין אויסלאַנד, צוליב עפּעס אַן ענין וואָס איז נוגע געווען כלל ישראל, און פראַיקע האָט ניט געקענט אַריבערטראָגן די עולה, און ער איז שוין מער ניט געגאַנגען צו די באַכמוטסקיס, ביז ער האָט אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז עס איז דאָ אַזאַ מענטש ווי מענדעלע, — געדיינקט האָט ער נאָר איטע-לאהן.

— זיצט, טאָג און נאַכט, גיי ערגעץ!

די גויע שרייט ניט, מאָנט ניט, נאָר עס טוט איר וויי, און פראַיקע האַלט צוגעמאַכט די אויגן, ווי זיין שטייגער איז, דרעמלט און אָטעמען אָטעמט ער טיף און מיט הנאה, אויך ווי זיין שטייגער איז ווען די גויע שטייט לעבן אים, און די גויע קוקט אויף אים מיטן אומעט פון געטריי זיין און טרעט פון אים ניט אָפּ:

— איך זשאַלעווע דיך, אָט וואָס, ביזט מיר איינגעבאַקן אין האַרצן!

פראַיקע עפנט פּאַמעלאַך די אויגן, קוקט פּאַמעלאַך, קוקט לאַנג, און עס ווילט זיך אים אויסציען אַ האַנט צו דער גויע, אַ גלעט טאָן זי און זאָגן איר, אַז זי איז גערעכט, נאָר די גויע שטייט גאָר פאַר אים ווי אַ צעבליטע אינמיטן פעלד, און אַנשטאָט וואָס ער

זאָל זי אַ גלעט טאָן און זאָגן איר, אַז זי איז גערעכט, גלעטן גאָר אירע הענט זיין פּנים, גלעטן אים, און אין די אויגן שטעכן ווייך אירע נאַקעטע און געזונטע ציין. — — —

זי ווייסט ניט, די גויע, פון זשאַלעווען, פון איינהאַלטן פאַר זיך דעם חיות פון אירע ביינער, פון איר לעבן, ווי דאָס ווייסט ניט די שווארצע ערד וואס איז פול מיט רחמנות, און פּראַיקע איז זיך אויף מאָרגן ווידער געזעסן אין פוטעל, און ביים טיש איז זיך געזעסן דער לאַנגער בחור מיט די רויטע בלוטערן אויפן פּנים, און דער בחור האָט געזאָגט, האָט געפּרעפּעלט, אזוי ווי אַלעמאָל, און פּראַיקע האָט, ווי אַלעמאָל געקוקט אין פענצטער ארויס, און ביים פענצטער האָבן געציטערט די טרוקענע צווייגן פון דעם ווינטער-דיק-נאַקעטן בוים, און נאָכן בחור איז געקומען א יונגע מיידל, און נאָך דער מיידל איז געקומען דאָס קינד, וואָס רעדט ניט, דער-ציילט ניט, נאָר קלינגט, קלינגט, אז עס איז א מחיה צו הערן, און פּראַיקע הערט טאקע, הערט לאַנג און אָן אויפהער, ביז עס פאַר-ווילט זיך אים אויסציען א האנט און אוועקלייגן אויפן גלעקל, דערשטיקן, דערווערגן.

פּראַיקע אָטעמט שווער און מיט קאַלטע טראָפּנס שוויים אויפן שטערן, און דאָס קינד גייט באַלד אוועק, טאנצט ארויס פון חדר, און פּראַיקע קוקט איר נאָך מיט שלעכטע אויגן, ער איז אין כעס, ווי אקאָרשט אויפגעשטאַנען פון א שלעכטן שלאָף, און נאָכן קינד קומט קיינער ניט, עס איז א ליידיקע שעה, און פּראַיקע דערהערט באַלד די באָרוועסע טריט, נאָך איידער זיי קומען אריין, און ער דער-מאנט זיך אויף אלץ, פּלוצלונג, ווי מען וואָלט אויף אים אויסגע-גאָסן אַן עמער מיט וואסער, און ער קען זיך ניט אויפהויבן פון פוטעל, קען זיך ניט אָפּטיילן, קען אין ערגעץ ניט אוועקגיין, ווי דער פוטעל וואָלט פון שטענדיק אָן געמאכט געווען אָט אזוי, אינ-איינעם מיט אים, פון איין שטיק און איז איין שטיק, איין גאנצע זאַך אזאַ, ווי מען קען ניט אָפּרייסן א ווענטל, א פוס, און ער מאכט צו די אויגן, ווי זיין שטייגער איז, דרעמלט, און עס אַרט אים שוין גאָרינט, קיין שום זאך ניט, נאָר עפּעס איז נאָך קאַלט אין קאָפּ און עס שטעכט מיט נאָדלען, אז עס ווילט זיך כאָטש איין מאָל א קרעכץ טאָן, און די גויע קומט טאקע באַלד אריין אין חדר, און זי

פאַרשפּרייט מיט א ווייסן האַנטעך א ברײַנג טיש, שטעלט אַנידער דאָס עסן, און ווי פאַר א האַנט פירט זי אים דערנאָך צו צום טיש, זעצט אים אַנידער און טרעט ניט אָפּ:

— עס, פאַרוואָס עסטו ניט? עס ווערט קאַלט, די הנאה וואָס דו האָסט פון דיין לעבן!

פראַיקע לאַכט שטענדיק, ווען ער לאַכט נאָר, טיף און אָפּגע-ריסן, מיט שטיקער וואס זינקען אין אים, אַז עס טרייסלט זיך דער גאַנצער גוף זיינער אין באַזונדערע שטיקער, שטיקערווייז, און ביי דער גויע פלאַמען די באַקן, און עס שיינען די נאַקעטע און גע-זונטע ציין אירע:

— גיי, אומפאַרשעמטער!

אין פראַיקען ווערט איינגעזונקען דער לעצטער שטיק פון זיין לאַכן, און דער אויפגעשלאָגענער גוף זיינער ווערט אָפּגעלאָזן און שווער, און ער גייט און זעצט זיך ווידער אריין אין פוטעל, און ווי-דער קומען צו אים די בחורים און מיידלעך און קינדער, און ער לערנט מיט זיי, לערנט פון אין דער פרי ביז שפּעט אין אָוונט, ביז עס ברענט שוין דער לאָמפּ אויפן טיש און אין פענצטער קראַצן שאָטנס, און ווי א צודעק אויף א צודעק לייגן זיך דאָ ווידער טעג און וואָכן און חדשים — אויף לעת-עתה? דאָס מיינט אַזוי ר׳ חיים-מאָטל, און ער טראָגט טאַקע, ר׳ חיים-מאָטל אין קאַזנאַ-טשייסטווע אריין דאָס גאַנצע געלט וואס פראַיקע גיט אים אוועק, און אוועקגעבן גיט ער אים שטענדיק אוועק ביז צום רובל, ביז צו דער קאָפּיקע, און דער קאַזנאַטשיי, א גרויסער גוי מיט א ברייטער און געלער באָרד, ציילט איין מאָל איבער דאָס געלט און א צווייטן מאָל, און דערנאָך, ביים אריינשרייבן שוין אין גרויסן בוך, רעדט ער, דער קאַזנאַטשיי, ווי צו זיך אליין:

— א פיינער זון, זייער א פיינער, פאַרדינט גוט, לעבט גוט, און ער וועט טאַקע צוריקפאָרן אין אוניווערסיטעט? וועט טאַקע ווערן א דאָקטאר?

— יאָ, וועט פאָרן! וועט ווערן! ווי אַנדערש?

דער קאַזנאַטשיי שמייכלט און ר׳ חיים-מאָטל שמייכלט אויך, און ר׳ חיים-מאָטל פאַרגייט דערנאָך צום זון, גייענדיק אהיים פון

מעריב, און פראַיקע זיצט אין פוטעל, און ר׳ חיים-מאָטל קומט אַריין א געהויבענער אזא און אן אויפגעלייגטער, אז ווען ער זעצט זיך אנידער, איז ווי ער וואָלט זיך אזש געריבן די הענט, און פראַיקען איז שווער פון דעם, זייער שווער, און ער מאכט, ווי א קראַנקער, צו די אויגן און זעט מיט שרעק, אז ער ווערט נאָך מער צעשוואומען, פילט מיט זיך אָן דעם גאנצן פוטעל, און ר׳ חיים-מאָטל שפּרינגט ניט אויף און כאפּט זיך ניט פארן קאָפּ, ער גלייכט זיך נאָר אוים און ניט וואס ער זאָגט עפּעס, אָדער דערציילט עפּעס, ער פירט נאָר דורך די אונטערשטע שורה :

— בין היינט געווען אין קאַזנאַטשייסטווע !

פראַיקע שווייגט, הערט און שווייגט, און זיצן זיצט ער דערביי ווי א גלאָמפּ מיט צוויי אויגן, נאָר ר׳ חיים-מאָטל קוקט שוין אויף אַלץ ווי דורך שפּאקולן, מיט א כיוון, און רעדט ווייטער אין דעם זעלבן נוסח, אז עס זיינען ניטאָ קיין גרינגע זאכן אויף דער וועלט, ניטאָ, עס דאַרף זיך אפריער שפּאַלטן די ערד, כדי עס זאָל דערנאָך ארויסשפּראָצן א גרעזעלע, כדי עס זאָל ארויסוואקסן א זאנג...

פראַיקע מאכט מיט די ליפּן, לעקט קינדיש מיטן צונג, אזוי האָט ער ליב צו הערן דעם טאַטנס קול, האָט ליב צו הערן ווי דער טאַטע רעדט, ווען עס ציטערט ביי אים די פּארכאַפּטע, שיטערע באָרד זיינע, בליט ממש, און ר׳ חיים-מאָטל זאָגט א גוטע נאכט און גייט אוועק, און פראַיקע נעמט פּאמעלאך און אָפּגעהיט און לייגט אוועק דעם פולן קאָפּ זיינעם אויף דער אָפּגעבויגענער ווענטל פון פוטעל, און לידיק שטייט שוין היינטיקע נאכט די בעט, וואס איז אויסגעבעטן און אָנגעגרייט פאר אים, און ר׳ חיים-מאָטל, אז ער קומט אהיים, שטעלט ער זיך גלייך אוועק ביי זיין הויכן און שווארצן שטענדער, און אז ער שטייט שוין, גיט ער א פיר פאר זיך מיט די הענט, צופּט ביי זיך ארויס א האָר פון באָרד, און אויפן שטענדער ליגט פאר אים אן אָפענער ספר, און ר׳ חיים-מאָטל צעשאָקלט זיך שוין אהין און צוריק, ווי דער געצאמטער אומרו פון א זייגער, און וואָס דאָס דאַרף געבן א גלייכן דרך די רעיונות זיינע, און ר׳ חיים-מאָטל דערזעט טאקע ביסלעכווייז, ווי אונטערן קנאָל פון בייטש ציט זיך אַלץ גלייכער און גלייכער די גרויסע סטאַדע שאָף, און ערגעץ ווייט, אויף דער שטאָטישער קאַלאַנטשאַ, שלאָגט אוים דער

גרויסער, דרויסנדיקער זייגער די נאַכטיקע שעהן, און בײדע הערן עס, ר׳ חיים־מאָטל ביי זיך, און פּראַיקע ביי זיך...

ר׳ חיים־מאָטל שטייט דערנאָך ביים פענצטער און קוקט ווי עס זיפּט זיך פאַר אים דער רײנער פּאַרטאָג, גייט־אויף ווי א טוי, און פּראַיקע קוקט אויך אויפן זעלבן פּאַרטאָג, וואָס איז אַריין צו אים דורכן פענצטער מיט א גרויסן פלעק און האָט זיך אוועקגעלייגט ביי זיינע פיס, נאָר אָט הויבט זיך שוין טאַקע באַלד אָן דער טאָג, דער אמתער, ווי א האַרטער בגד אויפן אײדעלן לייב, און ביים טיש זיצט שוין דער לאַנגער בחור און פּרעפּעלט, און נאָכן בחור קומט א מיידל, און נאָך דער מיידל קומט אימעצער אַנדערש, און פּראַיקע לערנט מיט זיי, לערנט פון אינדערפרי ביז שפּעט אין אָוונט, און ווי א צודעק אויף א צודעק אַזוי קלייבן זיך שוין דאָ ווידער טעג און וואָכן און חדשים — אויף לעת־עתה? עס איז ווי דער פאַרכאַפּ־טער אָטעם פון א יונג לייב וואָס איז צום ערשטן מאָל שטיין גע־בליבן אָן א צודעק, נאַקעט.

פּראַיקע קומט אַמאָל אַהיים, אינמיטן דערינען, און ראָכע־גוטע, די מאַמע זיינע, אַז זי דערזעט אים פּלוצלונג, בלייבט זי א רגע ווי א פאַרגליווערטע, און מיט הענט וואָס ציטערן ביי איר, נעמט זי דערנאָך אַרויס פון טאָפּ אַלץ וואָס עס איז נאָר פאַראַן, שטעלט עס אַנידער פאַר אים אויפן טיש, און זי וויל אַזוי אַז ער זאָל עסן, זאָל כאָטש פאַרזוכן, און ער וויל איר צוליב טאָן, אָך ווי ער וויל, נאָר ער קען זיך ניט צורירן, ער קען ניט, און ער גייט אַרום איבער די חדרים, פון איין חדר אין א צווייטן, פון איין חדר אין דעם אַנ־דערן, ביז ער שטעלט זיך ווידער אָפּ לעבן דער מאַמען און גייט באַלד אינגאַנצן אַרויס פון שטוב, גייט שוין אוועק, און ראָכע־גוטע בלייבט אַליין, און מיט הענט, וואָס זיינען שטיל צענויפגעלייגט אויף איר גרויסן בויך, וויינט זי שטום אָן טרערן, און דערנאָך פרעגט זי ביי באַשע־ריוועז, ביי דער עלטערער טאָכטער ביי אירער, וואָס זי איז דאָך שוין יאָ א בר־דעת, בעט זיך ביי איר, אַז וואָס אַזוינס האָט ער דאָרט אָפּגעטאָן, וואָס ער דאַרף איצט אָפּקומען אַזוי? ליידן אַזוי?

נאָר צו באַשע־ריוועז קען מען גאָר קיין וואָרט ניט אויסרעדן, פון לאַנג שוין, זי איז ווי א שוועבעלע, און באַלד עפּעס צינדט זי

זיך אָן און צעשרייט זיך, אַז די גאַנצע שטוב ווערט שוין פול מיט גוואַלדן, און היינט איז אויך אַזוי געווען, און ווי שטענדיק, ווען עס ווערן קולות אין שטוב, ווען באַשע-ריווע צעשרייט זיך, האָט זיך פרומע, די אינגערע טאָכטער זייערע, גענומען רוקן צו דער מאַמען, טוליען זיך צו איר, נאָר היינט האָט ראָכע-גוטע זי אָפּגע-שטופּט פון זיך, די טאָכטער אירע וואָס איז שטאַרק געראָטן אין איר.

באַשע-ריווע איז נאָך יונג און שיין, נאָר זי אַליין שרייט אויף זיך, אַז זי איז שוין אַלט און מיאוס, און אַז זי וועט פאַרזעסן ווערן, און שרייען שרייט זי עס הויך אויפן קול און אפילו פאַרן טאַטן אין די אויגן, און טאַקע נאָר דעם טאַטן אין די אויגן אַריין, און ר׳ חיים-מאָטל קוקט זי אָן, ווי ער וואָלט זי גאָר ניט דערקענט, און וואָס זיינען עס סתם פאַר אַ רייד אַזוינע? ר׳ חיים-מאָטל קען עס ניט אַריבערגעטראָגן, בפועל ממש ניט, און ער גיט זיך אַזש אַ צאַפּל, ווי ער וואָלט עס אַראָפּגעטרייסלט פון זיך, אַלץ מיט אַנאַנדער, און דערנאָך קערט ער זיך אָפּ פון זיי, פון אַלעמען, און לאָזט זיך גיין צו זיך אין חדר אַריין, צו זיין שטענדער, און באַשע-ריווע קוקט אים נאָך, און זי שרייט שוין ניט און איז ניט אין כעס, נאָר זאָגן זאָגט זי הויך און קלאָר, און זאָל ער טאַקע הערן, דער טאַטע, אַז ער וועט נאָך צוליב פּראָיקען אַלעמען אומגליקלעך מאַכן, די גאַנצע וועלט! און ר׳ חיים-מאָטל פאַרהאַלט זיך אויף דעם אַ רגע, און וויל ביי איר פרעגן:

— פאַרגינסט ניט? וועמען פאַרגינסטו דאָ ניט?

און באַשע-ריווע איז איינמאָל געקומען צו פּראָיקען, כלומרשט אַן אויסגעפּוצטע, אַן אָנגעטאָנענע, נאָר איידער זי האָט זיך נאָך אַנידערגעזעצט, איז זי שוין אויפגעשפּרונגען אַ צעשויבערטע, און צי ווייסט ער, דער ברודער אירער, דער סטודענט, וועמען מען רעדט איר שוין? ער ווייסט ניט! אַ יאָ ער ווייסט ניט?!

באַשע-ריווע איז געשטאַנען איבער אים אַ צעפּלאָמטע, און פּראָיקע האָט געקוקט און האָט זי איצט שטאַרק ליב געהאַט, זי איז אים איצט שטאַרק געפעלן געוואָרן, און ער האָט שטיל געשמייכלט צו איר, גאָרניט ווי זיין שטייגער איז:

— וועמען?

משה דעם בעדערס זון, אָט וועמען, יאָ! און ער וועט נאָך אויך ניט וועלן, אָט וועלן מיר זען, אז ער וועט ניט וועלן, און פאַר־וואָס זאָל ער יאָ וועלן?!

פּראַיקע קאָן זייער גוט משה דעם בעדערס זון, וואָס שטייט אויפן מאַרק און איז שטענדיק אַרומגעגאַרטלט, אַרומגעבונדן מיט אַ גראָבער שטריק, און פּראַיקע האָט זיך דאָ פּלוצלונג פאַנאַנדער־געלאַכט, הויך און פריי, ווי ער האָט שוין לאַנג, זייער לאַנג ניט געלאַכט, און וואָס מער ער האָט געלאַכט, אַלץ מער איז אים גע־פעלן געוואָרן דער איינפאַל אירער, און באַשע־ריווען איז עס אויך געפעלן געוואָרן און זי האָט זיך אויך צעלאַכט, ווערנדיק דערביי נאָך בוויגיקער און נאָך שענער, ווי זי וואָלט זיך געהנדלט, נאָר באַלד איז זי געבליבן זיצן אַן אומעטיקע, האָט זיך אַ ריב געטאָן דעם שטערן, און האָט שטיל און פאַרטראַכט גענומען רעדן, אז זי קען עס שוין מער ניט אויסהאַלטן, זי איז ווי אַ שטיף־קינד ביים טאַטן, ווי אַ שטיף־טאָכטער, ער האָט זי איינגאַנצן ניט ליב!

פּראַיקע האָט אַ שולדיקער אַראָפּגעלאָזט די אויגן, האָט שוין ווייטער ניט געקענט קוקן דער שוועסטער אין פּנים אַריין, און באַ־שע־ריווע האָט ווייטער גערעדט, אַז זי וויל — — — זי וויל, אַז פּראַיקע זאָל מיט איר לערנען, און זי וועט אויסהאַלטן דעם עק־זאַמען, און וועט ווערן אַ לערערקע, זי וויל אויך ווערן אַ מענטש!

פּראַיקען איז מיט אַמאָל גרינגער געוואָרן פון דעם, אַזוי גרינג, אַז ער האָט זיך אַזש אַ כאַפּ געטאָן פון פּוטעל אַרויס, ווי ער וואָלט דעם פּוטעל אַ שטויס געגעבן פון זיך מיטן פוס, און ביי באַשע־ריווען האָבן געגלאַנצט צוויי טרערן אין די אויגן, און פּראַיקע האָט מיט אַ צעטומלטער האַנט אָנגערירט אירע האָר, האָט זי אַ גלעט געטאָן, און באַשע־ריווע האָט געביסן די ליפּן, האָט געביסן, און האָט זיך פאַנאַנדערגעוויינט.

און אָט קומט זי שוין איצט צו אים יעדן אויפדערנאַכט, נאָכן לעצטן בחור, נאָך דער לעצטער מיידל, און זי זעצט זיך אַנידער ביים טיש, לייגט פאַנאַנדער די ביכער, נאָר פּראַיקע לערנט מיט איר ניט פון פּוטעל אַרויס, ער הויבט זיך אויף און גייט צו, און באַשע־ריווע קוקט אים גלייך אין פּנים אַריין, און פּראַיקע שפּאַרט זיך אָן מיטביידע הענט אויפן טיש, און שטייענדיק אָט אַזוי די

גאַנצע צייט, און האָבנדיק פאַר זיך באַשע-ריוועס פּנים, רעדט ער צו איר די גאַנצע צייט, דערציילט איר, גיט איר צו פאַרשטיין, און ביי באַשע-ריוועןֹ בליען די באַקן און עס קנייטשט זיך דער שטערן, און פּראַיקע צעשרייט זיך אַמאָל, אַז זי האָט אַ פאַרשטאָפּטן קאָפּ, עס שלאָפט ביי איר דער מוח!

באַשע-ריווע גיט זיך אַ צאַפּל, און דערנאָך בייסט זי די ליפּן, בייסט און שווייגט, און פּראַיקע שווייגט אויך מיט אַ כעס, וואָס שלאָגט פון אים, ווי מיט האַמערס, און זיי קוקן זיך ביידע אָן, אַז זיי ווען זיך באַלד אַ וואָרף-טאָן איינער אויפן אַנדערן, זיי וועלן זיך קריגן, נאָר באַלד, נאָך דער איין רגע, ווערט זיי ביידן גוט אַזוי מיט אַמאָל, ווי זיי וואָלטן זיך געטוליעט איינער צו דעם אַנדערן, און באַשע-ריווע לאָזט די ערשטע אַראָפּ די פולע אויגן אירע, און פּראַיקע רירט אָן אירע האָר, גיט איר אַ גלעט איבערן קאָפּ, און באַשע-ריווע לאַכט זיך שטיל פאַנאַנדער, אָפּגעריסן און פול — —

באַשע-ריווע גייט דערנאָך אַוועק, און פּראַיקע בלייבט נאָך לאַנג שטיין אָט אַזוי ביים טיש, נאָר אָט דערהערן זיך שוין די באָרוועסע טריט, און פּראַיקע זעצט זיך אויף דער גיך אַריין אין פוטעל, מאַכט אַזש צו די אויגן, און אין חדר קומט טאַקע באַלד אַריין די גויע, און זי נעמט פאַר אים מאַכן די בעט, אויפקלאַפּן די פּערענע, און פּראַיקע אָטעמט איינגעהאַלטן, ווי ער וואָלט געוואָלט אַז עס זאָל שוין אַריבער, וואָס גיכער, און די גויע טרייבט אים שוין מער ניט, אַז ער זאָל ערגעץ גיין, זי שרייט אפילו ניט, זי באַ-קלאָגט זיך נאָר פאַר אים אויף באַשע-ריוועןֹ, אַז זי איז ניט קיין גוטע, די שוועסטער זיינע, זי האָט אים ניט ליב...

די גויע שטייט מיט צענויפגעלייגטע הענט, מיט אַן איינגע-בויגענעם רוקן, און פּראַיקע געדיינקט אַלץ, נאָר אָנרירן זי נאָך אַמאָל, די גויע, קען ער שוין מער ניט, ער האָט אויף איר רחמנות, און די גויע גייט שטיל, ווי אַן אָפּגעשטויסענע, אַרויס פון חדר, פאַרמאַכט שטיל נאָך זיך די טיר, אַז פּראַיקע דערהערט דאָ דעם טיפן זיפץ אירן, און שטיל, ווי מען וואָלט נאָך אים אַלץ געהיט פון אַלע זייטן, הויבט ער זיך דערנאָך אויף און גייט און לייגט זיך אַריין אין בעט, ציט זיך אויס אויף דער ווייכער פּערענע, און ווען עס קלעפּן זיך שוין ביי אים די אויגן, גיט ער גוט אַזוי אַ

טראַכט, אַז באַשע־ריווע וואָלט גאָר געדאַרפט געווען נעמען וואַראַ־בעיטשיקן און ווערן אַ כלה!

פּראַיקע דרעמלט און טראַכט וועגן באַשע־ריוון און זיינע ליפּן מורמלען דערביי אין אַ שמייכל, און די גויע עפנט פּאַמעלאַך די טיר, זעט אַז ער שלאָפט שוין, און זי קוקט און ווינשט אים אַל־דאָס־גוטס, און דערנאָך פאַרלעשט זי דעם לאָמפּ, און פּראַיקע דרעמלט ווייטער און טראַכט ווייטער און שמייכלט נאָך מער...

וואַראַבעיטשיק איז דאָ ניט לאַנג געווען ביי אים, האָט אַריינ־געיאָגט אינמיטן העלן טאָג, אַז עס זיינען, דוכט זיך, געבליבן שטיין נאָך אים אָפן די אַלע טירן, און ער האָט אַזוי געציטערט אינגאַנצן, וואַראַבעיטשיק, אַז ער האָט ניט געקענט אַרויסרעדן קיין איין גלייכן וואָרט, ער האָט נאָר געשטופּט אין די אויגן אַריין אַ בויגן פּאַפּיר, אַ פאַרשריבענעם, אַ באַמאָלענעם און האָט געשריגן דערביי, ווי מען וואָלט אים געוואָרגן, אַז ער האָט שוין אַ נייע זאַך, אַ שפּאָגל נייע, אַחוץ דעם לופט־באַלאָן, אַחוץ אַלץ!

וואַראַבעיטשיק איז איצט אינגאַנצן געווען, ווי אַ קינד מיט אַ נייער צאַצקע אין די הענט, און פּראַיקע האָט זיך, אַ פוילער און ווייל ער מוז אַזוי טאָן, אויפגעהויבן פון פּוטעל, האָט פויל אַרויס־גענומען פון שראַנק אַן אַלטע, אַ צעפלאַכטענע פיזיקע, האָט אויפ־געמישט אַ בלאַט, און וואַראַבעיטשיק האָט מיט בײדע הענט אַ כאַפּ געטאָן דעם בוך און האָט אויסגעשטעלט אַ פּאָר אויגן, אַז פּראַיקע האָט זיך מיט רחמנות אָפּגעקערט פון אים. —

אין דער פיזיקע איז געווען באַשריבן זיין נייע זאַך, זאָל כאָטש פעלן אַ האָר, און וואַראַבעיטשיק האָט געלייענט וואָרט ביי וואָרט און הויך אויפן קול, און פּראַיקע איז שוין צוריק געזעסן אין פּוטעל, און וואַראַבעיטשיק האָט אַ צעטומלטער געפירט מיט די אויגן, האָט עפּעס געמורמלט מיט די ליפּן, וואָס זיינען געווען וויים ווי מילך, ביז ער האָט אַ שפּאַן געטאָן צו פּראַיקען, ווי אַ שטיק פלאַם, וואָס האָט זיך אָפּגעריסן פון שטאַם:

— מיט אייך איז אַלע מאָל אַזוי, שטענדיק!

וואַראַבעיטשיק איז אַרויסגעלאָפן פון חדר, איבערלאָזנדיק דאָ די פיזיקע און פּראַיקען און זיין אייגענעם בויגן פּאַפּיר, ער דאַרף שוין איצט גאָר ניט האָבן, וואַראַבעיטשיק, און פּראַיקע האָט ניט

געלאַכט פון אים, ער האָט אים נאָר נאָכגעקוקט, און דערנאָך האָט ער הנאהדיק אַזוי אויסגעצויגן די פיס, האָט אָוועקגעלייגט דעם קאָפּ אויף דער הויכער ווענטל פון פוטעל, און האָט צוגעמאַכט די אויגן.

וואַראַבעיטשיק טראַכט אויף א לופט-באַלאָן, אויף דעם טראַכט ער שטענדיק, און אַחוץ דעם לופט-באַלאָן טראַכט ער און האָט שוין אויסגעטראַכט אפשר א צוואַנציק אַנדערע זאַכן, און שטענדיק, ווען עס פאַלט אים נאָר איין א נייע זאַך, ווען ער דערזעט עס לעבעדיק פאַר זיך, קומט ער גלייך צולויפן צו פראַיקען, און פראַיקע גיט א קוק און ווייזט אים די פיזיקע, און וואַראַבעיטשיק ווערט אַן אָנגעצונדענער און אַנטלויפט, און ער וועט שוין מער קיינמאָל ניט קומען צו פראַיקען, וועט אים מער גאָרניט ווייזן, קיינמאָל ניט, ער וועט אינגאַנצן אַוועקפאָרן פון דאַנען, נאָר אָט פאַלט אים ווידער עפּעס איין, א נייע זאַך אַזאַ, און ער לויפט שוין ווידער צו פראַיקען, און פראַיקע האָט אים ליב, אַז ער גיט אַמאָל א זאָג צו באַשע-ריווען, ווען זי זיצט ביים טיש און ער אַליין, פראַיקע, שטייט אַן אָנגעשפּאַרטער מיט ביידע הענט און לערנט מיט איר, אַז היינט איז דאָ געווען וואַראַבעיטשיק. — — —

ער זאָגט עס איר פּלוצלונג, אינמיטן דערינען, און באַשע-ריווע פאַרוויטלט זיך שטאַרק, און זי וויל עפּעס ענטפערן אויף דעם, נאָר זי האָט ניט קיין ווערטער, און זי לאָזט אַראָפּ די אויגן, און פראַיקע לערנט ווייטער מיט איר, און ביי באַשע-ריווען בליען די באַקן און עס קנייטשט זיך דער שטערן, נאָר פּלוצלונג לאַכט זי זיך פאַנאַנדער, אינמיטן דערינען, און פראַיקע ווערט ניט אין כעס, ער קוקט נאָר אויף איר און שמייכלט אויך און איז דער עלטערער ברודער אירער...

באַשע-ריווע האָט ליב וואַראַבעיטשיקן, נאָר קיינער ווייסט ניט פון דעם, און וואַראַבעיטשיק אַליין איז שטאַרק פאַרנומען מיט זיין לופט-באַלאָן און מיט די אַנדערע צוואַנציק זאַכן וואָס ער טראַכט און האָט שוין דערטראַכט, און אַמאָל, אַז זיי שפּאַצירן ביידע, באַשע-ריווע און וואַראַבעיטשיק, קומען צו אים אַזוי פיל רייד מיט איינמאָל, אַז ער שמייכלט נאָר די גאַנצע צייט, און די ווערטער וואָס כאַפּן זיך שוין יאָ אַרויס ביי אים, זיינען עפּעס ניט קיין

ארויסגעזאָגטע ווערטער, נאָר ארויסגעשפּרונגענע אָדער שעמעוודיק-פארלאָרענע, און באַשע-ריווע שווייגט אויף די גאנצע צייט — אַ געהויבענע און אַ פארטראכטע.

ווארעבעיטשיק איז אַ הויכער און אַ דינער, מיט אַן איינגע-פאלענעם בויך און איינגעפאלענע ליפּן, און די געשאָרענע בערדל וואָס ער טראָגט, מאכט אים אזוי רחמנותדיק נאָענט, אייגן, אַז מען מוז אויף אים זאָגן, אַז ער איז אַ וואוילער, און אראָפּגעבראכט האָט אים אהער, פון דער ווייטער ליטע, דיזעלבע סטערא באָריסאָוונא, פּונקט ווי זי האָט אויסגעשריבן צו זיך, פאר אירע צוויי קינדער, די אלע אנדערע העברעאישע לערער, וואס זיינען דאָ געווען ביז ווארעבעיטשיקן און וואס וועלן נאָך מסתמא זיין נאָך אים, ווייל עס האלט שוין טאקע דערביי, ווייל סטערא באריסאָוונא ליגט זיך שוין אָפּט אוועק מיט איר קאָפּ-ווייטיק, וואָס זי רופט מיגרען, און דער מאַן אירער, זלמן כאנין, שטייט אַ שווייגעדיקער לעבן איר בעט, גיט איר שווייגנדיק איין די רפואה, און זי נעמט עס איין מיט אָפּ-געדעקטע אקסלען ביז צו די ברוסטן און מיט אראָפּגעלאָזטע הענט, ווי עס גיט זיך אונטער אַ קינד.

אַליין איז סטערא באָריסאָוונא אַ קליינע, אַ קיילאכדיקע און אַזאַ ווייסע איינגאנצן, ווי מען וואָלט זי פון שטענדיק אָן געבאָדן נאָר אין מילך, און פון איר קיילאכדיקן, קינדישן פּנים קוקן שטענ-דיק ארויס צוויי גרויסע, שווארצע אויגן, אַז עס ווילט זיך אַ שמייכל טאָן איבער דעם וואס זי טראָגט די גאָלדענע ברילן פענסנע, און רעדן רעדט זי נאָר רוסיש, שטענדיק און מיט אַלעמען, און איז שטענדיק ברוגז מיטן מאַן, און דער מאַן אירער, זלמן כאנין, איז אַ לאנגער און אַ דאַרער, מיט אַ טרוקענעם פּנים, און מיט איינגע-שלאָסענע אויגן, מיט אויגן וואס שווייגן שטענדיק, זאָגן קיינמאָל גאָרניט אויס.

ער איז אַ גרויסער גלייכווערטל-זאָגער, און ווען ער זאָגט זיי, די גלייכווערטלעך זיינע, האלט מען זיך ממש פאר די זייטן, נאָר ער אליין גיט אפילו ניט קיין שמייכל דערביי, ער ווערט נאָר אַלץ טרוקענער און טרוקענער, און מיט אַזוינע איינגעשרומפּטע אויגן, ווי איינגאנצן אָן אויגן.

ער איז אסך עלטער פון סטעראן, אָדער סטערא איז אסך איג־גער פון אים, און באלד נאָך דער חתונה, זיי האבן קוים אָפּגעלעבט א חדש, האָט זיך סטערא באריסאָוונא איינמאָל אויפגעהויבן אין א מיטן טאָג, האָט איינגעפּאקט אירע זאכן און איז אוועקגעפאָרן צו טאטע־מאמע אָן א זיי־געזונט, און זלמן איז דאָ אליין געבליבן אינדערהיים, אין דער גרויסער שטוב מיט די סך חדרים, נייע, אויס־געפּוצטע, אז ער האָט זיך ניט געהאט וואוהין אהינצוטאָן, און מען האָט שטארק גענומען שמועסן מכח א גט, נאָר איידער מען האָט זיך צענויפגעשריבן, איידער וואס ווען, האָט מען זלמנען געבראכט א טעלעגראמע — אינמיטן דער נאכט:

— מזל טוב! א אינגל!

זלמן איז, פארשטייט זיך, גלייך אוועקגעפאָרן אהין, צו שווער און שוויגער, און ניט אליין, ער האָט מיט זיך מיטגענומען דעם פעטער זיינעם, דעם גרויסן סוחר, און דער פעטער, א איד מיט א ברייטער באָרד, ברייט אין דער דעה, און מיט א ברייטן קאפּעלוש, האָט פיינט צו חקרנען, האָט פיינט צו פּלפּולן, אז אפשר אזוי און טאָמער ניט אזוי, נאָר אז ער זאָגט עפּעס דארף מען הערן וואָס ער רעדט און טאקע פאָלגן אויך, און ביי זיי, ביי די כאנינס אין דער גאנצער משפחה האָט זיך נאָך קיינמאָל קיינער ניט געגט, מען האָט קיינמאָל ניט אָפּגעלאָזט קיין שדוך, ניט אָפּגעשיקט די תנאים, און מען האָט דאָרט אפריער אָפּגעפּראוועט דעם ברית, גאָר א געהויבע־נעם ברית, עס איז דאָך געווען דער ערשטער אייניקל ביי סטעראס טאָטע־מאמע, און די קימפּעטאָרין אליין, אן אויסגעפּוצטע אזא און איננאנצן ווי א ליאלקע, איז אליין, ווי א פארלאָזטע, אראָפּגעקראָכן פון בעט און האָט גענומען שטעלן קליינע און ציטערדיקע טריט צום עולם צו, צו די פריילאכע טישן, טריט וואס קענען זיך נאָך צעברעכן, און זלמן איז גלייך צוגעלאָפן צו איר, אין שרעק פאר איר און א געטרייער פון קאָפּ ביז די פיס, און זי האָט אָנגענומען זיין האנט מיט דער גוטסקייט פון שוואך זיין, האָט זיך אָנגע־שפּארט און האָט זיך ווארים אזוי צוגעטוליעט צו אים, און זלמן כאנין איז שוין דערנאָך געקומען אהיים מיט זיין ווייב און מיט זיין קינד, און סטערא באריסאָוונא איז באלד ווידער פארגאנגען אין

טראָגן און האָט ווידער געהאַט אַ קינד, ווידער אַ אינגל און פּונקט צום יאָר, און — געגוג.

דער געגוג איז געווען אַ הויכער, אַן ארויסגעזאָגטער אויפן קול, נאָר קיינער האָט, דוכט זיך, גאָרניט געהאַט צו איר, קיינער האָט גאָרניט געמאָנט ביי איר, נאָר זי אליין פּאַרוואָרפט אַמאָל דעם קאָפּ, און קוים וואָס זי עפנט דעם מויל אויף ארויסצולאָזן די ווער-טער, מיט אַ לייבליכער הנאה פון זיך אליין, אַז זי וויל מער ניט ברייגגען קיין קינדער אויף דער וועלט, און נאָך פון אַ מאַן, וועמען זי האָט ניט ליב, און ביי זלמנען שווייגן די אויגן, און מיט שווייגנ-דיקע אויגן דערציילט ער איר באַלד עפּעס אַ מעשה אויף דעם, אַ גלייכווערטל אַזאַ, און סטערא ווערט פול מיט רחמנות צו זיך, אַז זי וויינט זיך אַזש שיר ניט פּאַנאַנדער:

— איך ווייס, אַז דו האָסט מיך ניט ליב... דו האָסט מיך קיינמאָל ניט ליב געהאַט!

— אפשר.

זלמן ענטפערט עס איר אַזוי, אַז מען ווייסט ניט צי מיינט ער טאַקע דאָס וואָס ער זאָגט, אָדער ער מיינט עס ניט, און סטערא קען זיך אַמאָל אַנידערזעצן אינמיטן דערינען, צוטוליען צו זיך די ביידע קינדער אירע און טענהן און מאָנען ביי זיך אליין, אַז זי איז אומגליקלעך, איז די אומגליקלעכסטע אויף דער גאַנצער וועלט, און זלמנען געפעלט עס גראָדע, ווי זי זיצט אָט אַזוי מיט די קינדער, נאָר ענטפערן ענטפערט ער איר דאָס זעלבע:

— אפשר.

סטערא האָט פיינט זיין אפשר מער איידער אים אליין, און זי צעוויינט זיך טאַקע אָפּט פון דעם, זי קען עס שוין מער ניט אויסהאַלטן, און וויינען וויינט זי דעמאָלט ניט ווי סטערא באָרי-סאָוונא, נאָר ווי אַ אידענע, און ביי זלמנען אויפן שטערן פּאַרציט זיך אַ שמייכל ווי אַ הויך, וואָס סטערא קען עס ניט זען, און זי זאָגט אים גלייך אין פּנים אריין, אַז ער איז אַ מענטש מיט אַ שטיי-נערנער האַרץ, און ער ענטפערט אָן איינטייל, ווי איינגאַנצן אַ זיי-טיקער:

— אפשר.

סטערא וועט משוגע ווערן פון זיין אפשר, זי וועט פון זינען אראָפּ, נאָר זי האָט צוויי קינדער, און די קינדער זיינען אירע קינדער, פון דעם ערשטן טאָג אָן, און זי לאָזט זיי ניט אָפּ פון זיך, און זיי אליין טוליען זיך אויך שטענדיק צו דער מאמען מיט זייערע געקרייזלטע קעפּלאך ווי די שעפּסן, און האָבן שטענדיק מורא פארן טאטן. —

די קינדער וואקסן געראָטענע, אזוי זאָגט דער לערער, און געראָטן זיינען זיי, זאָגט ער, אין איר, אין דער מאמען, און סטערא באָריסאָוונא שמייכלט צום לערער אביסל א פארשעמטע און איינגאנצן א גליקלאכע, און דערנאָך פאָרט זי יעדן יאָר אין אויסלאנד און היילט דאָרט אירע נערוועז, נאָר מער קיין קינדער האָט זי טאקע ניט, פארגייט ניט מער אין טראָגן, און זלמן ווערט אלץ טרוקענער און טרוקענער, און די גלייכוועדטלעך זיינע וואָס ער זאָגט שטעכן יעדן איינעם ווער עס הערט זיי נאָר, און ער דרייט אַן איינגעעקשנטער מיט פרעמדע טויזנטער, דרייט אהער און דרייט אהין, און פירט א ברייטן, א באלעבאטיש-גבירישן שטאָט מיט אסך וואוילטאָג פאר זיין ווייב און קינדער. — — —

דעם לערער פאר אירע קינדער ברייננט סטערא באָריסאָוונא שטענדיק אראָפּ פון דער פרעמד, און זלמן זאָגט טאקע, אז ביי זיין סטעראן איז אלץ פון זאגראניצע, און באלד ווי דער לערער קומט אָן און נעמט זיך צו די קינדער, איז אלץ שטיל און פיין, אז סטערא איז גאָר, דוכט זיך, קיין מאָל ברוגז ניט געווען מיטן מאַן, און זלמן אליין פארגינט זיך אויך א שמייכל טאָן, א לאך-טאָן, און זיינע גלייכווערטלעך זיינען דעמאָלט סתם גלייכווערטלעך, זיי צילן אין קיינעם ניט, און סטערא שיינט אינגאנצן, לויכט ווי א מיידל, ווי מיידלווייז, ווען זלמן האָט זי דערזען צום ערשטן מאָל און איז גלייך געוואָרן א פארקאָכטער, אז ער האָט גאָר הערן ניט געוואָלט דעם פעטער, וואס האָט ברייט א פיר געטאָן מיט דער האנט:

— ניט קיין גלייכער שידוך, זאָג איך!

נאָר אָט גייט דורך דער ערשטער חדש און דער צווייטער און דער דריטער, און דער לערער איז שוין אַן אייגענער מענטש אין שטוב, ער ווייסט שוין פון אלץ, און סטערא איז שוין אָפּן ברוגז

מיטן מאַן, און זלמן שווייגט שוין אויך פאַר אים אין די אויגן, און סטערא באַריסאָוונא נעמט אמאָל דעם לערער אונטערן האַנט און גייט אוועק מיט אים שפּאַצירן, און זלמן ווייסט, וואָס מען מורמלט אין שטאָט, און זיינע גלייכוועלטלעך זיינען איצט, ווי א הויפן שטעכעלקעס, וואָס ער גיט פּלוצלונג א שאָט, אַז מען ווייכט פון אים, אַלע ווייכן, נאָר ער איז שטענדיק א וואַכיקער, סיי ביי זיך אינדערהיים און סיי צווישן מענטשן, און מיט זיין צונג, ווי מיט א שאַרפן מעסער שטענדיק גרייט אין די הענט, היט ער און לאָזט ניט פאַלן קיין שפּרינקעלע אויף זיין סטעראַן, און סטערא מיטן לערער שפּאַצירן ווייט אַהינטערן שטאָט, דאָרט וואו עס ציען זיך אומעטיק די ליידיקע רעלסן און עס שווינקט זיך מיט א מורמל דער גוישער טייך, און סטערא באַריסאָוונא קוקט איטלאַך ווייַלע אויפן אויסגעשטערנטן הימל, לאַכט אויף מיט א זיפץ און שפּאַרט זיך נאָך שטאַרקער אָן אויפן לערערס האַנט, און דער שמאָלער וועג, א געפּירטער פון דער לבנה, נאַרט און פאַרנאַרט אַלץ ווייטער און ווייטער, און ווען זיי קערן זיך אום פון שפּאַציר איז שוין גאַנץ שפּעט, עס איז שוין נאַכט, און סטערא שטויסט זיך גלייך אָן אויפן מאַן, ווי נאָר זי קומט אריין אין שטוב, ער שטייט ממש, זלמן, אויפן שוועל, א הויכער, אַן אויסגעצויגענער, ווי א ברעט וואָס פאַרשטעלט דעם וועג, און מיטביידע הענט שטאַרק אין די הויזן-קעשענעס, און סטערא גיט זיך פריער א צאַפּל, בלייבט א רגע א פאַרלאָרענע, ווי א געכאַפּטע, נאָר באַלד גיט זי זיך א ריס, לויפט אריין צום לערער אין חדר, גיט זיך דאָרט א וואָרף אויף זיין בעט און וויינט זיך פאַנאַנדער.

זי וויינט הויך אויפן קול, און דער לערער שטייט א צעטומלטער, ווייסט ניט וואָס צו טאָן, און ער וויל זיך בעטן ביי איר, און ער נעמט און לייגט אויף איר ארויף א האַנט, אויפן אַקסל, נאָר אין טיר שטייט שוין דער מאַן אירער, זלמן כאַנין, און דער לערער כאַפּט צו די האַנט, און דער גאַנצער חדר ווערט גלייך פול מיט זיין פאַרעטנטפערן זיך, שטום, אָן א וואָרט, אָן א קול, נאָר זלמן כאַנין ווישט עס גלייך אָפּ מיט זיינע שווייגעדיקע אויגן, און סטערא הערט אויף צו וויינען, און זי זעצט זיך אויף און קוקט, פּירט מיט די אויגן, ווי זי וואָלט ניט געוואוסט וואו זי איז, ביז זי פאַרשטעלט

זיך דעם פּנים מיט בײדע הענט און לאָזט זיך א שװאַכע אַזאַ אַרױסגײן פון חדר, אַז דער לערער װיל זיך א װאָרף טאָן צו איר, װיל איר העלפן, נאָר אַנשטאָט דעם רוקט ער זיך גאָר אָפּ, שטאַר־קער צו דער װאַנט, און זלמן כאַפּט טרעט פּאַמעלעך אָפּ פון שװעל, לאָזט איר אַרױסגײן.

סטערא ליגט דערנאָך מיט איר קאָפּ־װײטיק װאָס זי רופט מיגרען, און זלמן שטײט א שװײַגנדיקער לעבן איר בעט און גיט איר שװײַגנדיק אײַן די רפואה, און דער לערער דאַרט פּאַקט שױן זײַנע זאַכן, זלמן האָט זיך שױן אָפּגעחשבונט מיט אים, שטיל, אָן אָן איבעריק װאָרט — װיפיל קומט אײַך? און סטערא ליגט אײַן בעט א טאָג און צװײ און דרײַ, נאָר צו די קינדער מוז מען דאָך האָבן א לערער, און סטערא װערט געזונט.

אָט אַזױ קומט אָן אַהער א לערער, און אָט אַזױ פאָרט ער אַװעק, און אָט אַזױ איז אױך אָנגעקומען אַהער װאַראַבעיטשיק, נאָר װאַראַבעיטשיק טראַכט דאָך אױף זײַן לופט־באַלאָן און אױף צװאַנציק אַנדערע זאַכן, און װי נאָר ער לערנט אָפּ מיט די קינ־דער, אַזױ פאַרשפּאַרט ער זיך אין זײַן באַזונדערן חדר, און ניט מען זעט אים און ניט מען הערט אים, און ער איז שױן דאָ א חדש און צװײ און דרײַ און זעקס, נאָר װײסן װײסט ער נאָך פון גאָר־ניט, לחלוטין ניט, און אַז מען זיצט אַלע אינאײנעם בײַם טיש, בײַם עסן, זיצט ער, װאַראַבעיטשיק, מיט געלע אױגן, מידע אױגן, און אַז מען גיט עפּעס א זאָג צו אים, א פרעג בײַ אים, טוט ער זיך א כאַפּ א פאַרשעמטער װי א מײדל, און שמײכלט פאַרשעמט, ער האָט גאָר, דוכט זיך, ניט געהערט װאָס מען רעדט צו אים און זלמן רײַבט זיך אַזש די הענט אין דער שטיל, און װען ער איז אינגאַנצן אַלײן שליסן זיך בײַ אים אָפּ די אױגן און װערן לאַכעדיקע, זײער לאַכעדיקע, און סטערא האָט געװאַרט אַפּריער, אַז װאַראַבעיטשיק װעט זיך בעסער צוגעװאױנען, נאָר װאַראַבעיטשיק װײסט פון גאָר ניט, לחלוטין גאָרניט, ער גײט יאַ אַמאָל אַװעק פונדערהײם, גײט שפּאַצירן, אָדער גײט ערגעץ — — — װאוהין גײט ער?

סטערא האָט ניט װאוהין אַהינצוטאָן דעם גאַנצן לאַנגן, לײ־דיקן טאָג אירן, און זי װיל זיך באַקלאָגן פאַר אימעצן, באַקלאָגן זיך פאַר זלמנען, װי עס בלײַבט א קינד װאָס מען האָט ניט אַרײַנ־

גענומען אין דער שפּיל, נאָר דאָ ווערט זי שוין אין כעס אויף וואַ-ראבעיטשיקן, קלאָר און שטארק אין כעס, עס שטייט איר ניט אָן, און זי צעשרייט זיך פּלוצלונג אויף די קינדער, אז די קינדער, ווי די שעפּסן, רוקן זיך צעשראָקענע אָפּ פון איר, און סטערא גייט דערנאָך ארום, איינע אליין, און הערט זיך שטארק צו, אז אפשר טוט איר שוין ווי דער קאָפּ, טאָמער? און ביי זלמנען אויפן שטערן פארציט זיך א שמייכל ווי א הויך, און ער טרייסט זי, יאָ, ער טרייסט זי, אז אָט באלד, נאָך א צוויי חדשים און זי וועט פאָרן קיין אויסלאנד, און ביי סטעראן גיסן זיך אָן די אויגן פון רחמנות צו זיך, און זי קען שוין מער ניט, עס איז אזוי לאנג צו וואַרטן, און זלמן זאָגט נאָך, ניט איינמאָל, נאָר הונדערט מאָל, ער זאָגט עס יעדן טאָג, אז וואראבעיטשיק איז גאָר א גוטער לערער, גאָר א געהויבענער, זיי האבן נאָך אזא לערער קיינמאָל ניט געהאט, און סטערא זעט, אז ער רייצט זיך מיט איר, טוט איר להכעיס, און זי וויל שרייען, מיט אלע אירע כחות, אז ניין, ניין, און ניין! נאָר זי לאָזט אראָפּ די הענט און איז איינגאנצן אזא, אז זלמנען פאר-דריסט שוין עפּעס, סיי אויף וואראבעיטשיקן, סיי אויף זיך אליין, און ער בויגט זיך אָן צו איר און גיט איר א קוש.

סטערא קאָן איצט זיין גוט מיטן מאן, אָדער ברוגז מיט אים, קיינער זעט עס ניט און קיינער ווייסט ניט פון דעם, עס גייט קיינעם ניט אָן, און א קראנקע טאקע און מיט א צעברעקעלטן כעס אין זיך און שטענדיק עפּעס ווי א פארשטויבטע איז זי דעם יאָר גע-פאָרן קיין אויסלאנד, און ווען מען איז געפאָרן צום וואגזאל איז גאָר קיינעם ניט איינגעפאלן, אז וואראבעיטשיק קען אויך פאָרן מיט זיי, זאל אויך פאָרן צום וואגזאל, באגלייט האָבן זי נאָר זלמן און די קינדער, און סטערא האָט לאנג און שטארק געקושט און געטוליעט צו זיך די קינדער אירע, אז ווען זי האָט זיך דערנאָך גענומען געזעגענען מיט זלמנען, איז זי געווען בלייך ווי די וואַנט, און זלמן האָט איר אָנגעזאָגט, איינמאָל און נאָכאמאָל, אז זי זאָל גלייך טעלעגראפירן, ווי נאָר זי וועט אָנקומען אויפן אָרט.

סטערא האָט טאקע געדארפט געווען פאָרן, זי דארף זיך טאקע היילן, און זלמן האָט זיך שטארק געזאָרגט פאר איר די גאנצע צייט וואָס זי איז ניט געווען אינדערהיים, און א געטרייער צו איר יעדע

מינוט אין טאָג, האָט ער אַלץ געוואָלט רעדן וועגן איר, אַפילו מיט די קינדער, אַפילו מיט דער דינסט, גלאַט אַזוי, אַבי דערמאָנען זי, הערן איר נאָמען, נאָר אָט איז זי שוין צוריקגעקומען פון אויס-לאַנד, און געקומען איז זי אַ ליכטיקע אַזאַ, אַ לויטערע, אַז זלמן האָט זיך נאָכאַמאָל אָנגעבויגן צו איר און האָט זי נאָך אַמאָל אַ קוש געטאָן, און זי האָט אויפגעלאַכט, האָט זיך גערויטלט, און אַ רעשיקע אַזאַ איז זי דערנאָך געפאָרן מיט אים פון וואָגזאַל אהיים, און רעשיק, מיט אַ געפילדער האָט מען זי באַגעגנט ביים טויער, אויפן שוועל, מען האָט זי אַרומגערינגלט, די גאַנצע שטוב, דוכט זיך, אַז וואַראַבעיטשיק איז אויך אַרויס פון זיין חדר, איז געבליבן שטיין אויפן שוועל, און סטערא האָט זיך פאַרהאַלטן אַ רגע, האָט צו אים אויסגעצויגן אַ האַנט, און זלמן האָט איצט אַלעמען פאַר-גונען און האָט זיך אָפן געגרויסט מיט איר.

סטערא האָט ניט געפרעגט ווי עס לערנען די קינדער, זי האָט נאָר אַריינגעגראָבן די פינגער אירע אין זייערע געקרייזלטע קעפּ-לאַך און איז געשטאַנען אַ פאַרטראַכטע, און אין שטוב איז נאָך לאַנג געשטאַנען דער יום-טוב פון איר קומען, אַ טאָג און צוויי און אַ וואָך, נאָר ביסלעכווייז האָט זיך עס אויסגעוועפּט, צערונען צווישן די פינגער, און ווידער האָבן זיך אָנגעהויבן די לאַנגע און ליידיקע טעג, ביז איינמאָל, ווען מען איז אַלע אינאיינעם געזעסן ביים טיש, ביים עסן, האָט סטערא באַריסאָוונאַ אָנגערירט וואַראַבעיטשיקס האַנט, ווי זי וואָלט אים אַ גלעט געטאָן מיט אירע ווייכע און וואַ-רעמע פינגער, און פאַרוואָס עסט ער ניט, ער עסט דאָך אַזוי ווייניק!

וואַראַבעיטשיק האָט אַ כאַפּ געטאָן זיין האַנט, האָט זיך גע-נומען פאַרענטפערן מיט צעטומלטע ווערטער, און ביי זלמנען האָבן געשוויגן די אויגן, נאָר איבערן טיש האָט זיך מיטאַמאָל אַ גאַס געטאָן אַ קאַלטקייט אַזאַ, ווי איין שטיק בלעך, אַז אַפילו די קינדער האָבן, דוכט זיך, אויך אַ ציטער געטאָן, און וואַראַבעיטשיק איז שוין דערנאָך קוים איינגעזעסן ביים טיש, און באַלד נאָכן עסן האָט ער זיך אויפגעהויבן דער ערשטער, און איז אַוועק צו זיך, און זלמן האָט מיטאַמאָל אַ קוק געטאָן אויף סטעראַן, אָפן אַזוי, אַז סטערא האָט דערהערט אין זיין קוק, ווי ער וואָלט איר אַ שליידער געטאָן

אין פנים אריין עפעס א וואָרט אזא, א גראָבן, אַ מיאוסן, און זי האָט זיך א כאַפּ געטאָן פון אָרט, איז אויפגעשפּרונגען, נאָר ביי זלמנען האָבן געשווינן די אויגן, טאַקע געשווינן, און סטערא איז דערנאָך געלעגן אין בעט, אָן אויסגעטאָנענע שוין, און זלמן איז אַפּריער געשטאַנען לעבן איר, און דערנאָך האָט ער ארומגעשפּאַנט אַהין און צוריק, און דערנאָך האָט ער זיך אויסגעצויגן אויפן בעט וואָס אנטקעגן, אין די זאַכן און א גלייכער ווי א סטרונע, און סטערא האָט נאָך אַלץ געטענהט און געמאָנט און אויפגעוואָרפן זאַכן וואָס זיינען געווען מיט יאָרן צוריק, אפילו די דריי חדשים וואָס זיי זיינען געווען חתן-כלה האָט זי אים איצט אויך דער-מאָנט, און זלמן האָט געשווינן די גאַנצע צייט, האָט געשווינן מיט ליפּן וואָס האָבן שטאַרק ווי געטאָן פון דער אייגענער דינער שאַרפקייט, אַזוי איינגעשניטן איז אַלץ געווען, נאָר ביי סטעראן וועט זיך עס גאָר קיינמאָל ניט אויסנעמען, עס איז אָן א סוף, און זלמן האָט זיך מיטאַמאָל אויפגעהויבן אינמיטן דערינען, האָט אָנ-געטאָן דעם פּוטער, האָט גענומען דעם שטעקן אין האַנט אריין און איז ארויס פון שטוב. — — —

סטערא איז דאָ פון אירע טענות אריבער אין א געוויין, נאָר דאָס האָט שוין זלמן ניט געקענט הערן, ער איז שוין געווען אינ-דרויסן, און די נאַכט אינדרויסן איז געווען אַן אויסגעשטערנטע און א בלויע, אַ בלויער הויך איבער שנייאיקע גאַסן, און שפּעט איז שוין אויך געווען, אז נאָר וואו ניט וואו איז נאָך ליכטיק גע-ווען אין אַ פענצטער, און דאָרט ביי יענער הויז מיטן ליכטיקן פענצטער האָבן זיך צענויפגעשאַרט אַסך שאָטנס, אַלערליי, אַ שאָטן ווי פון א מענטשן אָן א קאָפּ, און א שאָטן פלאַטשיק ווי א שיסל, און שניי איז אויך געלעגן אויף די דעכער, אויף די פאַרקאַנס, און זלמן איז געגאַנגען אַלץ ווייטער און ווייטער, ניט טראַכטנדיק וועגן דעם וואוהין ער גייט און נאָך וואָס ער גייט, ער האָט נאָר געוואוסט, אַז עס איז אים שוין נמאס געוואָרן, אַלץ מיט אַנאַנדער, נמאס ווי אַ ביטערע ציבעלע, נמאס ווי דער טויט, ביז ער איז אָט אַזוי געקומען אויפן וואָגזאַל, און דאָ האָט ער אַ קוק געטאָן אויפן לאַנגן וואַנט-זייגער, ווייל דער אויסגעצויגענער זייגער איז אים גלייך געקומען אנטקעגן, און אָט באַלד, אין א מינוט ארום, און עס קומט דאָך אַן

דער ביינאַכטיקער פּאַיעזד, און זלמן האָט א כאַפּ געטאָן אָנשרייבן א טעלעגראַמע אַהיים, אַז ער מוז אַוועקפאָרן, צוליב געשעפט, און מיטן שטעקן אין איין האַנט און מיט די עטלעכע מטבעות אויסגאַב פון דער טעלעגראַמע אין דער צווייטער, האָט ער זיך, א צעגויפּ־געגומענער אַזאַ, ווי דורכגעקראָכן דורך א לאָך, אַריינגעכאַפּט אין פּאַיעזד, וואָס האָט זיך דאָ פאַרהאַלטן א רגע ביי דער סטאַנציע, האָט זיך אָפּגעשטעלט נאָר צוליב אים דוכט זיך.

אין וואַגאָן איז געווען פינצטער און אָנגעוואָרפן, און זלמן האָט אָנגעטראָטן אויף עפּעס, האָט זיך א כאַפּ געטאָן, נאָר קיינער האָט זיך ניט אָפּגערופן צו אים, די שטילקייט און ענגשאַפט פון אָנגעוואָרפענע פּעק אין דער פינצטער, און זלמן האָט זיך אַראָפּ־געלאָזט אין א ווינקל, מיטן שטעקן אין איין האַנט און מיטן אויס־גאַב פון דער טעלעגראַמע נאָך אַלץ אין דער צווייטער, און דער פּאַיעזד האָט זיך א ריר געטאָן פון אָרט, ווי פון א שטויס, און האָט זיך מיטאַמאָל פאַנאַנדערגעלאָזט, האָט זיך אַוועקגעטראָגן, און עס איז אַזוי גוט געוואָרן פון דעם וואָס מען פאָרט טאַקע, מען פאָרט אַוועק, אַז זלמן האָט געקוקט מיט גרויסע אויגן, און פאַרביי דעם קאַרגן פענצטער זיינען געשוואומען די שנייאיקע פעלדער, האָבן זיך געוויגט אין דער לופטן, און זלמן האָט אָפּגעקערט דעם קאָפּ, האָט צוגעמאַכט די אויגן, ווי עס דרעמלען די אַלע אַנדערע פּאַסאַזשירן, וואָס האָבן זיך שוין אויסגעטיילט פון דער פינסטער־ניש, אַז מען האָט שוין געקענט דערקענען וואו עס זיצט א מענטש און וואו עס שטעקט א פּאַק, און זלמן האָט נאָך אַמאָל געוואָלט א קוק טאָן, נאָר ער האָט שוין געדרעמלט, און די טעלעגראַמע וואָס ער האָט געשיקט אַהיים האָט מען געבראַכט שפּעט נאָך האַלבע נאַכט, און סטערא האָט דערהערט אין שלאָף, אַז מען קלאַפּט, און זי האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט זיך אויפגעזעצט, און יאָ, מען קלאַפּט טאַקע, און פרעמד אַזוי, קאַלט אַזוי, און זי איז אַראָפּ פון בעט און האָט זיך מיט אימפּעט א לאָז געטאָן צו דער טיר:

— ווער איז?

— א טעלעגראַמע!

סטערא האָט ניט געוואוסט אויף דער רגע וואָס צו טאָן, ביז זי האָט זיך געכאַפּט, אַז זי שרעקט זיך, און א צעשראָקענע שוין האָט

זי געגומען רופן דעם לערער, רופן אימעצן, און ווראבעיטשיק איז ארויס פון זיין חדר, האָט אן עפן געטאָן די דרויסנדיקע טיר, האָט זי צוריק פארהאקט, און סטערא האָט א כאפּ געטאָן די טעלעגראמע, האָט זי אויף גיך איבערגעלייענט דאָ, ביים קארגן שיין פון נאכט-לאָמפּ, און האָט אראָפּגעלאָזט די הענט.

די טעלעגראמע איז א צעשפּרייטע אראָפּגעהאנגען ווי א צוגעקלעפּטע צו אירע פינגער, און סטערא האָט זיך אָפּגעקלעפּט פון אָרט, און ווראבעיטשיק איז איר נאָכגעגאנגען, און אין עס-שטוב האָט ער אויף דער גיך אָנגעצונדן דעם גרויסן הייננ-לאָמפּ, אז סטערא איז געבליבן א רגע מיט פארזשמורעטע אויגן, און ווראבעיטשיק האָט גענטער א טראָט געטאָן צו איר, פון רחמנות וועגן, און סטערא האָט זיך אראָפּגעלאָזט ביים טיש, און די האנט אירע מיט דער צוגעקלעפּטער טעלעגראמע צו די פינגער איז אזוי געווען אויסגעצויגן, ווי אויסגעשטרעקט צו אים, און ווראבעיטשיק האָט א כאפּ געטאָן די טעלעגראמע, האָט זי איבערגעלייענט, און עס איז דאָך גאָרניט, איז אוועקגעפאָרן, אויף א טאָג, געשעפט, נו איז וואס? נאָר סטערא איז געזעסן אין איין נאכט-העמד, און פון אירע אקסלען איז אראָפּגעהאנגען דער זיידענער שלאָף-ראָק, און ווראבעיטשיק האָט זיך שוין געכאפּט, אז ער קוקט, און סטערא האָט איצט געזען אין ווראבעיטשיקן דעם נאַענטסטן מענטשן וואס זי האָט נאָך אויף דער וועלט, און אי זי באקלאָגט זיך פאר אים און אי זי נעמט זיך איבער, אז זי וויל שטאַרבן, זי דאַרף שטאַרבן.

ווראבעיטשיק איז געוואָרן א פארציטערטער, און סטעראן איז גוט געווען פון דעם, אך ווי גוט, און ווראבעיטשיק האָט אריינגעכאפּט אירעביידע הענט, אז זי האָט ניט געקענט פאריכטן אויף זיך דעם שלאָף-ראָק, און ער האָט איר שטארק געדריקט די הענט אירע, אז סטערא האָט פּאמעלאך אראָפּגעלאָזט די אויגן, פון דעם זיסן ווייטיק וואס איז זיך ביי איר צעגאנגען איבערן גאנצן לייב, נאָר באלד האָט זי גרויס אויסגעשטעלט אויף אים א פּאָר אויגן, ווי פון שרעק, נאָר ווי עס קלאפּט א האָגל אינדרויסן אזוי האָט ווראבעיטשיק געהערט די ווערטער אירע וואס זי האָט גע-וואָרפן אויף אים, און סטערא איז מיט אמאָל אנטשוויגן געוואָרן,

און וואראבעיטשיק איז דערנאָך געזעסן אויפן ברעג פון דער קאַ־נאַפּע, איז געזעסן איינער אליין און מיט פארלייגטע פיס, א פוס אויף א פוס, און ווי אן איבערגעלאָזטע איז נאָך צוגעטוליעט געווען צו אים סטעראס אן אָפּגעדעקטע קני, און אויף דער קני, וואס סטערא האָט פארגעסן ביי אים, איז נאָך געלעגן זיין האנט, און אין דער לופטן האָט נאָך געציטערט דער גלאנציקער שאָטן פון א לאַך, פון א זיפץ און פון ווערטער אָן א זינען, נאָר סטערא האָט זיך מיטאמאָל א כאַפּ געטאָן, איז אויפגעשפּרונגען, אז ער האָט דערפילט לעבן זיך די ליידיקייט פון איר צוגענומענער קני, פון איר צוגענו־מענער ווארעמער פוס, און סטערא איז אָט אזוי געשטאַנען אנט־קעגן אים מיט איינגעגראָבענע הענט אין קאָפּ, נאָר וואראבעי־טשיקן איז עס ניט נוגע געווען און ער האָט זיך אָפּגעקערט פון איר, און סטערא האָט געמאכט מיט די ליפּן, נאָר א געשריי טאָן, אויסשרייען פון זיך האָט זי ניט געקענט, אזוי גאַנץ און קיילעכדיק איז געווען דער שרעק פון איר אומגליק, און וואראבעיטשיק האָט מיט בושה געקוקט אויף זיך, נאָר אויף זיך אליין.

און סטערא האָט ארויסגענומען די הענט פון קאָפּ, דיביידע הענט אירע, ווי דער שטומער געוויין פון א מענטשן וואס צאַפּלט זיך שוין אפילו ניט, און וואראבעיטשיק האָט דערהערט, אז זי וויינט, און ער האָט אויסגעצויגן א האנט, ניט קוקנדיק אויף איר, און האָט זי א גלעט געטאָן, אָן א ברעקל רחמנות, אָן א ברעקל אנ־טייל, און לאנג אויפן טאָג איז ער דערנאָך געשלאָפן ביי זיך, און אז ער האָט זיך אויפגעכאפּט, און איז אראָפּ פון בעט, און האָט זיך אָנגעטאָן, איז ער גלייך צוגעגאַנגען צו דער טיר, האָט שוין געוואָלט ארויסגיין פון חדר, גיין לערנען מיט די קינדער, נאָר דאָ האָט ער זיך מיט אמאָל דערמאָנט און עס האָט אים אזוי געפּלעפּט, אז ער האָט זיך א כאַפּ געטאָן פון דער טיר אוועק, און א צעטומלטער, א מבולבלער האָט ער זיך אראָפּגעלאָזט אויפן ברעג פון א שטול, האָט זיך א וויש געטאָן דעם קאלטן שטערן, און די איבערגעבלי־בענע האנט זיינע אויפן טיש האָט אזוי ביי אים געציטערט, אז ער האָט געקוקט אויף דעם א רגע, ביז ער האָט א כאַפּ געטאָן די האנט, ווי געוואָלט עפּעס באהאלטן, שטארק באהאלטן, נאָר דאָ האָט אָנ־געקלאפּט צו אים די דינסט, אז די באַלעבאָסטע איז קראנק, ליגט

אין בעט, און דער באַלעבאָס איז ניטאָ אינדערהיים, און אַז זי אַליין ווייסט ניט וואָס צו טאָן.

וואַראַבעיטשיק האָט אָפּריער ניט פאַרשטאַנען וואָס די דינסט וויל פון אים, ווער עס איז די באַלעבאָסטע, נאָר באַלד האָט ער זיך געכאַפּט, אַז סטערא איז קראַנק, קראַנק! און ער האָט זיך אַ ריס געטאָן, איז מיט שטאַרקע טריט דורכגעגאַנגען די עטלעכע חדרים און איז אַריין צו סטעראַן, און סטערא, אַז זי האָט אים דערזען, האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן, אַז זי האָט זיך אַזש אויפגעזעצט, נאָר באַלד איז זי צוריק געפאַלן אויף די קישנס, און די דינסט איז דאָ אויך געשטאַנען דערביי, נאָר זי איז ניט איבעריק געווען, אַזוי אָפּ־געדעקט, אַזוי אָפן איז שוין אַלץ געווען, און שוין נאָך אַלע רייד, און וואַראַבעיטשיק איז אַרויס פון חדר, איז אַרום פון שטוב, און וואָס ווייטער ער איז געגאַנגען פון שטוב אַוועק, אַלץ גיכער זיינען געוואָרן ביי אים די טריט, און געגאַנגען איז ער איצט, ניט גע־טראַכטערהייט, צו באַשע־ריווען, נאָר שוין אין שטוב ביי זיי האָט ער זיך מיט אַמאָל אָפּגעשטעלט, און באַשע־ריווע האָט געקוקט אַ פאַרוווּנדערטע, ווי זי וואָלט געוואַרט, אַז ער זאָל איר זאָגן גוט נאָוונט, נאָר ער האָט אינגאַנצן געשוויגן, געשוויגן אַזוי, אַז זי האָט פאַרגעסן אויף דאָס רויטלען זיך, האָט אים אָנגעכאַפּט ביים האַנט, און וואַראַבעיטשיק האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן, האָט זיך צוגענומען פון איר, און באַשע־ריווע האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס דאָ איז, און קוקנדיק אים שאַרף אין פּנים אַריין האָט זי קאַלט ביי אים אַ פרעג געטאָן, אַז אפשר וויל ער זען דעם טאַטן? דער טאַטע איז דאָרט, ביי זיך...

וואַראַבעיטשיק האָט זיך מיט אַמאָל דערפרייט, ווי אַ קינד, און אַ קינדיש־דערפרייטער איז ער גלייך אַריין צו ר׳ חיים־מאָטלען אין חדר, און באַשע־ריווע איז מיט צעפּלאָמטע באַקן צוגעלאָפן צו דער פאַרמאַכטער טיר, האָט זיך גענומען איינהערן וואָס און ווען, נאָר אין חדר איז נאָך געווען שאַ, שטיל, און זי האָט גאָרניט געהערט.

ר׳ חיים־מאָטל איז זיך, ווי שטענדיק, געשטאַנען ביי זיין שטענדער, און האָט זיך, ווי שטענדיק, געוויגט אַהין און צוריק, ווי דער געמאָסטענער אומרו פון אַ זייגער, און אַז ער האָט דערזען ביי

זיך וואראבעיטשיקן, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, ר׳ חיים-מאָטל, און וואראבעיטשיק האָט פול געשמייכלט, געלאכט אזש, ווי א קינד וואָס האָט זיך ארויסגעראטעוועט, און ר׳ חיים-מאָטל האָט געקוקט און געווארט, און וואראבעיטשיק האָט ערשט איצט ניט געהאט וואס צו זאָגן, וואָס צו טאָן, נאָר אויפן שטענדער פאר ר׳ חיים-מאָטלען איז געלעגן אן אָפענער ספר, און וואראבעיטשיק האָט זיך א צי-געטאָן צום גרויסן אלמער מיט ספרים, האָט פון דאָרט ארויסגעַ-נומען, מיט יידע הענט, א גרויסע גמרא און האָט זיך, מיט דער גמרא אין די הענט, אנידערגעזעצט אויף א באנק, מיטן רוקן צו דער וואַנט, ווי ביי א ווארעמער חרובע, און ביי ר׳ חיים-מאָטלען ארום די ליפּן האָט א שיין געטאָן א שמייכל פון ביטול, נאָר וואַ-ראבעיטשיק האָט שוין אויפגעמישט א בלאַט און האָט זיך שוין רעכט געשאָקלט, ער האָט שוין רעכט געלערנט, מיטן רעכטן ניגון, און ר׳ חיים-מאָטל האָט זיך צוגעזעצט צו אים, האָט אויך ארייג-געקוקט אין דער גמרא, און אפּריער האָט ער זיך נאָך א גלעט גע-טאָן די באָרד, א וויש געטאָן, איינמאָל און נאָכאמאָל און נאָכ-אמאָל, ביז ער האָט זיך שוין מער ניט געקענט אָפּהאלטן, און ער אליין, ר׳ חיים-מאָטל, האָט זיך שוין אויך פאנאנדערגעשאָקלט, און ניט ווי דער געמאָסטענער אומרו פון א זייגער, נאָר טאקע ווי אמאָל, אמאָל, אין דער ישיבה.

און באשע-ריווע איז נאָך אלץ געשטאנען אהינטער דער טיר, און זי האָט נאָך קיינמאָל ניט געהערט, אז דער טאטע זאָל אזוי לערנען, אויפן קול גאָר, און דער קול ביים טאטן איז געווען א שיי-נער, א הילכיקער, אז זי האָט ניט געוואוסט וועמען זי האָט איצט מער ליב, דעם טאטן צי וואראבעיטשיקן, נאָר עס האָט זיך איר שוין געדרייט דער קאָפּ, עס האבן זיך ביי איר געבראָכן די פיס פון אזוי לאנג שטיין, און זי האָט זיך אָפּגעקלעפּט פון דער טיר, און ווי מען שטופּט, ווי מען רוקט א גרויסע כלי אזא, וואס איז פול ביז די ברעגן, פול ווי אן אויג, אזוי איז זי אריין צו זיך אין דעם פינצ-טערן חדר, און האָט זיך דאָ, אין דער פינצטער, אויסגעצויגן אויפן בעט, אין די זאכן.

און סטערא איז נאָך אלץ געלעגן אין בעט, איז געלעגן דעם גאנצן טאָג און דעם גאנצן אויפדערנאכט, און איצט שלאָפן שוין

אלע אין שטוב, און אז וואראבעיטשיק איז אוועק פון דער היים האָט איר געזאָגט די דינסט, און סטערא איז איינע אליין, נאָר עס קלאַפּט ניט קיין טיר און קיינער קומט ניט אריין, קיינער ניט, און סטערא דערשלינגט שטיל און אָן ביטערקייט א טרער, און די נאכט ציט זיך ניט, געדויערט ניט, נאָר עס דאַרף אזוי זיין, עס איז נאכט, און ווי אינמיטן דער נאכט ברענט זיך שטיל אויפן קליינעם טישל, וואָס צווישן די צוויי בעטן, דער נאכט-לאָמפּ, אָן אָנגערוקטער מיטן געלן אבאזשור ביז אריבער די אויערן, און סטערא איז ווייטער אליין, וואס אזוי אליין איז זי נאָך קיינמאָל ניט געווען, נאָר אָט גיט מיטאמאָל א קלאַפּ די דרויסנדיקע טיר, א קלאַפּ און א טראָט, טריט, און סטערא דערקענט באלד, אז עס איז זלמן — זלמן! און זי גיט זיך א כאַפּ מיטן לעצטן אויפגעכאַפּטן אימפּעט, כאַפּט אויף זיך ארויף דעם שלאָף-ראָק, נאָר די פוס אירע קען בשום אופן ניט טרעפן אין שטעקשוך אריין, און זי גיט שוין צוריק א פאל אויפן בעט, מיט איבערגעבראָכענע פיס, מיט צעשפּרייטע הענט. — — —

סטערא ווייסט, אז זי חלשט, אז זי שטאַרבט, נאָר זי שרייט ניט, זי וויל ניט, אז מען זאָל זי ראַטעווען, אז זלמנס טריט, אזוינע ווי אלעמאָל, טרעטן איצט איבערן נאַקעטן מוח, אז עס איז גוט וואָס זי שטאַרבט, וואס עס איז שוין דער סוף, און זלמן טוט זיך דאָרט אוים ביי זיין בעט, און טאָן טוט ער עס פּאַמעלעך און לאַנג, ווי געצויגן די אָדערן, ער לאָזט ניט שטאַרבן, נאָר אָט ציט ער שוין אוים א האנט, וויל פּארלעשן דעם נאכט-לאָמפּ, און דאָ גיט ער א קוק צו סטעראן, פון דער זייט, פון א ברעג, ערשט סטערא ליגט גאָר א צעפּראלטע, ווי זי וואָלט זיך קוים דערשלעפּט אהער און האָט דאָ א פאל געטאָן, און זלמן גיט זיך שוין א וואָרף צו איר, כאַפּט זי מינטערן, און סטערא עפנט גרויס די אויגן, קוקט אים אָן, און זלמן בעט זיך שוין ביי איר א פולער מיט חרטה און אן איבערגעגעבענער צו איר פון קאָפּ ביז די פיס, און זי נעמט זיין האנט און טוליעט צו דער האנט צו איר פּנים, און זלמן שטייט איבער איר און ציטערט, ווי איבער א קינד, ווי איבער דעם גאנצן לעבן זיינעם, וואס איז נאָר א טראָפּן, ניט מער ווי א טראָפּן, און סטערא וויינט זיך פול פאנאנדער, מיטן גאנצן הארצן.

און דערנאָך, אסך שפּעטער שוין, ווען עס ברענט שוין ניט דער נאכט-לאָמפּ, און אינדרויסן ברעכט זיך שוין אויף טאָג, ליגט ער, זלמן, מיטן פּנים ארויף און מיט צוגעמאכטע אויגן, ער שלאָפט שוין אפּנים, און סטערא טוליעט זיך נאָך צו אים מיט איר לייב וואָס איז ווי דער לאבעדיק-ווארעמער איבערגוס, און מיט איר האנט, מיט אירע פינגער, וואס זיינען ווארים און שפּיציק, גראָבט זי אין די שיטערע האָר פון זיין באוואקסן הארץ, און אינדרויסן האָט זיך שוין געבראָכן אויף טאָג, ווען ווארצבעיטשיק איז ארוים פון ר׳ חיים-מאָטלס שטוב, און ר׳ חיים-מאָטל האָט זיך ניט אויפגעהויבן פון אָרט, האָט אים ניט ארויסגעבאגלייט ביז צו דער טיר, מען האָט עס ניט באדארפט, און צו ר׳ חיים-מאָטלען איז באלד אריינגעקומען באשע-ריווע, באלד נאָך ווארצבעיטשיקן און נאָך א לאנגער נאכט אזא וואס האָט זיך געוויגט פאר די אויגן, ווי א בלויער וואָלקן אויפן הימל, און ר׳ חיים-מאָטל האָט געקוקט אויף איר א פאר-טראכטער, האָט זיך אָנגעקוקט מיט איר, און דערנאָך האָט ער זיך אויפגעהויבן, איז צוגעגאנגען, און ניט פרעגנדיק ביי איר גאָרניט, מען האָט עס ניט באדארפט, האָט ער אריינגענומען דעם קאָפּ אירן אין זיינע ביידע הענט, האָט זי צוגעצויגן צו זיך, און האָט איר א קוש געגעבן אויפן שטערן.

V.

און אַט איז שוין דורכגעגאַנגען דער ווינטער און עס איז אָנגעקומען דער זומער, און דער אַלטער, ווינטערדיקער בוים, וואָס ביי פראַיקען צווישן די צוויי פענצטער צום גאַס, האָט זיך שטאַרק פאַנאַנדערגעבליט, איז פול באַוואַקסן געוואָרן מיט גרויסע און אָנגעגאָסענע בלעטער, און ביי פראַיקען אין זאַל איז ווידער שאָטנדיק און ווידער טונקל, עס האָט זיך דאָ גאָרניט געביטן, אפילו אויף א האָר אויך ניט, און א ניט-געביטענער זיצט זיך פראַיקע אין פוטעל, און דאָרט, ביים טיש, זיצט א מיידל צי א בחור, זיי בייטן זיך אליין פון זיך, נאָר זיי האבן אלע איין פנים און איין קול, און זיי דערציילן אים אלע, דעם גאַנצן טאָג, אז — — א סוחר האָט אָפּגעקויפט ביי א פּריץ זיבן און אכציק פּוד האָבער און דריי און ניינציק פּוד ווייץ, און אז איין פּערטל פון דעם האָבער האָט דער סוחר פאַרקויפט דערנאָך מיט א ריווח פון פינף רובל מיט צוויי און זיבעציק קאָפּיקעס, און איין פינפטל פון דעם ווייץ האָט ער פאַרקויפט מיט אן אַנווער פון פיר רובל מיט צוויי און אכציק קאָפּיקעס, טאָ וויפיל... און פּראַיקע שפּרינגט ניט אויף, צעשרייט זיך ניט, אז ער וועט אראָפּ פון זינען, טרייבט קיינעם ניט אוועק, און דער טאָג שטעקט דאָ ווייטער ווי א שטיין וואס מען האָט אָפּגערוקט פון וועג, נאָר אָט ברענט שוין דער לאָמפּ אויפן טיש, עס איז שוין ביינאַכט, און עס וועט שוין מער קיינער ניט קומען אהער, ניט באַשע-ריווע און ניט וואַראַבעיטשיק, קיינער ניט. פאַרוואָס?

באַשע-ריווע האָט טאַקע אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען, און אין איר נייער קלייד, מיט איר גאַנצן שטעל, האָט מען זי געקענט אַרויסזען צווישן אַלעמען, אז אפילו דער טאַטע האָט שטיל א זאָג געטאָן, ווי צו זיך אליין, אז זי איז אן אמתער בר-דעת, און זי האָט טאַקע אירם אויסגעפירט, באַשע-ריווע, און זי האָט איצט איר אייגענעם קלאַס, איז א לערערקע, נאָר אז פּראַיקע איז איינמאָל אריין צו איר, האָט ער דערזען פאַר זיך אסך פאַרפלאָכטענע צעפּלאָך און אסך —

אסך פאריסענע נעזלאך, און באשע-ריווע איז געשטאנען אינמיטן, ווי אן ארויסגעוואקסענע און מיט א צעבליטן פּנים, און פראַיקען איז אומעטיק געוואָרן, אזוי אומעטיק, אז ער איז שטיל ארויס פון קלאס, האָט שטיל פארמאכט נאָך זיך די טיר, נאָר באשע-ריווע האָט זיך גלייך א יאָג געטאָן נאָך אים, האָט צוריק אן עפן געטאָן די טיר און האָט אים אָנגעקוקט מיט אויגן, ווי זי וואלט אים געזאָגט מיט א כעס — עס געפעלט דיר ניט? און פראַיקע האָט זי שטארק געוואָלט ארומנעמען און צוטוליען צו זיך, און אין קיך האָט גע־ווארט אויף אים די מאמע, ווי ער וואָלט איר גערארפט געווען עפּעס דערציילן פון באשע-ריווען, און לעבן דער מאמען האָט זיך, ווי שטענדיק, געהאלטן די צווייטע שוועסטער זיינע, א גרויסע שוין, אן אויסגעוואקסענע, נאָר שטענדיק א צעשראָקענע אזא, אז רק זי טוליעט זיך צו דער מאמען, און פראַיקע האָט זיי ביידן ניט גע־קענט קוקן אין פּנים אריין — — — און ווארשאבעיטשיק האָט זיך שוין אויך ארויסגעקליבן פון די כאנינס, ער לערנט נאָך מיט זייערע צוויי קינדער, נאָר זיין ביי זיי שטענדיק, אויף קווארטיר, האָט ער מער ניט געוואָלט, ער דארף טראכטן אויף זיין לופט-באלאָן, האָט ער זיך א פארשעמטער געבעטן, האָט זיך פארענטפערט מיט אראָפּ־געלאָזטע אויגן, און ארויסגעקליבן האָט ער זיך ווייט אהינטערן שטאָט, צו אן אלטער גויע וואס האָט געהאט א גרויסע און ליידיקע שטוב מיט נידעריקע ווענט און קארגע פענצטער, און סטערא האָט מיט אזוי פיל דאנק אויסגעצויגן צו אים א האנט, ער איז דער איידלסטער מענטש אויף דער וועלט און זי האָט אים אמתדיק ליב, אלע דארפן אים ליב האבן, און זלמן איז אויך געווען צופרידן, שטאַרק צופרידן.

סטערא האָט זיך שוין מער ניט געקריגט מיט זלמנען, און אין אויסלאנד וועט זי דעם יאָר אויך ניט פאָרן, אוים, און זלמנען איז גאָרניט איינגעפאלן צו פרעגן עפּעס, צו וואונדערן זיך אויף עפּעס, ער האָט נאָר געשאָטן מיט גלייכווערטלעך וואס רירן שוין קיינעם ניט אָן, טרעפן קיינעם ניט איןביין אריין, נאָר מען האָט פון זיי הנאה, גלייכווערטלעך ווי צאצקעס וואָס ברייגגען א גרינגע פרייד און א גרינגן געלעכטער, און זלמן האָט זייער ליב געהאט צו הערן ווי סטערא לאכט, און ווארשאבעיטשיק איז שוין לאנג ניט געווען

ביי פראַיקען, פאַרוואָס קומט ער ניט? און פראַיקע קוקט אַמאָל אויף באַשע-ריווען, אַז זי לאָזט אַראָפּ די אויגן, פאַרבייסט מיט כעס א ליפּ און פראַיקע האָט אַזוי רחמנות אויף איר, אַז ער וואָלט אַליין געגאַנגען צו וואַראַבעיטשיקן, וואָלט געגאַנגען צו אים און וואָלט אים געזאָגט... פראַיקע האַלט דעם קאָפּ אויף דער ווײַ־כער וועגטל פון פוטעל און דרעמלט מיט צוגעמאַכטע אויגן, און דרעמלענדיק אָט אַזוי זעט ער, ווי עס איז אַרײַנגעקומען די גויע, און ווי זי מאַכט פאַר אים די בעט, און ער וויל אַז זי זאָל שוין אַרויסגיין, נאָר די גויע שטייט נאָך מיט צונויפגעלייגטע הענט און קוקט אויף אים, און, אַך, ווי זי זשאַלעוועט אים, ווי זי האָט אויף אים רחמנות, און פראַיקען אַרט עס ניט, ער האָט צו איר גאָרניט, נאָר ער האָט זי ניט ליב, פאַרוואָס? ער וויל אויף איר אָנ־שרייען. — — —

פראַיקע גייט שוין איצט אינערגעץ ניט, אפילו צו לייזער-בערן און צו שמואַלקען אויך ניט, און ביי לייזער-בערן אין דעם גרויסן מויער איז שטענדיק אַזוי שטיל, איבער די אַלע חדרים וואָס זיינען אַסך און איבעריק, און די שטילקייט איז אַן אײַנגעטוליעטע, א פאַרוויגטע, נאָר אָט, און עס וועט זיך נאָך אויפכאַפּן, פּלוצלונג, ווי עס קען זיך אויפכאַפּן א קינד פון זיין קראַנקן שלאָף, און עס ווילט זיך דאָרט ניט זיין, עס ווילט זיך וואָס גיכער אַוועק פון דאָרט, און צו שמואַלקען קומען שוין טאַקע ניט די חברים זיינע, ניטאָ, זיי קומען ניט, און שמואַלקע זיצט זיך דעם גאַנצן טאָג אײנער אַליין אין זיין באַזונדערן חדר וואָס איז די גרויס ווי א זאַל, און זיצן זיצט ער דאָרט ווי אויף-צו-להכעיס, ווי מיט טענות, און ביי לייזער-בערן פּלאַצט די גאַל, און אַמאָל, אַז ער קען עס שוין מער ניט אַריבערטראָגן, און ער צעברומט זיך אויף מלכהן, גיט זי זיך אַ קער-אום צו אים, קוקט אים אַפּריער אָן, און דערנאָך פרעגט זי ביי אים שטיל און רואיק און צו דער זאַך:

— וואָס איז?

נאָר עס איז דאָך גאָרניט, גאָלע גאָרניט, און לייזער-בער בלייבט שוין אויך זיצן ווי אויף-צו-להכעיס, ווי מיט טענות, און ביי מלכען קלאַפּט אין האַרצן, ווי עס קלאַפּט א קליינער, אַן אוי־דעלער זייגער.

אמאָל, מיט אסך יאָרן צוריק, ווען שמואלקע איז נאָך געווען א קינד, האָט אין שכנות מיט לייזער-בערן געהאט זיין גרויסן מויער ר׳ זאוול דער רימער, און ביי ר׳ זאוולען איז אויך געווען א קינד, אין שמואלקעס יאָרן, א מיידעלע מיט זיידענע האָר און מיט א גו-טער נשמה, און גערופן האָט מען דאָס קינד גיטעלע הארץ און גי-טעלע קרוין, און ר׳ זאוולס ווייב, א אידענע וואס האָט שטענדיק ליב געהאט צו ווארעמען די אייגענע הענט אירע ביי זיך אויפן בוזים, פלעגט אָפט קוקן אויף די קינדער ווי זיי שפילן זיך, שעפּן פון זיי נחת, נאָר האבן אים טאקע פאר אן אידים, דעם הארבאטן שמואל-קען, וואלט זי זיך פונדעסטוועגן ניט געוואונשן, זאל דער אויבערש-טער אויסהיטן!

ר׳ זאוול איז נאָך דענסטמאָל געווען א איד א נגיד, מיט א גרויסער קראָם אויפן מיטן מארק, און מיט דינסטן און פריקאז-טשיקעס, ביז ער איז איינמאָל געקומען צו לייזער-בערן, אינמיטן פון זיין גבירעשאפט, אז לייזער-בער זאָל ביי אים אָפּקויפן זיין מויער, בחצי חינם, אבי במזומן, און לייזער-בער האָט געקוועטשט מיט די אקסלען, אז אויף וואס דארף ער נאָך א מויער, נאָך א פוסטקע? און ר׳ זאוול האָט זיך דאָ אָפּן מודה געווען, ווי ביטער עס זאָל ניט זיין, אז זיין שותפות אין דער לעדער פאַבריק האָט אים אינגאנצן אומגליקלעך געמאכט, האָט אים ממש אָפּגעקוילעט אָן א מעסער, און אז אויב ער האָט איצט ניט די עטלעכע טויזנט רובל איז כאָטש פון בריק און אין וואסער אריין!

ר׳ זאוול איז א גרויסער איד, אן אָנגעשטאָפּטער, און לייזער-בער האָט זיך איצט אָפּגעקערט פון אים, ווי עס פארטראָגט ניט א געזונטער דעם קראנקן, און ר׳ זאוול האָט זיך דערנאָך ארויסגעע-קליבן פון זיין אייגענעם מויער און איז, ווי איבער א נאכט, גע-וואָרן א געפאלענער גביר, א געפאלענער באלעבאָס, און לייזער-בער האָט פאַנאַנדערגענומען דעם פּלויט און פון די צוויי באזונ-דערע הויפן איז געוואָרן איין גרויסער הויף, פון די צוויי גערטנער איין גרויסער גאָרטן, אז עס האָט שוין אויסגעקוקט, ווי אן אמתע, פריצישע אימעניע, אז כאָטש גיי און שיס דאָרט פויגלען, און דער מויער שטייט נאָך עד-היום א לידיקער, שטייט און ווארט אויף שמואלקען, נאָר שמואלקע איז א דזשיקאָן — — א דזשיקאָן!

די אמאָליקע גיטעלע איז שוין איצט א גאנצע גיטל ברוך־השם, און זי האָט נאָך אירע זיידענע האָר און איר גוטע נשמה, נאָר די אויגן זיינען ביי איר וואסערדיקע, זיי זאגן קיינמאָל גאָר־ניט, און א פּנים האָט זי א לאנגן, און אויסגעצויגענעם, און עפּעס א מילכיקן אזא, א מילכיק פּנים, און שמואלקע ווייסט, אז זי איז ניט קיין שיינע און ניט קיין קלוגע, נאָר שעהן גאנצע קען ער אָפּ־זיצן ביי זיי אויף דער אלטער קאנאַפּע, וואס איז איבערגעדעקט מיט א ווייסער, אויסגעפּרעסטער ליילעך, זיצן אָט אזוי און קוקן אויף גיטלען און גאָרניט ריידן, גאָרניט טאָן, און ר׳ זאוולס ווייב וואַ־רעמט נאָך דיביידע הענט אירע ביי זיך אויפן בוזים, און זי קוקט איצט אויף שמואלקען, ווי זי פלעגט שטענדיק קוקן אויף די קינדער, אמאָל, ווען זיי זיינען נאָך געווען קליינע, זיי האָבן זיך דאָך אויסגעהאָדעוועט אינאיינעם, נאָר ווינשן ווינשט זי זיך איצט ניט דאס וואס אמאָל, זי וואלט זיך איצט גריילעך געוואונשן, אז שמואלקע זאל טאקע ווערן איר איידים, און ר׳ זאוול אליין טראָגט ניט קיין שנאה אויף לייזער־בערן, חלילה, ווארום פארוואס? פאַר ווען? נאָר דער מויער איז דאָך פּאָרט געווען זיינער, און א ליידיקער, א פּוסטער, ווי דער מויער שטייט די אלע יאָרן, איז עס עפּעס ווי זיין אייגענע מצבה, ביי זיין לעבן, ווען ער לעבט נאָך, און אמאָל, אז ער גיט אָט אזוי אָ א פרעג ביי שמואלקען, אז וואָס מאכט דער טאַטע? גראָבן זיך טיפער ביי דער ווייב ביי זיינער די הענט אירע ביי זיך אויפן בוזים, און די ליפּן אירע, דער גאנצער מויל אירער ווערט אזוי אָנגעשטעלט, ווי זי וואלט צו אים א גע־שריי געטאָן מיט גאל:

— הער אויף, גזלן!

און ר׳ זאוול טרעט טאקע באלד אָפּ, מישט זיך שוין מער ניט, און ביי דער ווייב ביי זיינער צעשפּרייט זיך א שמייכל איבערן גאנצן פּנים, ווי זי וואלט מיט דעם עפּעס אונטערגעטראָגן שמואל־קען, און שמואלקע הויבט זיך שוין אויף, ער דארף שוין גיין אהיים, און אלע אין שטוב ווילן אים בעטן, ער זאל קומען וואס אָפטער, ער זאָל קומען, און גיטל באגלייט אים דערנאָך ארויס פון שטוב, באגלייט אים ארויס פון הויף, און איינמאָל, ווען שמואלקע איז שוין געשטאַנען אויף יענעם זייט פּלויט, און זי, גיטל, אויף דעם זייט

פלויט, און שמואלקע ווארט נאָך א רגע, שטייט נאָך א ווײַלע, ער וועט טאקע באלד אוועקגיין, נאָר דערווייל שטייט ער נאָך, האָט זי צו אים פּלוצלונג א זאָג געטאָן, אז ער איז טאקע א האָרבאטער, נאָר פונדסעטוועגן וועט ער זי ניט נעמען.

זי האָט עס אים געזאָגט אזוי, ווי זי וואָלט אים עפּעס דערציילט, גלאט אזוי דערציילט, נאָר שמואלקע האָט זיך א צאפּל געטאָן, איז מיטאמאָל געוואָרן ווי אָן אָנגעשטעלטער מעסער, און זי האָט אפריער ניט פארשטאַנען, און דערנאָך האָט זי זיך א צעשראָקענע גענומען פארענטפערן, אז ניט זי זאָגט עס אזוי, איר אָרט ניט, וואס אָרט איר? נאָר דאס זאָגט אזוי דער טאטע, וועט ער ווערט אויף איר אין כעס, וועט ער צעשרייט זיך אויף איר. — — —

גיטל פארענטפערט זיך נאָך, מיט הארץ, מיט שרעק, נאָר אָרן אָרט איר ניט, אז ער וועט זי טאקע ניט נעמען, טאָ וואָס אָרט איר? און שמואלקע שפּאנט שוין איבער דער גאָס, אז ער שניידט ממש די ערד מיט זיינע טריט, און גיטל שטייט און קוקט אים נאָך, נאָר אָרן אָרט איר ניט, אז ער וועט זי ניט נעמען, טאָ וואָס אָרט איר? נאָר אז זי קומט אריין אין שטוב, און דאָ קוקט אויף איר די מאמע, עס קוקט אויף איר דער טאטע, וויינט זי זיך פּלוצלונג פאנאנדער, און שמואלקע, אז ער קומט אהיים, קוקט ער זיך אויף קיינעם ניט אום, ער גייט גלייך אריין צו זיך און לייגט זיך דאָרט גלייך אריין אין בעט, אז כאָטש נעם און שיק באלד נאָכן דאָקטאָר, און לייזער-בער צעברומט זיך שוין אויף מלכהן, און מלכה קוקט אים אפּריער אָן און דערנאָך פרעגט זי ביי אים שטיל און רואיק און צו דער זאך:

— וואָס איז?

פראָיקע גייט שוין אינערגעץ ניט, צו קיינעם ניט, און אמאָל, אז ער גייט שוין יאָ ארוים פון שטוב, ווען דער הימל איז ווייט באשפּרינקלט מיט שטערן, און איבער דער גאס דרייען זיך ארום מענטשן, ווי ביי זיך אינדערהיים, מיט רייד, מיט געלעכטער, ציטערן דין אזוי אונטער אים די פיס, און אינגאנצן איז ער עפּעס, פראָיקע, אזא ווי א פארשיכורטער, און ער קען אזוי ניט אריבערטראָגן דאס וואס ער איז מיט אלעמען אינאיינעם, און וואס דער דרויסן האָט ניט קיין וועגט, איז אָן א סטעליע, אז ער קערט זיך

באַלד אום אויף צוריק, פון מיטן גאס, און אַז ער קומט דערנאָך אַריין צו זיך, לאָזט ער זיך גלייך אַראָפּ אין פוטעל, ציט מיט הנאה אויס די פּיס, אָן אָנגעהאַרעטעוועט, אָן אויסגעמאַטערטער, און שפּע־טער, אַז די גויע מאַכט שוין פאַר אים די בעט, קוקט ער און וויל זיך באַקלאָגן פאַר איר. —

און איינמאָל, געווען איז עס שוין סוף זומער, ווען ער איז אָט אַזוי צוריקגעקומען פון גאַס און האָט זיך, ווי מיט פאַרמאַכטע אויגן, געלאָזט גיין צום פוטעל, ערשט אין פוטעל איז גאָר געזעסן אַ פרעמדער מענטש, אַ מיידל, און פראָיקע האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט געקוקט ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטער, און די מיידל האָט זיך אויפ־געשטעלט, אַ גרויסע, אַ געזונטע, אַ מויד אַ גאַנצע, מיט שווערע הענט און מיט אַן אָנגעגאָסענעם פּנים, און זי האָט זיך נאָך אַלץ ניט אָפּגערוקט פון פוטעל, און פראָיקע האָט זיך נאָך אַלץ ניט געקענט אַנידערזעצן, ביז זי האָט מיטאַמאָל אַ קוק געטאָן אויף אים, און האָט גלייך אָנגעהויבן מיט געפּלאָנטערטע ווערטער, אַז ער קען זי דאָך, זי איז זעלדע יופּיטס, ר׳ צאַלע יופּיטס טאָכטער, אַ יאָ ער קען זי?

זי האָט איצט ווידער געקוקט אויף אים, און ווי זי וואָלט זיך געבעטן, און פראָיקע וויל איר זאָגן, אַז יאָ, ער קען זי, ער קען אַלע־מען, אַבי זי זאָל אָפּטרעטן פון פוטעל, נאָר זי לאָזט שוין ווידער אַראָפּ דעם שווערן, אָנגעגאָסענעם פּנים אירן, און הויבט שוין ווידער אָן צו פּלאָנטערן, אַז זי וויל זיך לערנען, זי וויל ווערן אַ לערערקע, נאָר דער טאַטע אירער לאַכט פון דעם, ער לאַכט זיך אויס, און זי איז אים איצט געקומען בעטן, אַז ער זאָל מיט איר לערנען אומ־זיסט...

פראָיקע הערט קוים וואָס זי רעדט, ער קוקט נאָר פאַרביי איר, אַרום איר, ווי ער וואָלט נאָר געמאָסטן, ווי אַזוי ער וואָלט זיך גע־קענט אַריינזעצן אין פוטעל, און ער זאָגט איר, אַז יאָ, יאָ אויף אַלץ, אויף איר יעדן וואָרט, און זי האָט ווידער אויפגעהויבן דעם פּנים, האָט אַ קליינעם שפּאַן געטאָן, האָט זיך אַ בויג־געטאָן, און פראָיקע האָט צוגעהיט די רגע און האָט זיך מיטאַמאָל אַ זעץ אַריין געגעבן אין פוטעל, אַז ער האָט זיך אַזש פאַנאַנדערגעלאַכט, עס האָט זיך אים איינגעגעבן, ער האָט טאַקע פאַרכאַפּט, און זעלדע האָט שוין

דערווייל אָנגעטאָן דאָס היטעלע, דעם מאנטל, און דערנאָך איז זי ווידער צוגעגאנגען, האָט אויסגעצויגן צו אים א האנט, און פראָיקען האָט שוין איצט ניט געאַרט, ער איז שוין גוט געזעסן, נאָר די האנט אירע, א גרויסע, א שווערע איז עפּעס געווען אזא ווארעמע, אז פראָיקע האָט זיך אזש אונטערגעהויבן, האָט זיך אויפגעשטעלט, און ערשט איצט, דוכט זיך, האָט ער זי ערשט דערזען, טאקע אויף צו דער אמתן, א הויכע, א גרויסע, אזא ווי ער איז אליין, און די האנט אירע איז נאָך אלץ געלעגן אין זיינער, ער האָט זי געהאלטן, צוגעהאלטן, און זעלדע האָט נאָך אלץ געוואַרט, געשטאַנען, גע-שמייכלט און געוואַרט, ביז זי האָט צום סוף ארויסגענומען די האנט אירע פון זיינער, איידל אזוי און חנעוודיק, ניט נאָך איר גרויס נאָך, נאָר עס האָט איר געפּאסט, זייער, און קליין און איבעריק איז שוין געווען דער אמתדיקער דאנק אירער, וואס זי האָט אים גע-דארפט געווען זאָגן, אזוי תקיף איז זי שוין געווען ביי זיך, ניט גע-טראכטערהייט, ניט פארשטאַנענערהייט, און א צעטראָגענע און מיט צעפלאָמטע באקן איז זי דערנאָך געקומען אהיים, און דער טאַטע אירער, ר׳ צאלע יופּיט, א איד מיט א שפּיציקער נאָז אויפן פּנים, מיט א שפּיציקער יארמולקע אויפן קאָפּ און מיט א סך בטול אין די אויגן, האָט איר גלייך אויפן אָרט אָפּגעציילט די עטלעכע ווערטער, וואס עס האָט איר געקומט, אז נו, וואָס, ער וועט דיך טאקע מאכן פאר א פּראָפעסאָרשע, דער ניט-דערפארענער דאָקטאר? נאָר זעלדע האָט אים, דוכט זיך, ניט געהערט, האָט זיך ניט אומ-געקוקט, אזוי פארנומען איז זי איצט געווען, ניט ווייסנדיק אליין מיט וואָס. — — —

און פּראָיקע איז דערנאָך ווידער געבליבן אליין, נאָך איר אוועקגיין, און שפּעטער, אז עס איז אריינגעקומען די גויע און האָט גענומען מאכן פאר אים די בעט, האָט ער זי שטיל געוואָלט צורופן צו זיך, און שטיל איר דערציילן, נאָר די גויע אליין איז ניט געווען שטיל, זי האָט געקלאָפּט מיט די קישנס, האָט געפּאטשט מיט די באָרוועסע טריט, און פּראָיקען האָט עס אזוי פאַרדראָסן, אז ער האָט אוועקגעלייגט דעם קאָפּ אויף דער הויכער און ווייכער ווענטל פון פוטעל, האָט צוגעמאכט די אויגן, און האָט פארגעסן אויף אלץ, אז אויף מאָרגן, שפּעט שוין אין אָוונט, ווען זעלדע איז ווידער

געקומען צו אים, געקומען און איז שטיין געבליבן ביי דער טיר, ביים טיש, האָט פּראַיקע געקוקט אויף איר און ניט געוואוסט ווער זי איז און וואס זי איז, נאָר אָט האָט ער זיך געכאפּט, ווי מען דערקענט פּלוצלונג א שאָטן, האָט זיך דערמאָנט אויף אלץ, און ער האָט זיך שוין א הויב געטאָן, א שפּאַן געטאָן, און האָט שוין גע-וואָלט כאפּן די ווארעמע האנט אירע, אלץ מיטאנאנדער, מיטן פרייד פון א קינד און ווי עס יאָגט זיך א קינד, נאָר זעלדע האָט אראָפּ-געלאָזט דעם פּנים, האָט אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

און אָט קומט זי שוין צו אים יעדן אָוונט, און אינדרויסן איז א פינצטערניש, עס איז שוין סוף זומער, אז אפילו בייטאָג איז אויך ניטאָ קיין זון, און ווי עס ווערט נאָר אָוונט, אזוי ווערט שטארק פינצטער, און אָפט רעגנט, עס גיסט, און אז עס רעגנט ניט, קלאפּט אין די פענצטער א טרוקענער ווינט, ווי מיט נאקעטע פינגער אויף די שויבן, נאָר זעלדע לאָזט ניט דורך, זי קומט יעדן אָוונט, און פּראַיקע לערנט מיט איר, כאָטש אויסלערנען וועט זי זיך גאָרניט, גאָרניט! נאָר זאגן עס איר קען ער ניט, ער וויל ניט, און ער צע-שרייט זיך נאָר אמאָל אויף איר, שרייט און קאָמאנדעוועט, און זעלדע שוויגט אים, שטענדיק שוויגט זי, און פּראַיקע גייט אמאָל מיט איר אינאיינעם ארויס פון שטוב, נאָך דעם ווי זיי לערנען אָפּ, ער גייט זי באגלייטן אהיים.

די נאכט איז א פינצטערע, כאָטש נעם זיך ארויס אַן אויג, און זיי טרעטןביידע, ביידע גלייך, נאָר דאָ איז זי עפּעס מער פון אים און זי היט אים טאקע אָפּ, זי ווייזט אים דעם וועג און ער פאָלגט וואס זי הייסט, און ביים בריקל שטעלן זיי זיך אָפּ, ווייטער גייען זיי ניט, און זי זאָגט אים ניט קיין גוטע נאכט, זי ציט נאָר אויס צו אים א האנט, און ער זאָגט איר אויך ניט קיין גוטע נאכט, ער זאָגט איר גאָרניט, און שפּעטער, אז ער קומט שוין אהיים, מיט אַן אומעט אויפן הארצן, ווי עס וואָלט אים אויף וואס באנג געטאָן, איז שוין פּארטיק פאר אים די בעט, און ער קען זיך לייגן שלאָפן, נאָר די גויע אליין שלאָפט נאָך ניט, ווי זי וואָלט נאָך אלץ געזעסן און גע-וואַרט אויף אים. —

זעלדע איז א הויכע און א געזונטע, און זי פּאסט זיך זייער גוט צו פּראַיקען, און אז זיי שטייען ביידע, אז זיי גייען ביידע,

איז א מחיה צו קוקן אויף זיי, און זאָל זי אים טאקע ליב האָבן, און זאָל ער זי אויך ליב האָבן, און די גויע וואַרט איצט, ביז ער לייגט זיך שוין אריין אין בעט, און דערנאָך פארלעשט זי דעם לאָמפּ, און פראַיקע שלאָפט שוין, ער האלט צוגעמאכט די אויגן, און די גויע גייט ערשט איצט ארויס פון זיין חדר, שטילערהייט אזוי און ווינ־שענדיק אים אל־דאָס־גוטס, און צום הארצן ביי זיך האלט זי צו־געטוליעט דעם אומעט, וואס איז ווי דער צלם וואס ווארעמט זיך שטענדיק ביי איר צווישן די ברוסטן.

און אָט איז שוין אָנגעקומען דער ווינטער, מיט א שניי, וואס האָט צוגעדעקט די געפראָרענע בלאָטעס, און אַלץ אינדרויסן איז ווייס, באדעקט מיט שניי וואס גלאַנצט אויף דער זון, און פראַיקע זיצט זיך אין זיין פוטעל, קוקט ארויס אין פענצטער, און ביים טיש ביי אים זיצט א מיידל, זאָגט פון א בוך ארויס, און די ווערטער אירע פאלן ווי די טראָפּנס פון א רינווע, און פראַיקע קוקט אין פענצטער ארויס, האָט הנאה פון דעם ווייסן שניי וואס בלענדעט אין די אויגן, ביז ער לייגט אוועק דעם קאָפּ אויף דער ווייכער ווענטל פון פוטעל, און עס דוכט זיך, אז ער דרעמלט.

נאָך דער מיידל וועט קומען אן אנדער מיידל, און נאָך דער אַנדער מיידל וועט קיינער ניט קומען, עס וועט זיין א ליידיקע שעה, ווי אן אויסגעבויסענער שטיק וואס איז איבעריק, און דערנאָך וועט קומען א בחור, און נאָכן בחור וועט אריינקומען די גויע און וועט אָנצינדן דעם לאָמפּ, און ערשט דערנאָך וועט קומען זעלדע, שפּעט שוין אין אָוונט, און זי וועט זיך אויך אנידערזעצן דאָרט ביים טיש און וועט אויך זאָגן פון א בוך, און ער וועט זיצן אָט אָ דאָ און וועט קוקן אויף איר, קוקן די גאנצע צייט, און אז ער וועט וועלן וועט ער זיך אויפהויבן און וועט צוגיין, נאָענט אזוי צו איר, און אז ער וועט ווייטער וועלן, וועט ער שרייען, וועט זיך ווארפן, און אז ער וועט ניט וועלן, וועט ער ניט שרייען. — — —

פראַיקע טראַכט ניט וועגן דעם אלעמען, נאָר ער ווייסט, אז אזוי וועט עס זיין, פונקט אזוי, נאָר דאָ איז גאָר אינמיטן דערינען געקומען צו אים ווארַאבעיטשיק, אינמיטן העלן טאָג, ווארַאבעי־טישק, און געקומען איז ער היינט ניט ווי זיין שטייגער איז אלע

מאָל געווען, ער האָט ניט אריינגעיאָגט און עס זיינען ניט געבליבן שטיין אָפן נאָך אים די אַלע טירן, נאָר ער האָט זיך עפעס אריינגעשניטן, א דינער, אַן אויסגעצויגענער און איז געבליבן שטיין אינמיטן חדר, אַז פראַיקע האָט געקוקט מיט ביידע אויגן, א מאָדנער וואראבעיטשיק עפעס היינט, און וואראבעיטשיק האָט שטיל דערציילט, גערעדט, מיט ווערטער וואס האבן זיך געריסן און קוים זיך ארויסגעריסן, צאַפלדיקע, פלאַטערדיקע, אַז דער לופט-באַלאָן זיינער איז שוין אינגאנצן פארטיק, און עס פליט טאקע, עס פליט!

אויף וואראבעיטשיקס פנים האָט ארומגעשוועבט א שמייכל, ווי ער וואָלט קראַנק געווען און וואָלט ניט געוואוסט פון דעם, און פראַיקע האָט ניט אויסגעשאָסן אין א געלעכטער, נאָר האָט זיך גאָר אָנגענומען פון אים, און ווי וואראבעיטשיק וואָלט אים אָנגענומען פאר א האנט, אזוי האָט זיך פראַיקע אויפגעהויבן פון פוטעל, איז מיט וואראבעיטשיקן ארוים פון שטוב, און ביידע אינאיינעם זיינען זיי דורכגעגאנגען איין גאס און א צווייטע און א דריטע, ביז עס האָט זיך אָפגעהאקט די שטאָט, ניטאָ מער קיין שטאָט, און דאָרט זיינען זיי אריין אין דעם גרויסן גויאישן הויף, און פראַיקע איז דאָ געבליבן ווארטן, און וואראבעיטשיק איז אריין צו זיך אין שטוב און איז באַלד צוריק ארויסגעקומען, און דאָ, אויפן מיטן הויף, האָט ער געגעבן פראַיקען צוהאַלטן אַ קעסטעלע אַזאַ, צוהאַלטן מיט ביידע הענט און מיט אַלע פינגער, און פראַיקע האָט געפאָלגט און האָט עס טאקע געהאַלטן אזוי, אָט ווי עס וואָלט געווען א נאָקעט לייב פון עפּס א חיה׳לע, א באַשעפעניש אַזאַ, און אינווייניק אין קעסטעלע האָט עס טאקע געאָטעמט, עס האָט זיך דאָרט געוואָרפן, געציטערט, און וואראבעיטשיק האָט אין דער קעסטעלע אַריינגעשטאָכן פון איין זייט א פליגל, און פון דער צווייטער זייט אַ פליגל, און דערנאָך האָט ער גענומען א פלאַטשיק-אויסגעפלאָכטענעם קאשיק, ווי א טיפער טעלער, און האָט עס צוגעבונדן צו דער קעסטעל, אויף אַלע פיר זייטן און אויף לאַנגע און דין-זיידענע שטריקלאַך, און דערנאָך האָט ער אין דעם קאשיק אריינגעזעצט די אַלטע קאַץ, א רואיקע, וואס אפילו איצט, אינם קאָשיק, האָט זי אויך, דוכט זיך, געדרעמלט, פון אַלטקייט, און דערנאָך האָט ער אָנגעדרייט די קעסטעלע, האָט א צי-געטאָן, א שלעפ געטאָן, און

פּראַיקע האָט דערפילט מיט א מאָדנעם שרעק, אז די קעסטעלע מיט אַלץ מיט אַנאַנדער גליטשט זיך שטיל ארוים פון זיינע הענט, רוקט זיך ארוים פון אונטער די פינגער, און ער האָט געכאַפּט קוקן אויף וואראבעיטשיקן, ווי געפרעגט ביי אים וואס צו טאָן, נאָר וואראַ-בעיטשיק איז געשטאַנען ווי א פארגליווערטער, ווי ניט קיין לע-בעדיקער, און ביי פּראַיקען האָט שארף דורכגעבליצט אין מוח — משוגע? נאָר דער לופּט-באַלאָן האָט זיך שוין דערוויל געוויגט אין דער לופטן, העכער פון א מענטשן, און אַלץ ווייטער אין דער לענג, ביז די קאַץ דאָרט אין קאָשיק האָט זיך פּלוצלונג א כאַפּ געטאָן, האָט זיך אויפגעשטעלט, האָט שארף אויסגעבויגן דעם רוקן און האָט זיך א וואָרף ארויסגעגעבן פון קאָשיק, אז פּראַיקע האָט זיך א יאָג געטאָן מיט צעשפּרייטע הענט, נאָר די קאַץ איז גלייך פארשוואונדן, ווי א צעשראָקענע מויז, און דער לופּט-באַלאָן האָט גענומען פאלן, פאלן, און איז געבליבן ליגן אויף דער ערד, איידל אזוי און לופטיק, ווי א זיידענער.

פּראַיקע האָט זיך אָנגעבויגן, האָט געוואָלט אנטאַפּן, און וואַ-ראבעיטשיק איז נאָך אַלץ געשטאַנען ווי א פארגליווערטער, ווי ניט קיין לעבדיקער, אז ער האָט אפילו ניט געקוקט, און פּראַיקע איז דערנאָך ארוים פון הויף און איז געגאַנגען, איין גאס און א צווייטע און א דריטע, ניט צום שטאָט צו, ניט אין שטאָט אריין, נאָר גלאַט אזוי געגאַנגען, ביז ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט זיך א וויש גע-טאָן דעם שטערן, און האָט הויך ארויסגערעדט — עס פליט! און איז נאָך מער צעטומלט געוואָרן, ווי פון דעם אליין, וואס ער האָט זיך געזאָגט אויפן קול, און א צעטומלטער האָט ער זיך גענומען ארומקוקן אוואו ער איז, ערשט ער שטייט לעבן זאקריציקים גרויסן גאָרטן, וואס פארנעמט די גאַנצע גאס, און ער איז מיט אמאָל שטאַרק אין כעס געוואָרן, און מיט כעס האָט ער שוין א שטויס גע-טאָן די פאָרטקע מיטן פוס, איז אריין אין הויף, און מיטן זעלבן כעס און מיט דער זעלבער פוס האָט ער דאָ א שטויס געטאָן אין טיר אריין פון דער רויטער, ציגעלנער הויז, וואס האָט געשמעקט מיט א צעפּאַלענעם קוימען, און אויף זיין קלאַפּן האָט זיך טאַקע באַלד גענומען עפענען די טיר פון אינווייניק, שווער און פארזשאַ-ווערט, און פּראַיקע איז אריין אין דער גרויסער קיך מיט די פענצ-

טער צום גאָרטן, מיט א פענצטער ביים זייט, נאָר טונקל איז דאָ פאָרט געווען, פינצטער.

פראָיקע קוקט זיך ארום, קוקט זיך גוט איין, און ער דער-קענט דאָ אלץ, עס איז דאָ טונקל ווי אמאָל, אמאָל, און ער שמייכלט אזש, קוועלט, און די גויע וואס האָט אים געעפנט די טיר, אן אלטע, אן איינגעהויקערטע, קוקט זיך גוט אין אים איין און דערקענט אים אויך, אודאי דערקענט זי אים, זי קען אלעמען, אפריער זיינען זיי יונג, קינדער, און זיי קריכן אלע צו זיי אין גאָרטן אריין גנבענען עפּל, און דערנאָך וואקסן זיי אויס, ווערן מיט בערד... א יאָ?

זאקריצקי אליין איז שוין אויך זייער אן אלטער פריץ, און דעם גאנצן ליכטיקן זומער דרייט ער זיך ארום איבער זיין אלטן, גרויסן גאָרטן, מיט א פארזשאַווערטער ביקס אין די הענט, וואס איז אים איבערגעבליבן פון עפּעס א מלחמה, דאָס איינציקע איבער-בלייבאכץ פון זיינע יונגע, אָפּיצערישע יאָרן, און אליין איז ער א נידעריקער, א גלייכער און א דארער, און נאָך זיין פּלייצע נאָך קען מען אים געבן ניט אכציק, נאָר אכצן, אזוי דין און גלייך איז ער, און אזאַ גיכן און לעבעדיקן טראָט האָט ער, און ער ווייסט, זאק-ריצקי, אז מען קריכט צו אים אין גאָרטן אריין גנבענען, און ער שרייט, אז ער וועט שיסן, און ער שיסט טאקע אמאָל, נאָר געטראָפן האָט ער נאָך דערוויל קיינמאָל קיינעם ניט, און אז ער שיסט און עס צעטראָגט זיך א קנאַל, און די אינגלעך שפּרינגען ניט טויט און ניט לעבעדיק ארויס פון זייער באהעלטעניש, פון אונטער די בוי-מער און צעלויפן זיך, ווי די האָזן, ווער אהער און ווער אהין, און איינער פארטשעפּעט זיך גאָר אויפן פּלויט און בלייבט אינגאנצן היינגען, אז ניט אהער און ניט אהין, שטייט ער דעמאָלט, דער אלטער זאקריצקי, און ווי עס וואלט אים שטארק הנאה געטאָן, די גאנצע שפּיל.

אָט אזוי איז דעם גאנצן זומער, און אין שטאָט זאָגט מען טאקע, אז זאקריצקי שיסט שוין, א בריה ווי זאקריצקי, און אז עס קומט אָן דער ווינטער, עס ווערט נאקעט און ליידיק אין גאָרטן, פארשפּארן זיי זיך ביידע אין דער רויטער, ציגעלנער שטוב מיטן איינגעפאלענעם קוימען, דער אלטער זאקריצקי און זיין אלטע דינסט, אז קיינער הערט זיי ניט און קיינער זעט זיי ניט, און אז

מען קלאַפּט אָן צו זיי, מען דאַרף שטאַרק קלאַפּן ביז וואַנען עס עפנט זיך די טיר, שיט די אַלטע אָן א פולן קאַשיק מיט עפּל, און מען גיט איר דערפאַר א פינף־קאָפּקינע, און די אַלטע האַלט דער־נאָך אין אירע הענט די גרויסע קופּערנע מטבע וואָס האָט דעם זעלבן קאָליר, ווי די איינגעדאַרטע פינגער אירע, און פרייט זיך ווי א קינד:

— פּיאַטאַק!

די אַלטע האָט שוין איצט גוט דערקענט פּראַיקען, זי ווייסט שוין גוט ווער ער איז, נאָר קיין קאַשיק האָט ער מיט זיך ניט מיט־געבראַכט, און זי זוכט און געפינט ביי זיך אַן אַלטן, א צעלעכערטן קאַשיק, ווי א טאָרבע, זשאַלעוועט עס א רגע און הויבט מיט אַמאָל אָן צו וואַרפן אהין עפּל, מיט ביידע הענט און גיך, גיך, ווי זי וואָלט געוואָלט עפּעס פאַרטומלען, פאַרגעסן, און פּראַיקע נעמט דערנאָך אויף זיך דעם אָנגעפּאַקטן קאַשיק מיט ביידע הענט, און די אַלטע גייט נאָך אים נאָך און פאַרהאַקט נאָך אים די טיר, שווער און פאַרזשאַווערט, און פּראַיקע גייט דערנאָך איבער גאַסן און גאַסן, מיטן קאַשיק אויף די הענט, ווי מען טראָגט צוגעטוליעט א קינד, גייט אָט אַזוי איבער דער גאַנצער שטאָט, און עס איז שווער פאַר אים, עס וועגט אַסך, און ער היט, שטאַרק, מיט אַלע זיינע אויגן, אַז עס זאָל זיך נאָר ניט אַראָפּקייקלען אַן עפּל פון קאַשיק אַרויס, און אַז ער קומט שוין אהיים, צו זיך, לאָזט ער עס אַראָפּ אויף דער ערד, אינמיטן שטוב, און אַליין זעצט ער זיך גלייך אַריין אין פוטעל, שפּרייט פאַנאַנדער די גלידער, און איז אָנגעהאָרעוועט צופרידן, שטאַרק צופרידן.

נאָר אָט קומט אַריין צו אים די גויע, זיין אייגענע גויע, זי דאַרף שוין אָנצינדן דעם לאָמפּ, און דאָ איז שוין אויך געווען די מיידל, און נאָך דער מיידל איז געקומען דער בחור, און זיי האָבן ביידע געוואַרט, — וואָס איז ער עס געווען דעם גאַנצן טאָג? נאָר דאָ דערזעט זי מיט אַמאָל דעם קאַשיק עפּל, און זי ווייסט ניט, פאַר־שטייט ניט, און זי בייגט זיך אָן, וויל עס צונעמען, און פּראַיקע קוקט אויף איר די גאַנצע צייט, אַז אָט, און ער וועט זי א פּאַק טאָן, און ער שיפּעט אַרויס פון צווישן די ציין:

— טשעפּע ניט!

די גויע ווייסט שוין איצט אינגאנצן גארניט, און פון פראַיקען רייסט זיך דער כעס, אז קוים וואס ער אָטעמט, עס ווערגט אים, און די גויע נעמט אראָפּ פון אים די אויגן אירע, און כאָטש נעם און שטעל אים אונטער די פּלייצעס און זאָל ער זיך קילן מיט דעם, זאָל ער אויסלאָזן צו איר דעם גאנצן כעס זיינעם, און זי בויגט זיך נאָך אמאָל אָן צום קאָשיק מיט עפּל, און וואַרט אָט אזוי, וואַרט, אז עס זאָלן זיך שוין אראָפּלאָזן אויף איר די קולאקעס זיינע, זי האָט דאָך אים אזוי ליב, אז זי וועט אים דערנאָך קושן די הענט, נאָר פראַיקע לאָזט זיך מיט אמאָל אָפּ, אינגאנצן, און עס אַרט אים שוין ניט, זאָל זי דאָרט, און דער גויע טרעפט עס ביז אין ביין אריין, זיין קאלטע פרעמדקייט צו איר, און זי גלייכט זיך אויס, גייט צו אים צו, און וויינענדיק שטיל און אָן טרערן זאָגט זי אים, אז זאָל ער זי שוין נעמען, זעלדען, און זאָל ער מיט איר חתונה האָבן, זי האָט דאָך אים אזוי ליב, ער זעט סיידן ניט?

פראַיקע גיט איר א גלעט די האנט, וואס ליגט ביי אים אויפן אקסל, ווי א פארוויגטער פון אירע גוטע רייד צו אים, און אויף מאָרגן, אז ער איז געגאנגען מיט זעלדען נאָכן לערנען, האָט זי באגלייט ביז צום בריקל, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט איטלאך ווײַלע, און האָט איטלאך ווײַלע געקוקט אויף איר, ווי ער וואָלט זיך שטארק געישובט צי זאָל ער זי טאקע נעמען און חתונה האבן מיט איר, יאָ צי ניט? און שפּעטער, ווען ער איז שוין געזעסן אָן אויסגעטאָ-נענער אויפן בעט, און די גויע איז געשטאנען און געוואַרט ביז ער וועט זיך אוועקלייגן און זי וועט קענען פארלעשן דעם לאָמפּ, האָט ער מיט גוטסקייט געקוקט אויף איר, און זי האָט זיך פארבאָרגן געדרויטלט און האָט אָפּגעהאקט געמורמלט:

— לייג זיך שוין, נו, לייג זיך שוין...

און האָט מיט אמאָל פארלאָשן דעם לאָמפּ, און פראַיקע האָט געהערט, ווי זי איז ארויס פון חדר, ווי זי האָט פארמאכט נאָך זיך די טיר, און ער האָט זיך מיט הנאה אויסגעצויגן אויפן בעט, האָט מיט הנאה צוגעמאכט די אויגן.

און וואראבעיטשיק איז זיך טאקע געקומען געזעגענען, אין עטלעכע טעג ארום, ער פאָרט טאקע אוועק, און פאָרן פאָרט ער אפריער קיין קיעוו און פון קיעוו קיין פעטערבורג, און געזעגנט האָט

ער זיך אפריער מיט פראַיקען, אָן א ברעקל בארימעריי, נאָר מיט א שטילן אומעט, ווי מען רעדט פון זאכן וואס זיינען געווען אמאָל, און דערנאָך איז ער געגאנגען צו ר׳ חיים-מאָטלען, און ר׳ חיים-מאָטל האָט אים אויסגעהערט א פארטראכטער און האָט צוגעלייגט צום סוף, ניט געזשאַלעוועטערהייט חלילה, נאָר ווי ער וואָלט דאָ עפּעס געמוזט יוצא זיין, אז עס איז טאקע א גלייכע זאך, זייער א גלייכע, א מענטש דארף טאקע אוועקפאָרן, און וואראבעיטשיק איז דערנאָך צוגעגאנגען צו באַשע-ריווען.

עס איז שוין געווען גוט פינצטער, עס האָט שוין פון לאנג געברענט דער לאָמפּ אויפן טיש, און באַשע-ריווע האָט אויף דער גיך פאַנאַנדערגעלאָזט דעם קלאָס, האָט אויף דער גיך אָנגעטאָן אויף זיך דעם מאנטל, א היטעלע, און זיי זיינען ביידע ארוים פון שטוב, נאָענט אזוי צווישן זיך, אז באַשע-ריווע האָט אים שיר ניט א כאַפּ געטאָן אונטערן האנט, און זי האָט געוואָלט לאכן, באַשע-ריווע, לאכן און רעדן און הערן, נאָר זי האָט געשוויגן, און וואראַבעיטשיק איז געגאנגען לעבן איר און האָט אויך געשוויגן, די גאנצע צייט, ביז זי האָט זיך מיט אמאָל אָפּגעשטעלט און האָט מיט אַמאָל אויסגעצויגן צו אים א האנט, מיט א פּלוצלונגדיקן כעס, נאָר מיט כעס און מער מיט גאָרניט, און וואראבעיטשיק האָט ארייננגע-נומען די האנט אירע, און עס האָט זיך אים אזוי געוואָלט צוזאָגן איר עפּעס, אויף שטענדיק, אויף אלעמאָל, נאָר ער האָט ניט גע-וואוסט וואס און ווען, און ער האָט נאָר געשמייכלט מיט די נע-באַכדיקע ליפּן, מיט די פארלאָרענע אויגן זיינע, אז באַשע-ריווע האָט אים דאָ איבערגעלאָזט אליין, אינמיטן דערינען, און האָט זיך איינע אליין געלאָזט גיין אויף צוריק, און וואראבעיטשיק איז גע-בליבן א רגע א געטראָפענער, א צעטומלטער, ביז ער האָט זיך א יאָג געטאָן נאָך איר, האָט זי אָנגעיאָגט, און זיי זיינען שוין ווידער געגאנגען, נאָר דאס איז שוין איבעריק געווען, דאָס גיין זייערס, און מיט יעדן טראָט איז עס נאָך געוואָרן נאָך שווערער, נאָך ער-גער, און אז זיי זיינען אָט אזוי צוגעקומען צום שטוב, האָט אים באַשע-ריווע א זאָג געטאָן די גוטע נאכט, פּונקט וויפיל עס האָט אים געקומט, און וואס וואראבעיטשיק האָט איר געענטפערט אויף דעם האָט זי שוין ניט געהערט, און עס האָט איר ניט געאַרט. — —

אַט אַזוי איז וואַראַבעיטשיק אוועקגעפֿאָרן פֿון שטאָט, און אוים וואַראַבעיטשיק, ניטאָ מער, אַז עס איז אַפֿילו ניט אָנגעקומען פֿון אים דער ערשטער בריוו אויך ניט, און באַשע־ריווע האָט קיינמאָל ניט גערעדט וועגן דעם מיט קיינעם ניט, האָט פֿאַר קיינעם ניט דערמאָנט זיין נאָמען אַפֿילו, נאָר פֿראָיקע קוקט אַמאָל אויף איר אַזוי, ווי ער וואָלט זי געוואָלט טרייסטן מיט דעם וואָס אים אַליין, פֿראָיקען, איז אויך ניט בעסער, זי גלויבט ניט? און באַשע־ריווע גיט אויף דעם אַ מאַך מיט דער האַנט, אַ דריי מיטן קאָפּ, און פֿראָיקע שמייכלט, עס געפֿעלט אים וואָס באַשע־ריווע איז אַזאַ, אַ פֿאָלגער מענטש, און ער וויל עס זאָגן דעם טאַטן, דערציילן עס פֿאַר אימעצן, נאָר ר׳ חיים־מאָטל איז נאָך אַלץ פֿאַרנומען מיטן אַרויסבאַגלייטן די טעג, ווי עס ציילט אַ קאַרגער זיין געלט ביים קאַרגן שיין פֿון פֿרעמדן דרויסן, און צייט וואַראַבעיטשיק איז אוועקגעפֿאָרן האָבן נאָך שטאַרקער אָנגעהויבן צו ציטערן די הענט ביי אים דערביי, ביי ר׳ חיים־מאָטלען, און זאָל טאַקע פֿראָיקע זען, זאָל ער וויסן, אַז מען דאַרף אוועקפֿאָרן, אַ מענטש דאַרף פֿאָרן!

נאָר פֿראָיקען איז איצט גוט ווען ער קומט אַהער, צו דער מאַמען און צו דער שוועסטער, און ער קומט טאַקע אָפֿט, און ראָכעגוטע, די מאַמע זיינע, ווייסט ניט פֿון אוניווערסיטעטן, און זי שטעלט גלייך אוועק פֿאַר אים אַ פֿולן טעלער, און מער וויל זי ניט, מער דאַרף זי ניט, אַבי ער זאָל נאָר עסן און זאָל הנאה האָבן, און פֿראָיקע עסט און האָט הנאה, אַז אַפֿילו פֿרומע, די צווייטע שוועסטער זיינע, וואָס טוליעט זיך שטענדיק צו דער מאַמען, שטייט איצט אויך איינע אַליין און נעמט ניט אַראָפּ פֿון אים די אויגן, ווי זי וואָלט נאָכגעמאַכט דער מאַמען, און פֿראָיקע וויל זי צורופֿן צו זיך, וויל איר זאָגן אַ גוט וואָרט, וויל הערן איר קול, זי איז דאָך ניט קיין שטומע, אוודאי איז זי ניט קיין שטומע, נאָר דאָ דערמאָנט ער זיך פֿלוצלונג, ווי מען דערמאָנט זיך אויף אַ ווייטיק וואָס ליגט פֿאַרבאָרגן אין די ביינער, אַז עס קען נאָך באַלד אַריינקומען דער טאַטע, אַהער, אין קיך אַריין, און קען נאָך אים כאַפּן ביי דער האַנט.

ר׳ חיים־מאָטל קומט טאַקע ניט אַריין, ער איז גאָר איצט אין שול, נאָר פֿראָיקע הויבט זיך שוין אויף און גייט אַוועק, און ראָכע־

גוטע פארלירט א קרעכץ, עס פאלט פון איר ארויס, און אין פּראָ־
קען וועקט זיך ניט קיין כעס צום טאַטן, עס ליגט נאָר שטום אין אים
דער אומעט, ווי א שטיין, און אַט קומט ער שוין ווידער צו זיך
און זעצט זיך ווידער אריין אין פוטעל, און אַט גייט שוין אוועק
דער לעצטער בחור און א לאנגע ווײַלע איז מער קיינער ניטאָ, אז
פּראָיקע מאכט אזש צו די אויגן, נאָר דאס געדויערט ניט לאנג, עס
קומט באלד זעלדע צו גיין, און פּראָיקע עפנט די אויגן, קוקט, און
זעלדע זעצט זיך אנידער, נעמט פאנאנדער די ביכער, און פּראָיקע
גיט זיך א הויב אויף פון פוטעל, גייט צו און זעצט זיך אויך אַני־
דער ביים טיש — אנטקעגן.

ביי זעלדען ווערט נאָך רויטער דער פּנים, גיסט זיך נאָך
שטארקער אָן, און די אויגן אירע גראָבן זיך אין בוך אריין, און
פּראָיקע ווייס זי נעמען, הײַנט אָדער מאָרגן, און וועט זי ברענגען
צו דער מאמען, צי באשע־ריוועז, און ער ציט אַזש דערבײַ אויס
די פּיס, ער האָט הנאה, נאָר זעלדע ווייסט ניט פון דעם אלעמען
און זי לערנט פון בוך ארויס, אזוי ווי אלעמאָל, און פּראָיקע קוקט
אויף איר, הערט וואס זי דערציילט, און זי ווערט אים שוין פרעמד,
ווי פרעמד און מיאוס עס איז אים דאָס וואס עס שטייט אין בוך,
אַז כאָטש נעם און לאָז זי דאָ איבער אליין, נאָר ער פוילט זיך, ער
וויל זיך ניט רירן פון אָרט, און ביי זעלדען זײַנען גרויס די ברוסטן,
אָן אָנגעפּאקטער בוזים, און אז זי זיצט אָט אזוי, אָן אײַנגעגראָ־
בענע אין די ביכער, שנײַדן זיך די ברוסטן אירע אין דעם שאַרפן
זוים פון טיש, אז עס דוכט זיך, עס טוט איר וויי, און פּראָיקע האָט
הנאה פון דעם וואס עס טוט איר וויי, און מיט הנאה ציט ער אויס
א האנט איבערן גאנצן טיש, גלאַט אזוי זיך, און נעמט ביי איר
אריין א ברוסט מיט אלע זײַנע צעשפרייטע פינגער. —

ער גיט א לאַך, א ברום, און זעלדע גיט זיך אינגאַנצן א צאַפּל,
שטעלט אויס א פּאָר אויגן, און די צעשפרייטע פינגער זײַנע גראָבן
זיך אלץ שטארקער אין איר ברוסט, מיט א צעשאָסענעם כעס שוין,
און ביי זעלדען גיסן זיך אָן די אויגן מיט טרערן און זי לאָזט שווער
אראָפּ דעם קאָפּ, מיט א פארשטיקטן אָטעם ווי א קרעכץ, און זי
שווייגט דערביי די גאנצע צייט, איז שטום ווי א געשלאָגענע, נאָר
פּראָיקע האָט ניט דאס געוואָלט, ניט דאָס, און די צעשפרייטע פינ־

גער זיינע דאָרט, וואס האלטן איר מיידלש-נאַקעטע ברוסט לאזן זיך מיט אמאָל אָפּ, נאָר צונעמען אינגאנצן די האנט זיינע פון דאָרט, קען ער עפּעס ניט, ער ווייסט ניט ווי אזוי, און ער קערט זיך אָפּ א פארשעמטער און ווי א אינגל, פאר וועמען אלץ איז ניי און טוט-ווייאיק פרעמד.

נאָר זעלדע אליין האָט שוין דערווייל איבערגעכאפּט דעם אָטעם, און זי זיצט און ווארט מיט זיין פּלאטשיק-שווערער האנט ביי זיך אויפן הארצן, ביז זי נעמט אריין די האנט זיינע אין אירע ביידע, קלעפּט זי אָפּ פון זיך און לייגט זי אנידער אויפן טיש, אָפּ-געהיט אזוי און געטריי, אז פראָיקע גיט מיט אמאָל א קוק אויף איר, און ביי זעלדען אין די אויגן שטייען טאקע טרערן, נאָר ווייגען וויינט זי ניט, און פראָיקען ווערט אזוי גוט, אזוי גרינג, אז ער גיט זיך אזש א כאפּ, און זעלדע הויבט זיך אויך אויף פון אָרט, און א רגע שטייען זיי ביידע אָט אזוי, איינער אנטקעגן דעם אנדערן, ביז פראָיקע מאכט א טראָט צו איר, נעמט זי ארום און גיט איר א שטאַרקן, אן אמתדיקן קוש.

זעלדע כאפּט זיך צוריק צו די ביכער, הויבט ווידער אָן, נאָר שוין, ביי די ערשטע עטלעכע ווערטער, וויינט זי זיך שטיל פאַנאַנ-דער, און פראָיקע שטייט לעבן איר, גלעט איר דעם קאָפּ און זאָגט איר, אז ער האָט זי ליב. — — —

און אויף מאָרגן, ווען ער איז געגאנגען אהיים, צו דער מאַמען און צו באַשע-ריוועז, האָט ער זיך אַפריער צוגעקעמט די צעשויבער-טע האָר, האָט זיך אביסל צוגעקעמט די באָרד, נאָר ראָכע-גוטע האָט גלייך אַוועקגעשטעלט פאר אים אַ פולן טעלער, און פראָיקע האָט זיך אנידערגעזעצט מיט א שטומען אומעט אויפן הארצן, האָט זיך אפילו ניט צוגערירט צום עסן, און פונדערוויטנס נאָר האָט ער גע-הערט, ווי באַשע-ריווע לערנט דאָרט מיט איר קלאס.

באַשע-ריווע האָט איצט א גרויסן קלאס, א פולע שטוב מיט קינדער, און זי לערנט מיט זיי דעם גאנצן טאָג, איז שטארק פאר-טאָן, נאָר אין אָוונט, אז מען צינדט שוין אָן דעם לאָמפּ, און די קינדער ליידיקן מיט אמאָל אוים די שטוב, אלע אינאיינעם, בלייבט זי, באַשע-ריווע איינע אליין צווישן די פיר פוסטע ווענט, און זי לאָזט זיך אראָפּ אויף א שטול, נעמט אריין דעם קאָפּ אירן אין די

ביידע אונטערגעשטעלטע הענט, און זי ווייסט איצט, ניט אויף א קאַטאָוועס, אז איר איז טאקע ניט גוט.

ביז איינמאָל, אין אַ מיטן טאָג, ווען צו ר׳ חיים־מאָטלען איז געקומען ר׳ נפתלי דער מלמד, וואס איז אויך אַ שטיקל שדכן און אַ שטיקל מעקלער, און ר׳ חיים־מאָטל האָט געהערט, וואס ר׳ נפתלי רעדט, גלאַט אזוי געהערט, פון יוצא וועגן, עס רעדט דאָך אַ איד וואָס האָט זיך מטריח געווען, איז באשע־ריווע פלוצלונג אריין צו זיי אין חדר, און זי איז גלייך צוגעגאנגען צו ר׳ נפתלי, און האָט אים גע־זאָגט הויך אויפן קול, אז דער טאַטע זאָל אויך הערן, אז זי איז מסכים, און זאָל מען זי קומען אָנקוקן, זאָל מען קומען, כאָטש ווער עס וויל!

ר׳ חיים־מאָטל האָט א שטארקן שפּאָן געטאָן צו איר, אזוי ניט אין שטאַט איז עס געווען און אזוי שטארק איז עס אים ניט אָנגעשטאַנען, נאָר באשע־ריווע האָט אים געקוקט גלייך אין פּנים אריין, ווי זי וואָלט זיך גאָר פארמאָסטן מיט אים, און ר׳ חיים־מאָטל איז שארף פון איר אָפּגעטראָטן און האָט זיך שארף אָני־דערגעשטעלט ביי זיין שטענדער, ווי ער וואָלט מיט דעם געלאָזט הערן, אז ער מישט זיך ניט, ער איז דערביי ניטאָ! נאָר שפּעטער, אז ר׳ נפתלי איז שוין אוועק, און ר׳ חיים־מאָטל האָט אים ניט גע־ענטפערט אויף זיין גוטן טאָג, וואס ר׳ נפתלי האָט איבערגעחזרט צוויי מאָל, און באשע־ריווע איז נאָך אַלץ געשטאַנען אין חדר, האָט ר׳ חיים־מאָטל א קוק געטאָן אויף איר, און באשע־ריווע איז געשטאַנען צו אים מיטן רוקן, נאָר ר׳ חיים־מאָטלען האָט זיך אויס־געוויזן, אז זי וויינט, און ר׳ חיים־מאָטל האָט דאָ מיט אמאָל באַ־נומען, אז זי איז טאקע גערעכט, אז מען טאָר ניט אזוי, און ער איז אזוי אין כעס געוואָרן, אז ער האָט אַן אויפגעבראכטער ארויס־גערעדט א הארב וואָרט — אויף פראָיקען.

באשע־ריווע האָט מער גאָרניט געזאָגט דעם טאַטן, און ר׳ חיים־מאָטל אליין האָט אויך מער ניט גערעדט מיט איר וועגן דעם, און אז עס איז דורכגעגאנגען א טאָג און צוויי איז עס געוואָרן א פאַרגעסענע זאך, נאָר אין א וואָך ארום, אין א מיטן פרייטיק, ווען באשע־ריווע האָט געראמט די שטוב, איז פלוצלונג אָנגעלאָפן צו זיי

ר׳ נפתּלי, און געקומען צולויפן איז ער איצט מיט פולע הענט און אליין אויך א פולער, נאָר דאָ איז פון איין זייט געשטאַנען באַשע-ריווע, און פון דער צווייטער זייט האָט ר׳ חיים-מאָטל באַלד אָן עפן געטאָן די טיר פון זיין חדר און איז געבליבן שטיין אויפן שוועל, און ר׳ נפתּלי האָט שוין עפּעס ניט געוואוסט ווי אַזוי מען דערציילט עס זיי, ווי אַזוי מען רעדט צו זיי, און אַנשטאָט רעדן, ווי א שדכן, האָט ער גאָר אָנגעהויבן צו שטאַמלען, ווי ער וואָלט זיך געדאַרפט גענוען פאַרענטפערן, ווי ער וואָלט געוואוסט, אַז דאָ דאַרף מען יוצא זיין, און באַשע-ריווע איז אינגאַנצן בלייך געוואָרן, ווען זי האָט דערהערט, אַז מען איז שוין אַראָפּגעקומען אין שטאָט אריין, מען איז זי טאַקע געקומען אָנקוקן, ניט דאָס האָט זי דאָך געוואָלט, ניט דאָס, און ר׳ נפתּלי האָט אויף דער גיך, ווי אָפּגע-כאַפּט, דערציילט, אַז דער יונגער-מאַן הייסט בן-ציון, א פיינער יונגערמאַן, און אַז געקומען איז ער ניט אליין, חלילה, נאָר מיט א פעטער, וואָס איז ר׳ הערש דער כאַרקיווער, און ווער ר׳ הערש דער כאַרקיווער איז, דאָס דאַרף מען דאָך קיינעם ניט זאָגן, דאָס ווייסט דאָך די גאַנצע וועלט, און ער, דער פעטער ר׳ הערש, גיט טאַקע גוט אַכטונג, מיט דעם אויבערשטנס הילף, אויף זיין שוועס-טער, דער אַלמנה, וואָס איז בן-ציונס מאַמע, און אויף אַלע אירע ניין קינדער, זאָלן געזונט ווערן, וואָס בן-ציון איז דער עלטסטער פון זיי.

ר׳ נפתּלי האָט ערשט איצט, ביים סאַמע סוף, דערזען, אַז דער יחוס-צעטל איז גאָר ניט אַזאַ, וואָס מען זאָל דאַרפן מיט אים אַראָפּ-פאַלן, און ער איז מיט אַמאָל תּקיף געוואָרן ביי זיך, און ער האָט שוין הויך אויפן קול און ניט געאיילטערהייט אָנגעהויבן ציילן און חשבונען ר׳ הערש דעם כאַרקיווערס האָב און גוטס, וויפיל בהמות ער פאַרמאָגט און וויפיל פערד און וויפיל שעפסן, און ווי אָנגעלייגט ער איז ביים פּריץ, און ר׳ חיים-מאָטל האָט עס שווייגנ-דיק אויסגעהערט, האָט עס שווייגנדיק אַראָפּגעשלונגען, און א שווייגנדיקער איז ער דערנאָך געגאַנגען מיט זיי אין שול אריין, און דער יונגער-מאַן בן-ציון האָט דאָ געקוקט אויף אַלץ און אַלץ איז אים דאָ געפעלן געוואָרן, — פיינע גאַסן, א פיינע שטאָט! און דער פעטער ר׳ הערש, וואָס האָט פון שטענדיק אָן די גאַנצע דעה, האָט

איצט צו אלץ מיט אים מסכים געווען, ווי מען פארגינט זיך נאָכ־געבן איינעם, וואס איז שטארק גערעכט.

אליין איז בן־ציון א דארער, א קליינער, מיט אָרעמע ברילן אויפן פנים און איינגאנצן עפעס אן אָפּגעקראָכענער, א פארשטויב־טער, אז אפילו די נייע בגדים זיינע, וואס ער טראָגט איצט אויף זיך, קוקן אויך אויס ווי געליענע, ער אליין פארמאָגט, דוכט זיך, גאָרניט, און דער פעטער זיינער, ר׳ הערש דער כארקיווער איז א איד מיט אָפּגעמאָסטענע פּלייצעס, מיט א רויטער באָרד און מיט א שווערן טראָט, ווי אין גרויסע שטיוול, און ר׳ חיים־מאָטל האָט נאָך אלץ געקוקט אויף זיי, ווי זיי וואלטן ביידע געווען טשיקאווע זאכן אזוינע, זייער טשיקאווע, נאָר אָן א ברעקל שייכות צו ר׳ חיים־מאָטלען, אז עס גיט אפילו א שווער א שמייכל ווי א שאָטן, און באשע־ריווע האָט זיך שוין אויך געזען מיט בן־ציונען, איינמאָל און נאָך אמאָל, און זי האָט געוואָלט אויסשיסן אין א געלעכטער, נאָר עס האָט זיך איר ניט געלאכט, און פון דעם וואס זי האָט ניט גע־קענט אויסשיסן אין א געלעכטער, איז זי געבליבן שטיין א צע־טומלטע, א דערשראָקענע, אז זי וועט באלד צוגיין צום טאַטן און וועט זיך באקלאָגן פאר אים, ווי עס באקלאָגן זיך קינדער אויף אַן אומרעכט, נאָר פונקט ווי זי האָט ניט געקענט לאכן, אזוי קען זי זיך ניט באקלאָגן, און דערווייל האָט זי נאָך אמאָל גערעדט מיט בן־ציונען, און דין ווי א פאָדים האָט זיך איינגעשניטן אין איר, אז — אפשר יאָ? אפשר טאקע?

אין חדר איז געווען פינצטער, טונקל, עס האָט ניט געברענט דער לאָמפּ, עס האָט נאָר אריינגעשיינט די לבנה און א שטיק שניי־איק הימל, און באשע־ריווען איז איצט ניט אָנגעגאנגען בן־ציון, ניט ווער ער איז, ניט וואס ער איז, זי האָט זיך נאָר געקוויקט מיטן כעס, וואס זי טראָגט אויפן טאַטן, צום ברודער, פון נעכטן און פון פאר־א־יאָרן, און זי איז שוין איצט גאָר ניט אָראָפּגעפאלן ביי זיך, קיין האָר אויך ניט, און ר׳ חיים־מאָטל האָט נאָך אלץ געשוויגן, אָט ווי עס וואָלט גאָרניט כדאי געווען צו פארלירן א וואָרט אפילו, ביז ער האָט זי פאָרט אריינגערופן צו זיך אין חדר אריין, האָט שטיל און מיט די אייגענע הענט פארמאכט נאָך איר די טיר, און האָט דערנאָך שטיל א פרעג געטאָן ביי איר, אז קיינער זאל עס נאָך,

חלילה, ניט דערהערן, אז וואס איז עס? זי וויל אים טאקע? און באַשע-ריווע האָט אים געקוקט גלייך אין פּנים אריין, מיט איר כעס ווי א צעבליטער בוים, און האָט אים פּונקט אזוי שטיל געענטפערט, אז יאָ!

ר׳ חיים-מאָטל האָט אזש א טראָט געטאָן פון איר אויף צוריק, און איר איז אזוי גוט געווען פון דעם, אז זי האָט נאָך אמאָל איבערגעחזרט, וואָרט ביי וואָרט, אז יאָ, זי וויל אים, ווי זי האָט שטענדיק געוואָלט אויף זיך דעם טויט, נאָר ר׳ חיים-מאָטל איז שוין ניט אויפגעקאָכט געוואָרן, ניין, ער איז דאָ געשטאַנען פּנים אל פּנים מיטן אומגליק, וואס איז ניט אראָפּגעפאלן, ווי א דונער פון הימל, נאָר איז געקומען צו אים אין שטוב אריין, ווי עס קומט דער טויט, אשטייגער, נאָך א לאנגן קראנק זיין, און ערשט שפּעטער, נאָך מעריב שוין, איז ר׳ חיים-מאָטל געגאנגען צו פראָיקען, אז אפשר קען מען נאָך ראטעווען, אפשר דארף מען זיך מישב זיין, נאָר פראָיקע האָט שוין אויך געזען דעם חתן און זיין פעטער, ער האָט שוין אויך געוואוסט פון אלץ, און ער איז איצט געזעסן אין זיין פוטעל אן אָפּגעלאָזענער, א צעשוואומענער, א גלאמפּ מיט צוויי אויגן, אז כאָטש נעם און פּאטש אים איבער די באקן, און ר׳ חיים-מאָטל האָט שטיל געקוקט, האָט לאנג געשוויגן, ביז ער האָט פלוצלונג ארויסגערעדט צו אים, ווי געריסן מיט די נעגל, ווי געהאלטן אין דער האנט א שארפן מעסער:

— מזל טוב, באַשע-ריווע ווערט א כלה.

פראָיקע האָט אינגאנצן אויפגעציטערט, ווי פון א שפּריץ אויפן נאקעטן לייב, און ר׳ חיים-מאָטל האָט זיך געלאָזט ארויסגיין, אוועקגיין, זייער שטיל, מיט זייער איינגעהאלטענע טריט, און אויף פראָיקען איז מיטאמאָל אָנגעפאלן א שרעק, אז ער האָט זיך א כאַפּ געטאָן, ווי פון שלאָף, נאָר ר׳ חיים-מאָטל האָט שוין פארמאכט נאָך זיך די טיר, און פראָיקע האָט זיך שטארק צוגעהערט, און אז ער האָט דערהערט די טריט, האָט ער הויך און פול אָפּגעכאפּט דעם אָטעם און איז ווייטער געבליבן זיצן אין פוטעל.

און ר׳ חיים-מאָטל איז געקומען אהיים, און זאָלן זיי אפריער אוועקפאָרן, דער יונגער-מאן בן-ציון און זיין פעטער ר׳ הערש דער כארקיווער, זאָלן זיי שוין אוועקפאָרן, מיט אזוי פיל זאכן האָט זיך

איצט ר׳ חיים-מאָטל געדראפּט געווען ספּראווען, נאָר בן-ציון, און אָפּגעקראָכענער דוכט זיך, א פאַרשטויבטער, איז פול געווען אין יעדן ווינקל, אז פון יעדן ווינקל האָט זיך געהערט זיין קול, און ר׳ חיים-מאָטל האָט ניט געקענט צונויפנעמען די רעיונות זיינע, וואָס האָבן זיך געטראָגן אין אלע זייטן, ווי צעשאָסענע, האָט ניט געקענט איינהאלטן וואָס עס האָט זיך געבראָכן, א שטיק נאָך א שטיק, אז עס וועט שוין, דוכט זיך, באלד גאָרניט בלייבן, און ר׳ חיים-מאָטל האָט עס נאקעט געזען, נאָר טאָן עפּעס דערביי האָט ער גאָרניט געקענט, מען האָט אים ניט געלאָזן, עס איז ניט געווען קיין איין מינוט רו, און ער האָט זיך שוין א פּאָר מאָל אָפּגעקערט פון ר׳ הערשן דעם כארקיווער, וואָס איז, ווי א פלאָקן, געשטאַנען פאַר די אויגן, האָט שוין א פּאָר מאָל אריינגערופן צו זיך באשע-ריווען, נאָר באשע-ריווע איז פול געווען מיט עקשנות, פול מיט גאָל, ווען עס האָט געפּרואווט רעדן צו איר דער טאטע, ווען עס האָט גערעדט צו איר פראָיקע.

זי האָט ניט נאָכגעגעבן, זי האָט זיך גאָר ווי געריצט, און ר׳ חיים-מאָטל האָט געוואוסט ביי זיך, אז זי וועט טאקע אויסהאלטן, ביז צום סוף, אז א מענטש טוט צו-להכעיס ווייסט ער ניט וואָס ער טוט, נאָר ערגעץ וואו האָט נאָך געשטעקט א שטיקל האָפענונג, ווי א פאַרבאָרגענע שפּארונע אין דער געמויערטער וואנט, און דערווייל איז שוין אָט אזוי דורכגעגאנגען נאָך א טאָג און נאָך א טאָג, און בן-ציון איז ניט אָפּגעטראָטן פון באשע-ריווען און האָט אלץ גע-רעדט צו איר — אָך, ווי ער האָט גערעדט, ניט מיט שיינע ווערטער, ניט מיט שיינע רייד, נאָר ער וועט איבערקערן א וועלט און וואָס וועט ער ניט טאָן? און באשע-ריווע האָט אים געהערט ווי מיט צו-געמאכטע אויגן, זייער אן אויסגעמאַטערטע, און עס האָט זיך איר אזוי געוואָלט גלויבן אין דעם, וואָס בן-ציון רעדט, וואָס ער זאָגט איר צו — — —

ער איז שוין, ברוך השם, ניט קיין אינגעלע, ער האָט שוין געדינט אין סאָלדאטן אויך, און מען האָט אים שוין גערעדט אסך שדוכים, ער ווייסט, נאָר דאָ איז עפּעס אנדערש, דאָ איז א ליבע, א באשערטע זאך, און באשע-ריווע האָט ניט געטראכט בעת-מעשה וועגן וואראבעיטשיקן, זי האָט זיך נאָר דערמאָנט אויף אים, ווי

מען דערמאָנט זיך אמאָל, וואס פאר א קלייד מען האָט געטראָגן, אשטייגער, אין יענעם און אין יענעם טאָג, און עס איז איר גוט געווען פון דעם, וואס בן-ציון זיצט איצט לעבן איר און רעדט אָט אזוי אָ, זי האָט דערביי געדרעמלט, גערוט.

און בן-ציון האָט איינמאָל פאר אלעמאָל געוואָלט וויסן — יאָ, צי ניין? ווייל אנדערש רירט ער זיך ניט פון אָרט, אנדערש פאָרט ער ניט אוועק, ווייל אנדערש לוינט זיך אים ניט אינגאנצן צו לעבן, און געווען איז ער דערביי אזא, אז באשע-ריווע האָט אים געוואָלט א גלעט טאָן, צוטוליען אים צו זיך, און אָט איז ר׳ חיים-מאָטל גע-קומען פון שול, און דאס גיין פון שול האָט ביי אים לאנג גע-דויערט, ווייל דער טראָט ביי ר׳ חיים-מאָטלען איז איצט זייער א פאמעלעכדיקער, ווי ער וואָלט זיך איטלעך ווײלע געוואָלט אָפּ-שטעלן און אומקערן זיך אויף צוריק, ערשט אין דער גאנצער שטוב איז מאָדנע ליכטיק, עס ברענען אלע לאָמפּן, און עס זיינען טאקע ניטאָ קיין סך מענטשן, נאָר עס איז עפּעס א פולע שטוב, און אי-בערן שטוב דרייט זיך נאָך ארום דער שמש ווי א מחותן, און ביי ר׳ חיים-מאָטלען ציטערן בלייך די ליפּן, ווי ביי א פארבלאָנדזשעטן, און אינגאנצן איז ער מיט זיין באָרד און פּנים און הענט וואס שטעקן אין דער לופטן אזוי וויים, ווי דער אקאָרשט געפאלענער שניי, און אָט האָט מען געגעבן באשע-ריווען אין די הענט אריין א ברעג טיכל און דעם צווייטן ברעג האָט געהאלטן בן-ציון, און ביי אימעצן פון מויל האָט זיך ארויסגעכאפּט, ארויסגעפאלן — מזל-טוב! און עס איז ווידער שטיל געוואָרן, און באשע-ריווע האָט געקוקט אויף אלעמען, ווייל אלע, דוכט זיך, האָבן געקוקט אויף איר, ביז זי האָט דערזען דעם טאַטן, האָט אים דערזען און ער האָט זי דערזען, און זי האָט זיך מיט אמאָל א וואָרף געטאָן צו אים, מיטן קאָפּ צו אים אויפן אקסל, און ערשט איצט, דוכט זיך, האָט זי זיך איבערגעבעטן, אויף צו דער אמתן, ווי א קינד.

ארום זיי איז געוואָרן א טומל אָן ווערטער, אן איינגעהאל-טענער רעש, און ר׳ חיים-מאָטל איז ניט געווען אין כעס, אויף קיינעם ניט, אז ער האָט אפילו שטיל און רואיק געקוקט אויף פראָיקען, וואס איז דאָ אויך געזעסן ביים טיש ווי א מחותן, און אז ר׳ הערש דער כארקיוועצער האָט אפריער אָנגעגאָסן א קליין

קעלישיקל און דערנאָך האָט ער זיך אויפגעהויבן און האָט אויפ־געהויבן דאָס קעלישיקל מיט זיינע ביידע גרויסע שווערע הענט:

— מזל־טוב, מחותן, לחיים!

האָט אים ר׳ חיים־מאָטל געענטפערט שטיל און באַרעכנט, ווי מען רעדט מיט א גלייכן צו זיך:

— מיט מזל זאָל מען לעבן!

נאָר באַשע־ריווע איז נאָך אַלץ ניט ארויס פון איר הינער־פּלעט, און ווי אין א הינער־פּלעט האָט זי זיך ארומגעדרייט דעם גאַנצן חדש ביז צו דער חתונה, און ניט זי און ניט ר׳ חיים־מאָטל און ניט קיינער האָט ניט געוואוסט פאַרוואָס די חתונה מוז זיין אין אַ חדש ארום, פאַרוואָס אזאַ בהלה, נאָר אזוי האָט געוואָלט בן־ציון און ער האָט אויסגעפירט, און באַשע־ריווען איז גוט גע־ווען פון דעם וואס ער פירט אַלץ אויס, און ר׳ חיים־מאָטל האָט ניט געקענט צונויפנעמען די רעיונות זיינע, וואָס האָבן זיך גע־טראָגן אין אַלע זייטן, ווי צעשאָסענע פויגל, האָט ניט געקענט איינפירן קיין טאָלק, און אַן אויפגעקאָכטער איז ער געוואָרן, ווען ער האָט דערזען, ווי אפריער ראָכע־גוטע, און אויף דער מאַמען קוקנדיק אויך פרומע, האָבן זיך ביידע איניינעם א נעם געטאָן, פון אינדערפרי ביז שפּעט אינדערנאַכט, אז נישקשה, עס וועט אַלץ זיין, עס וועט, חלילה, גאָרניט פעלן, מען וועט זיך ספּראַווען, און געווען איז זי דערביי, ראָכע־גוטע, עפּעס אזאַ מאָדנע, אז ביי ר׳ חיים־מאָטלען האָבן שוין בלייך גענומען ציטערן די ליפּן, ער האָט זי נאָך אזאַ קיינמאָל ניט געזען, ניט געוואוסט גאָר, אז זי איז אַזאַ, און ער האָט זיך שוין ניט געקענט אָפּקערן פון איר, האָט זי ניט געקענט מבטל זיין.

פאַר איר, פאַר ראָכע־גוטען, האָט ר׳ הערש דער כאַרקיווע־צער געבראַכט, ווי אויף א טעלערל די אַלע אמאָליקע טעג אירע, ווען זי האָט נאָך געלעבט ביים טאַטן אויפן דאָרף, און גוט איז איר דעמאָלט געווען, אך, ווי גוט, און איצט וועט באַשע־ריווע חתונה האָבן און איר וועט אויך זיין גוט, און ראָכע־גוטע האָט ממש געשיינט, עס האָט געשטראַלט פון איר, און ר׳ חיים־מאָטל האָט שעהן גאַנצע געקענט אָפּשטיין און קוקן אָט אזוי אַ, און צו־שאָקלען מיטן קאָפּ, ווי מען האַלט שטומערהייט אונטער א ניגון,

און ראָכע-גוטע מאכט טאקע חתונה א טאָכטער, נאָר זי אליין, און ר׳ חיים-מאָטל לאָזט ארויס פון האנט די רעיונות זיינע, און אַט ליגט ער, למשל, ביי זיך אויפן געלעגער, ר׳ חיים-מאָטל, און ארום איז פינצטער, עס איז נאכט און עס איז שוין שפעט אין דער נאכט, און ר׳ חיים-מאָטל זעצט זיך פלוצלונג אויף מיט די פיס פון געלעגער אראָפּ, און דורך זיינע נאקעטע פיס שליינגעלט זיך מיט א שטאָך אריין א דראָטענער ציטער פון קעלט וואס נעמט אים אינגאנצן דורך, און ער שטעלט זיך שוין אויף א געשטארקטער, מאכט א געשטארקטער א טראָט, נאָר דאָרט, ביי ראָכע-גוטען אין אלקער שלאָפט אויך פרומע, זיי שלאָפן ביידע אין איין בעט, פון שטענדיק-אָן אזוי, און ר׳ חיים-מאָטל גייט ניט שוין ווייטער, ער לייגט זיך צוריק אוועק אויף זיין געלעגער, מאכט זיך צורעכט די יארמולקע אויפן קאָפּ, און אינדרויסן גרויט שוין אויף דער טאָג, און ביי ר׳ חיים-מאָטלען נאָגט אונטערן הארצן, ווי עס נאָגט אין דעם שטילן פארטאָג דער ווייטער געוויש פון רעדער, פון א וואָגן וואָס פאָרט אליין, אז פרומע איז אויך א קינד און מען וועט דארפן זען וועגן א תכלית פאר אירטוועגן, ער האָט דאָך זי אויך ליב, ליבער פון אלע קינדער!

און פרומע האָט דערנאָך אינגאנצן ניט געוואוסט, אויף מאָרגן און אויף איבערמאָרגן, פארוואָס די מאמע שיקט זי אוועק פון זיך, פארוואָס זי דארף גאָר גיין שלאָפן מיט באשע-ריווען, און באשע-ריווע, אין איר הינער-פלעט, האָט זי שטארק ארומגענומען, האָט זיך צוגעטוליעט צו איר, און פרומע האָט זיך דערשראָקן אפריער, נאָר באלד האָט זי א כאפּ געטאָן און האָט זי אזש א קוש געטאָן, באשע-ריווען, און די ליפּן ביי פרומען זיינען נאסע, א נאסער מויל, און באשע-ריווע האָט א שוידער געטאָן, האָט א וויין געטאָן מיט אַן אָפּגעהאקטן אָטעם, נאָר האָט זיך ניט אָפּגעקלעפּט פון פרומעס וואַ-רעמען און סאמעט-גלאַטן לייב, און פרומע האָט אינגאנצן גע-קוואָלן, און ר׳ חיים-מאָטל איז שפעט אין דער נאכט ארויס פון דער מאמעס אלקער, האָט אָפּגעגאָסן נעגל-וואסער און האָט זיך אנידער-געזעצט מיט א ספר אין די הענט. — — —

VI.

שטעלן די חתונה אין א שאלאש, ווי עס באדארף צו זיין, האָט מען ניט געקענט, עס איז נאָך געווען קאלט אינדרויסן, פראָס-טיק און שנייאיק, ווי אינמיטן ווינטער, כאָטש עס האָט שוין גע-שמעקט מיטן ערב פסח, און ר׳ חיים-מאָטל האָט שטיל געמורמלט מיט אראָפּגעלאָזטע אויגן, אז פרעגט ביי דער מאמען, וואס זאָגט די מאַמע? און פארבעטן צו דער חתונה האָט מען דאָך באדארפט די גאנצע שטאָט, און די שטוב, די אלע חדרים זיינען אזוי גע-פּאקט געווען מיט מענטשן, אז עס האָבן ממש געציטערט די ווענט, עס האָט זיך געוויגט די סטעליע, און פראָיקע האָט אויסגעטרונקען א גלעזעלע און עס האָט זיך אים פארדרייט דער קאָפּ, נאָר באלד איז צוגעקומען צו אים ר׳ חיים-מאָטל, האָט אויף אים ארויפגע-לייגט א האנט און האָט אים שטיל געגעבן אן עצה, אז ער זאָל ארויסגיין א רגע, ארויסגיין אויף דער לופט, און פראָיקע האָט זיך אויפגעהויבן און האָט געפאָלגט.

אינדרויסן איז געווען פינצטער, חשך, ניט אזוי פון דער נאַכט, ווי פון די מענטשן וואס האבן אָנגעפּאקט דעם הויף, אז מען האָט אַזש פארשטעלט דעם שיין פון די פענצטער, און דער הויף א צעשפּרייטער איז געלעגן א צעטראָטענער ווי אָן אַ פּארקן, אז אפילו דאָרט, ביים שטאָל, אוואו עס איז שטענדיק געלעגן א ריינער שניי, איז אויך געווען צעטראָטן, בלאָטיקע טריט, נאָר פראָיקע איז זיך ווייטער געשטאַנען, ער האָט קיינעם ניט באדארפט, האָט קיי-נעם ניט געזוכט און האָט אויף קיינעם ניט געקוקט, נאָר פּלוצלונג האָט זיך צעקראָכן אין אים דער אָטעם זיינער, ווי פון גלאָז, מיט דינע, גלעזערנע שטעכעלקעס אין די שפּיץ פינגער, און עס האָבן אים גענומען שטעכן די האָר אויפן קאָפּ, ווי שטארקע, דראָטענע שפּיזלען. —

צווישן דעם עולם איז זיך געשטאַנען דער אלטער פריצישער דאָקטאָר, און לעבן דאָקטאר האָט זיך געהאלטן איטע-לאה —

איטע-לאה! און פראיקע האט געוואלט שרייען, מאכן מיט די הענט, און דער דאקטאר מיט איטע-לאהן זיינען באלד צוגעקומען צו אים, און זי האט אויסגעצויגן א האנט:

— איך קען אייך, איר זייט פראיקע, און איר מיך קענט ניט, איא, איר קענט מיך ניט?

פראיקען האט נאך געשווינדלט פאר די אויגן, נאר ער האט שוין דערזען, נאך איר קול נאך, אז עס איז ניט איטע-לאה, זי קוקט טאקע אויס ווי איטע-לאה, נאר איטע-לאה איז זי ניט, און ער האט א כאפ געטאן די האנט אירע אין זיינעביידע, האט אזש א שפאן געטאן, אז ער האט פארשטעלט מיט זיך דעם דאקטאר, און דער דאקטאר האט ארויסגענומען דאס זייגערל פון קעשענע, האט עס אויפגעהויבן אויף דער לבנה, און עס איז שוין שפעט, און זי האט אנגענומען פראיקען אונטערן האנט:

— קומט!

זי האט גערעדט מיט א הילכיקן געלעכטער און האט לאכנ-דיק דערציילט, אז זי וועט מארגן זיין ביי לייזער-בערן, און דער קול אירער איז אינגאנצן ניט געווען ווי ביי איטע-לאהן, אינגאנצן ניט, און פראיקע האט זיך מיט אמאל אפגעשטעלט א כעסדיקער, אן איינגעקשנטער, האט פינצטער געקוקט אויף איר, און זי האט נאך אמאל איבערגעחזרט, ווי זי וואלט שוין געהאט געוועז אפ-גערעדט מיט אים נאך פריער, אז — מארגן!

זי איז א היגע, טאקע דא א געבארענע, און אין שטאט ווייסט מען ווער זי איז, נאר קענען קען זי דא קיינער ניט כמעט, ניט יענער זי און ניט זי יענעם, ווייל אמאל, מיט אסך יארן צוריק, ווען זי איז נאך געווען א קינד, האט זי טאקע געהאט א טאטן און א מאמען און ברידער און שוועסטער, נאר זיי זיינען אלע פרי אוועק פון דער וועלט, איינער נאך איינעם, זיי האבן אלע געהאט די דער, אז א לויה ביי זיי האט ניט אנגעמאכט קיין גערודער אין שטאט, מען פלעגט נאר ארפלאזן די אויגן און שטיל פארלירן א קרעכץ, און שטיל זיינען געווען די לויות זייערע, אך ווי שטיל, ווי עס פאלן בלעטער פון די בוימער, ווי עס ווערט מיט אמאל אוים פויגל, נאך איידער עס קומט אן דער ערשטער פראסט, ביז זי, די קליינע דינהלע איז געבליבן איינינקע אליין, די איינציקע פון דער גאנ-

צער משפּחה, אַ קינד נאָך גאָר און אַ ווייסע אַזאַ, אַ ליכטיקע, אַז עס האָט שטענדיק געפּאַטשט מיט די הענטלעך און האָט זיך שטענ-דיק געפרייט, און מען האָט זי דערמאָלט אוועקגעפירט ערגעץ ווייט פונדאַנען, אַוואו עס איז שטענדיק וואַרים, שטענדיק זומערדיקע טעג, און ביינאַכט איז דאָרט שטענדיק קאַלט, אַ טרוקענע קעלט, וואָס איז אַ היילונג פאַר די לונגען און אַ סגולה צו אריכת ימים, און איצט, אַז זי איז אויסגעוואַקסן, קומט זי יעדן יאָר אַהער, צו זיך אין שטאָט אַריין, אַוואו זי קען קיינעם ניט און קיינער קען זי ניט. —

פאַרפאָרן פאַרפאָרט זי גלייך צו דער אַלטער פּריצטע, וואָס האָט אַ גרויסע, אַ הילצערנע שטוב אויפן באַרג, און די שטוב איז געדעקט מיט אַ בלעכענעם דאַך געפאַרבט אין אַ ליכטיקן גרין, און גרין איז אויך דער באַרג, שטענדיק, אַז אפילו ווינטער, ווען דער גאַנצער באַרג אַרום און באַרג אַראָפּ איז אויסגעבעט מיט אַזאַ ווייסן, שפּיגלדיקן שניי, שטייען אויך דעמאָלט דאָרט די באַזונדערע גרינע ביימער מיט גרין-געלע שטעכעלקעס אַנשטאָט בלעטער, שטיין ווי וואַזאַנעס וואָס מען האָט אַרויסגעטראָגן פון שטוב און אוועק-געשטעלט אויפן שניי, און גיין גייט זי, דינה, נאָר צו לייזער-בערן, און לייזער-בער לייגט אַרוים פאַר איר אַ פּאַק מיט פּאַפּירן, ווייזט איר די רעכענונגען, נאָר זי גיט אויף דעם אַ מאַך מיט דער האַנט, לאַכט, און לייזער-בער קוקט זי אָן און האָט זי ליב, ווי זי וואָלט געווען זיינע אן אייגענע, אַ טאָכטער, אַז ער איז גרייט צו שלאָגן זיך אויף דעם אין הארצן אַריין, און זי געזעגנט זיך דערנאָך מיט אים און מיט מלכען און מיט שמואלקען, געזעגנט זיך אַזוי, ווי זי וועט דאָ מאָרגן זיין נאָכאַמאָל, נאָר קומען קומט זי ערשט אין אַ יאָר אַרום, און לייזער-בער קוקט אויף שמואלקען און איז אין כעס, אַז ער אָטעמט אַזש שווער און אָפּגעריסן, ווי געסאַפּעט, נאָר דאָ דערביי זיצט אויך מלכה, און זי רופט זיך באַלד אָפּ צו אים שטיל און רואיק און צו דער זאַך:

— וואָס איז?

לייזער-בער הערט טאַקע אויף, האַקט אָפּ אינמיטן, און דער אָטעם אין שטוב ווישט זיך, דוכט זיך, אָפּ, באַהאַלט זיך אין די ווינקעלעך, נאָר באַהאַלטן זיך פון דעם אָטעם קען מען ניט, און

ביי שמואלקען איז אָנגעשפּיצט די מאָרדע, אָנגעשפּיצט די נאָז, און מלכה טרעט ניט אָפּ פון טיש, זי וואַרט און היט, נאָר דער־ווייל איז נאָך דינה ניט אוועקגעפאָרן, זי איילט זיך ניט דעם מאָל, און ביי לייזער־בערן איז ליכטיק אין זאַל, ליכטיק אין עס־שטוב, און זיי זיינען ניט אליין, עס איז פול די שטוב מיט מענטשן, און לייזער־בער האַלט די הענט אין די הויזן־קעשענעס און אָטעמט אַזוי, ווי אויפן מיטן פעלד, און דינה דרייט זיך צווישן אלעמען און פאַר־נעמט אלעמען, און זי דערציילט די גאַנצע צייט און לאַכט, און דערציילט ווייטער און לאַכט ווייטער, און לייזער־בער היט זי די גאַנצע צייט, אז ער וועט באַלד צוגיין צו איר און זאָל שוין זיין גענוג — גענוג!

לייזער־בער איז איצט ווי א זאַפטיקער בוים, און דינה איז אָנגעטאָן אין א זיידענער קלייד וואָס נעמט זי גלעטנדיק אַרום און מאַכט זי נאָך דינער, נאָך בויגיקער, און דאָס קלייד האָט ניט קיין אַרבל, און די הענט אירע, אָן אַרבל, זיינען לאַנגע און דינע און ווייסע, אַך ווי ווייס, אַז דאָס זיינען גאָר קיין הענט ניט, ווי ניט קיין אברים, נאָר עפּעס א באַפּוצונג אַזאַ צו דער קלייד, און אַלץ אײנאײי־נעם בלענדעט עס פאַר די אויגן, אַז עס ווערט איבערגעריסן דער אָטעם, און אָט אַזאַ אָ, א בלענדענדיקע און א פאַרבלענדעטע גיט זי איטלעך ווייל א קוק אויפן זייגער, און עס איז שוין שפּעט, און זי הערט מיט אמאָל אויף, לאָזט אַראָפּ די הענט, וואָס זיינען ערשט איצט געוואָרן הענט, און לייזער־בער גיט זיך גלייך א לאָז צו איר, און זי שטייט און שמייכלט און קוקט, ווי זי וואָלט זיך באַקלאָגט פאַר אים, נאָר זי גיט זיך באַלד צוריק א כאַפּ, און זי דערציילט שוין ווידער און לאַכט שוין ווידער, און לייזער־בער פירט מיטן קאָפּ אויף ניין, עס טויג ניט אַזוי, און דינה גייט א שווייגנדיקע צו צום ראָיאַל, און די האַנט אירע, א פולע מיט פינגער, לאָזט זיך שוואַך אַראָפּ אויף די קלאַווישן, ווי זי וואָלט אימעצן א גלעט גע־טאָן. — — —

ביי שמואלקען טונקט זיך די פאַרשפּיצטע מאָרדע זיינע אין א ווייכן שמייכל, ווי אין א פריידיקן געוויין, און מלכה אליין גיט זיך אויך א צי נענטער, נאָענט, און אַרום איז שטיל, איינגעהאַלטן, און דינה זיצט שוין ביים ראָיאַל, נאָר שפּילן שפּילט זי ניט,

עס גיט נאָר א בליץ פאַר די אויגן אָט א פינגער און אָט אביינדל, און זי אליין קערט אזש אָפּ דעם קאָפּ, און דער קאָפּ אירער איז איצט ביי איר אזאַ גרויסער און עפּעס ווי א טויבער, און לייזער-בער זעט, ממש מיט די אויגן, ווי עפּעס גיסט זיך פון איר און גיסט זיך אריין אין ראַיאָל און קומט דערנאָך צוריק ארויס פון ראַיאָל אין די אָנגעפילטע אקאָרדן, און די אקאָרדן זיינען באזונדערע, פאַנאַנדערגעוואָרפענע, ווי שטראַלן, ווי פונקען פון א פייער, וואס א ווינט האָט צעבלאָזן, און יעדער אקאָרד, אַ פארוואָרפענער, ציטערט באזונדער און אליין, און גייט אוים אליין, פאר זיך, ווי עס לעבט א מענטש אויף דער וועלט. — — —

נאָר פּלוצלונג הערט זי אויף און לאָזט זיך גיין צו דער טיר, איבער דער גאנצער לענג און גרוים פון זאַל, ערשט דאָרט שטייט טאַקע פראָיקע, וואס קיינער האָט גאָרניט געזען און ניט געהערט ווי אזוי ער איז געקומען אהער, אז מען האָט זיך דאָ גאָרניט געריכט און ניט געוואָרט אויף אים, נאָר דינה טראָגט אים שוין אנטקעגן דיביידע אויסגעשטרעקטע הענט אירע, און זי האָט יאָ געוואוסט, אז ער וועט קומען, אַ יאָ זי האָט געוואוסט? און זי קען זיך נאָך, דוכט זיך, ניט צוגעוויינען צו די אייגענע הענט אירע, קען זיך ניט צוגעוויינען צו זיך אליין, באלד נאָכן שפּילן, און זי מאָנט ביי אים:

— וואָס שווייגט איר?

זי רעדט צו אים אזוי און ער קוקט אויף איר אזוי, ווי זיי וואָלטן דאָ געווען אליין, אָן קיינעם ניט, און די פרעמדע, די געסט הויבן זיך טאַקע באלד אָן פאַנאַנדערצוגיין, און לייזער-בערן ארט עס ניט, ער לאָזט זיי אלעמען דורך, זיי גייען דורך פאַרביי אים, און טיף, ווי דער אָטעם פון צעאַקערטע ערד, איז די גוטע נאכט וואָס ער זאָגט זיי, און דינה טוט דערנאָך אָן, זי בלייבט די לעצטע, דעם ווייכן, גרינגן פוטער פון לייזער-בערס הענט אראָפּ, און דאָס פוטערנע, קיילעכיק היטעלע כאַפּט ענג אזוי ארום דעם רייכן צעבליטן קאָפּ האָר אירן, שלינגט אים איינגאַנצן איין, אז עס נעמט אָן א רחמנות, און זי קוקט דערנאָך, שוין אָן אָנגעטאָנענע, אויף לייזער-בערן און שמואלקען און פראָיקען, און אויפן באַק ביי איר, אונטער דער לינקער אויג, ציטערט א רויטער פלעק, ווי א בלעטל,

און זי ווייסט הפּנים פון דעם, און זי גיט זיך איטלעך ווײַלע א וויש דעם פּנים, טאַפּט עס אָן מיט א פינגער, און פאַרענטפערט זיך א שולדיקע:

— איך האָב היינט געלאַכט און געשפּילט, איך טאָר ניט!

זי וויל א לאַך טאָן, א שמייכל טאָן, נאָר זי קען ניט א געפּענ־טעטע פון דער געטריישאַפט און זאָרג, וואס קייטלט זיך צו איר פון לייזער־בערן און מלכהן און שמואלקען און פראַיקען, און זי מוז זיי נאָך עפּעס זאָגן, און אויף איר פּנים באַווייזט זיך קוים א שמייכל, אז דער דאָקטאר הייסט איר ניט לאַכן און שפּילן, זי טאָר ניט, נאָר זי רייצט זיך מיט אים!

די ווערטער אירע פאַלן שטיל און בלייבן ווי אויסגעלייגט אויף א טעלער, וואס אלע קוקן אויף דעם, אלע, און דינה אליין קוקט אויך, ביז זי לייגט נאָך צו, אויפן טעלער, אז דער דאָקטאר האָט זי ליב, שטארק, און זי אים אויך, זי האָט אים אויך ליב.

לייזער־בער וויל אויסציען א האנט, וויל זי גלעטן, וויל זי צו־טוליען צו זיך, נאָר זי נעמט שוין אָן פראַיקען אונטערן האנט, און אָן איינגעטוליעטע אין זיך און א צוגעטוליעטע צו פראַיקען קוקט זי אוים אזוי קליין און דין און פאַרלאָרן, אז לייזער־בער קוקט שאַרף אָן פראַיקען, ווי ער וואלט אים וואס אָנגעזאָגט, און די נאכט אינדרויסן איז א ווארעמע און אָנגעפּיקעוועט מיט שטערן, און דינה שטעלט זיך פּלוצלונג אָפּ, און פראַיקע פאַרהאַלט זיך אויך אויפן מיטן טראָט, און זי דרייט זיך אוים צו אים א בויגיקע און קוקט אים אריין אין פּנים:

— איר זיינט אמאָל געווען אין איטאַליע?

— ניין.

— און אין קרים אויך ניט?

— ניין.

— פאַרוואָס?

פראַיקע נעמט זי שטארק ארום מיט א גרויסער און שווערער האנט, וואס איין האנט זיינע איז איצט מער פון איר אינגאנצן, און זיי גייען ווייטער אָט אזוי, און ארום שמעקט מיט גראָז, וואס איז נאָך יונג, און דינה לאָזט פּלוצלונג ארוים פון זיך א געלעכטער, נאָר דער געלעכטער אירער טראָגט זיך אזוי פאַנאַנדער, הילכיק,

מיט א קלונג, אז זי דערשרעקט זיך אליין פאר דעם, און זי הערט גלייך אויף, האקט אָפּ, און פראַיקע בלייבט שטיין א רגע, און ביי דינהן איז שטארק בלייך דער שארפער שפּיץ נאָז אירער, שטארק בלייך די לינקע באק:

— פאָרט איצט גאָר מיט מיר, איר ווילט? איך וועל ווארטן אויף אייך!

זיי זיינען שוין ניט ווייט פון בארג, און פראַיקע וויל זי נעמען אויף די הענט און ארויפטראָגן אויפן בארג, אריינטראָגן זי אין שטוב אריין. — — —

און ער קומט דערנאָך שפּעט אַהיים, ער קומט איצט יעדן טאָג שפּעט אין דערנאכט, און די גויע ווארט ביז ער ציט זיך אויס אויפן בעט, מאכט צו די אויגן, און לייגט זיך צונויף די הענט אויפן הארצן, און ער דרעמלט שוין, דרעמלט מיט א שמייכל אויפן פּנים, וואס האָט דאָ צו קיינעם קיין שייכות ניט, און די גויע שטייט נאָך א רגע, ווי זי וואָלט זיך געצלמט, און ערשט דערנאָך פארלעשט זי דעם לאָמפּ און גייט שטילערהייט ארויס פון חדר, נאָר אָט ליגט ער שוין אויפן בעט, האלט שוין צוגעמאכט די אויגן און האָט זיך שוין צונויפגעלייגט די הענט אויפן הארצן, נאָר די גויע פארלעשט היינט ניט דעם לאָמפּ, זי שטייט, און זי איז ניט אין כעס און האָט ניט קיין טענות, זי דערציילט נאָר אים, מיט א זינגענדיקן אומעט אזא, אז זעלדע איז דאָ היינט ווידער געוועזן, אזוי ווי נעכטן, אזוי ווי אייערנעכטן, זי קומט יעדן טאָג און זי זיצט און ווארט, ווארט, א רחמנות אויף איר, פארוואָס מאטערט ער זי?

פראַיקע דרעמלט שוין, שלאָפט, ווי א פארוויגטער פון אירע רייד, און די גויע פארלעשט דעם לאָמפּ און גייט שטיל ארויס פון חדר, אויף די שפּיץ פינגער, און פראַיקע שלאָפט אָפּ אָט אזוי די גאנצע נאכט, און אויף מאָרגן זעצט ער זיך אריין אין פוטעל, און עס קומען צו אים, אזוי ווי אלע מאָל, אָט א בחור און אָט א מיידל און אָט ווידער א בחור, און ערשט אינמיטן טאָג, אז די גויע איז אריינגעקומען גרייטן פאר אים א ברעג טיש, האָט ער זיך פּלוצלונג דערמאנט, האָט געוואָלט ביי איר איבערפרעגן, און מיט ווארימקייט האָט ער אָנגערירט די האנט אירע, וואָס האָט אים דערלאנגט דאָס

עסן, און געוואַרימט האָט ער שוין דערנאָך אין זיך דעם גאַנצן טאָג, געוואַרימט זיך און אַנדערע, און צו פאַרנאַכט-צו, אַז עס איז אַוועק פון אים דער לעצטער בחור, האָט ער זיך ניט אַ כאַפּ געטאָן פון פוטעל אַרויס און איז ניט אַוועק פון דערהיים, נאָר איז געבליבן זיצן און וואַרטן אויף זעלדען, און זעלדע איז געבליבן מיט אַ פּאָר אויסגעשטעלטע אויגן און מיט אַן אָפענעם מויל, אַז זי האָט אים דערזען, זי האָט אים שוין אַזוי לאַנג ניט געזען, און זי האָט זיך אויך היינט ניט געריכט, נאָר זי האָט זיך באַלד אַנידערגעזעצט ביים טיש, האָט פאַנאַנדערגענומען די ביכער און האָט גענומען לייענען פון אַ בוך אַרויס.

זעלדע איז אַ גרויסע און אַן אָנגעפּאַקטע, זי איז אַ סך, און פּראַיקע קוקט און הערט און שמעקט, און ער ציט אַזש אויס די פּיס, אַזוי האָט ער הנאה, נאָר פּלוצלונג ווערט עס אים מיט אַמאָל נמאס, שטאַרק נמאס, אַז ער קערט זיך שוין אָפּ פון דעם, און ווי אין אַ באַהעלטעניש האַלט ער שוין דינהן ביי זיך אויף דער דאַלאָניע, ווי עס שפּילט זיך אַ קינד, נאָר זעלדע הערט ניט אויף, עס גיסט זיך איר קול, ווי עס רינט פון אַ דאַך נאָך אַ רעגן, און פּראַיקע גיט זיך אַ הויב אויף פון פוטעל, שפּאַנט דורך דעם חדר און גייט אינגאַנצן אַוועק, ניט זאָגנדיק דערביי גאָרניט, אַפילו קיין גוטע נאַכט ניט, גאָרניט, און זעלדע גיט הויך אַ שלו-קעכץ, ווי עס וואָלט זיך פון איר אַרויסגעריסן אַ שטיק געוויין, נאָר ביים טיש לעבן איר שטייט שוין די גויע און רעדט מיט איר זינ-גענדיקן אומעט, רעדט צו איר טרייסט-ווערטער, אַז זי דאַרף לײַדן, אַז זי מוז לײַדן.

עס איז שוין ווייט נאָך פּסח, עס בליט שוין דער חדש מאַי, נאָר די טעג זיינען אַן אַ ברעקל זון, עס קלייבט זיך שווער אויף אַ רעגן, און דער שווערער, אָנגעזאָפּטער ווינט דרייט זיך פויל אַרום די אַלטע אַקאַציע-ביימער, און פליקט דעם וואַרימען צוויט, וואָס האָט זיך נאָך ניט רעכט צעבליט, אַז די בלאָטעס אַרום זיינען באַשנייט מיט ווייסע בלעטלאַך, און דינה ליגט אין אויסגעצויגענע אויפן בעט און קוקט אין פענצטער אַרויס, און לעבן איר זיצט דער דאָקטאָר און האַלט אירע ביידע הענט, ווי ער וואָלט זיי געוואַרימט, דער אַלטער דאָקטאָר וואָס האָט זי ליב און וואָס זי האָט אים ליב.

פונקט אזא מאי איז געווען אמאָל, דעמאָלט ווען דינה האָט צום ערשטן מאָל ארויסגעלאָזט איר ערשטן געשריי אויף דער וועלט, און דער דאָקטאר איז דעמאָלט געשטאַנען צוקאָפּנס ביי דער קימ-פּעטאָרין, ביי דינעם מאמען, און האָט איר געווישט דעם קאלטן שוויים פון שטערן אין איינעם מיט די איינגעגעסענע סימנים פונם טיפן ווייטיק, וואס האָט געקרימט איר פּנים, און פּונקט ווי דער דאָקטאר זיצט איצט לעבן דינהן און ווארעמט איר די הענט, אזוי איז ער ווידער אמאָל, מיט יאָרן צוריק, געזעסן לעבן איר מאמען, און זי איז געלעגן אן אויסגעצויגענע אויפן בעט פּונקט ווי איצט דינה, און האָט אויך געקוקט אין פענצטער ארויס, נאָר אָט האָט זי זיך א קער געטאָן צו אים, דינהס יונגע מאמע, האָט אינגאַנצן א פלאטער געטאָן, ווי א בלאט וואס רייסט זיך פון בוים אראָפּ, אז דער דאָקטאָר האָט זיך שטארק אָנגעבויגן צו איר, נאָר זי האָט צוגעמאכט די אויגן, און דער דאָקטאָר האָט ערשט אין מינוטן ארום דערפילט, אז ער האלט נאָך אירע טויטע הענט.

קיינער ארום און אין דער גאנצער שטוב האָט דעמאָלט ניט געוויינט הויך אויפן קול, זיי זיינען געשטאַנען ווי צוגעקלעפּטע צו די ווענט, און דער דאָקטאר האָט געקוקט אויף זיי, און פון זיינע אויגן האָבן זיך אויך געקייקלט די שטומע טרערן, פּונקט ווי ביי זיי.

דינה ליגט איצט אין א ברייטער, זיידענער נאכט-העמד, און אז זי ליגט אָט אזוי, קוקט זי אויס ווי א אינגל מיט איר דאַרן און טרוקענעם ליב, נאָר אָט זעצט זי זיך אויף, בויגט זיך אָן צום דאָקטאָר, און ערשט איצט טיילן זיך אויס ביי איר פון הארצן אראָפּ די צוויי קיילעכדיקע און רחמנותדיק-קליינע ברוסטן אירע, וואס זיינען איר באשערט, ווי די בלייבע עפּל פון א קראנקן עפּל-בוים, און דער דאָקטאר קען איר איצט ניט זאָגן, אז זי זאָל שוין אוועק-פאָרן, אז זי טאָר דאָ ניט זיין, זי מוז דאָך אוועקפאָרן, ער זאָגט עס איר איצט ניט, ער זשאַלעוועט זי, נאָר לעבן אים שטייט שוין די געטרייע ברכה, און קוקט אויף אים אזוי, ווי זי וואָלט אים געגנויט, אז ער זאָל דאָס יאָ זאָגן, און דער דאָקטאר וויל זיך אומקערן צו איר מיט זיינע אומעטיקע, זייער אומעטיקע אויגן:

— איר פאַרשטייט ניט, ברכה, איר פאַרשטייט ניט!

ברכה איז אַנגעטאָן אין ווייסן, און מען זאָגט אויף איר, אז זי ווייסט מער פון אן אנדער דאָקטאָר, און זי ווייסט טאקע שטענדיק, וואָס זי דארף טאָן, איצט, אין א שעה ארום און מאָרגן, און שוין לאנג, אז זי איז מיט דינהן, און דינה האָט זי ליב, נאָר אַמאָל פאַלט איר פּלוצלונג איין, אז ברכה וועט באלד אוועקגיין פון איר, וועט זיך אויפהויבן און וועט אוועקגיין, וועט זי איבערלאָזן אליין, אויף שטענדיק, און דינה קוקט זי דעמאָלט אָן מיט אויגן, אז ברכה פרעגט ביי איר:

— וואָס איז?

נאָר דינה שווייגט א רגע און ענטפערט איר דערנאָך, מיט דעם שטילן גלאַנץ פון א באהאַלטענעם סוד:

— גאָרניט.

און עס פלאַטערט דורך צווישן זיי א שאָטן, דער שאָטן פון דעם, וואס עס איז געווען אמאָל, איינמאָל, און וואס האָט זיך נאָך ביז איצט ניט אָפּגעווישט, און וואס פלאַטערט אויף אָט אזוי, אמאָל ביינאַכט, ווען עס איז פינצטער, און אמאָל בייטאָג, ווען די שטוב איז פול מיט זון.

געווען איז דעמאָלט א ווארעמע נאכט און אזא קלאָרע, ווי גע-שליפענער גלאָז, וואָס שפּילט זיך מיט קאָלירן, און די בערג ארום האָבן אויסגעזען, ווי בלויע וואָלקנס, וואס שווימען אונטערן הימל, זיי האבן ווארים געאָטעמט, און דינה איז לאנג געשטאַנען ביים אָפענעם פענצטער, איז נאָך אלץ געשטאַנען, ביז ברכה האָט מיט אמאָל פארלאָשן דעם לאָמפּ, און דינה האָט זיך אָפּגעקערט פון פענצטער, האָט זיך אומגעקערט צו ברכהן, און ברכה איז שוין אינ-גאנצן געווען אן אויסגעטאָנענע, אז דינה האָט זי דאָ פּלוצלונג דער-זען פאר זיך אין איר גאנצער נאקעטקייט, ווי זי וואָלט זיך אנט-פּלעקט פאר איר, אויף צוויי געזונטע, קיילעכדיקע פיס, און מיט אירע רייכע און מיידליש-אָפּגעהיטע ברוסטן, אָט ווי יענע ווייטע בלומען, וואס קוקן פון שפּיץ בארג אראָפּ, אז קיינער קען זיי ניט דערלאנגען, און דינה האָט זיי, ווי אין א חלום, אָנגערירט מיט שטעכיק-ווארימע שפּיץ פינגער, די דערלאנגטע ברוסטן אירע, וואס האָבן דערביי אויפגעציטערט, האָט אָנגערירט דעם נאקעטן לייב מיט צוויי באזונדערע, פארטריקנטע, פארשארפטע ליפּן, נאָר ברכה

האָט עס גלייך אָפּגעהאַקט, האָט איר שטיל, זייער שטיל געהייסן זיך לייגן שלאָפן, און דינה האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער קאַ־נאַפּע, האָט נאָך אַלץ געקוקט אויף דער נאַקעטער ברכהן, נאָר ברכה איז שוין געלעגן אין אויסגעצויגענע ביי זיך אויפן בעט, און דינה האָט גענומען רעדן מיט ווערטער, וואָס זיינען געפאַלן, ווי די טראָפּנס פון אַן איינגעהאַלטענער האַנט:—

ברכה וואַרט אויף איר טויט, ברכה וויל, אַז זי זאָל שוין שטאַרבן, נאָר עס איז אומזיסט, זי וועט איר סיי ווי סיי גאָרניט איבערלאָזן, זי וועט דאָס גאַנצע געלט וואָס זי האָט אַרויסוואַרפן אינדרויסן אַרויס, אויפן גאַס!

ברכה האָט אַפּריער ניט פאַרשטאַנען, וואָס דינה רעדט, וואָס עס איז מיט איר היינט, נאָר באַלד איז זי אַ רואיקע צוגעגאַנגען צו איר, האָט אויפגעהויבן אַ רואיקע האַנט, און האָט איר אַראָפּגע־לאָזט אַ פּאַטש, און דינה האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן, איז אויפגע־שפּרונגען, זי האָט זיך שוין אינגאַנצן אויפגעכאַפּט, נאָר ברכה האָט זיך שוין אָפּגעקערט פון איר, ווי מער וואָלט דאָ גאָרניט גע־דאַרפט געוועזן זיין, און דינה שטייט נאָך אַלץ, ווי זי וואָלט נאָך אַלץ געהערט, ווי עס הילכט נאָך דער פּאַטש, ווי אַ ווייטער, נאָגנ־דיקער ניגון טיף אין איר אַליין, און עס פלאַמט נאָך ביי איר די באַק מיט אַ ווייטיק, וואָס האָט געבראַכט הנאה, און ברכה האָט שוין, מיט דער זעלבער האַנט, אָנגעצונדן דעם לאָמפּ, און האָט זיך אַ רואיקע גענומען פּאַקן די זאַכן אירע, און דינה האָט זיך צוריק אַראָפּגעלאָזט אויף דער קאַנאַפּע, און האָט נאָך אַלץ געקוקט אויף ברכהן, האָט געקוקט וואָס זי טוט, ביז זי האָט זיך אינגאַנצן אַ וואָרף געטאָן צו איר, ווי עס זוכט אַ קינד דער מאַמעס ברוסט, אַז ברכה האָט זי גענומען צו זיך אויפן שויס, האָט אוועקגעלייגט דעם קאָפּ אירן צו זיך אויפן האַרצן, און ברכהס לייב האָט איצט אַזוי געשמעקט און געהילכט, און ווי אַליין שוין אויך אַ פאַרוויגטע האָט ברכה איצט גערעדט צו איר מיט מורמלדיקע ווערטער, האָט איר צוגעזאָגט, אַז זי וועט שוין קיינמאָל ניט אוועקגיין פון איר, וועט זי קיינמאָל ניט איבערלאָזן אַליין.

דינה איז דערנאָך ווי אַנטשלאָפן געוואָרן ביי איר אויפן האַרצן, אינגאַנצן אַן איינגעטולעטע אין איר שויס, און עס האָט

נאָך געפּלאָמט ביי איר די באַק, און ברכה האָט געקוקט אויף דעם און עס האָט איר שטאַרק פאַרדראָסן, עס האָט איר ווי געטאָן, און זי האָט ניט אַראָפּגעשאַרט די איינגעגעסענע פינגער, וואָס דינה האָט געהאַלטן ביי איר אויף אַ ברוסט, און דינה איז טאַקע אַזוי אַנט-שלאָפן געוואָרן, ווי עס שלאָפט איין אַ קינד מיט דער צאַצקע אין די הענט.

דינה זיצט איצט אין אָנגעבויגענע אַנטקעגן דאָקטאָר, און רייך איז נאָר ביי איר דער מיידלשער, צעשויבערטער, צעלאָזענער קאָפּ האָר אירער, און דער דאָקטאָר האַלט און וואַרעמט איר די הענט, און זי קוקט ניט אויפן דאָקטאָר, עס זיינען מאָדנע פאַרטראַכט ביי איר די אויגן:

— דאָקטאָר, ער האָט מיך ניט ליב!

דער דאָקטאָר ווייסט ווען וועמען זי רעדט, אַז זי מיינט עס פראָיקען, און ער ענטפערט איר מיט אַ שמייכל, ווי אַ קלוגער פּע-טער:

— ניין, ער האָט איך יאָ ליב...

— טאַקע? איר ווייסט?

— יאָ, איך ווייס.

— איר ווייסט אַלץ דאָקטאָר?

— איך ווייס אַלץ...

דינה כאַפּט זיך אויף און נעמט זיך גלייך אַנטאָן, פאַרן דאָקטאָר אין די אויגן, און דערנאָך, שוין אָן אָנגעטאָנענע, גייט זי צו אים צו, און נעמט אים אָן אונטערן האַנט:

— קומט!

— וואוהין?

אינדרויסן שלעפּט זיך נאָך אַרום דער ווינט, ווי אַן אַלטער הוי-קער, עס קלייבט זיך אויף אַ רעגן, און ברכה טראָגט באַלד אַריין דעם סאַמאָוואַר, גיסט אָן דריי גלעזער טיי, און זיי זעצן זיך אין דרייען אַנידער צום טיש, און זיי שווייגן אַלע, קיינער פון זיי רעדט ניט אַרויס קיין וואָרט, און דינה גיט איינמאָל אַ קוק אויף ברכהן און אויפן דאָקטאָר, און נאָך אַמאָל אויפן דאָקטאָר און ווידער אויף ברכהן, און זי לאַכט זיך מיט אַמאָל פאַנאַנדער, און ביים דאָקטאָר גיבן שטאַרק אַ ציטער די ברילן אויפן נאָז:

— וואָס לאַכט איר?
— גאָרניט.
— וואָס הייסט גאָרניט?

דינה פאַררויטלט זיך, ווי אַ געכאַפּטע ביי דער האַנט, לאָזט ווי אַ שולדיקע אַראָפּ די אויגן, און דער דאָקטאָר וויל שוין אוועקגיין, אָן אַן אויסרייד אפילו, נאָר ברכה טרינקט זיך ווייטער איר טיי, אַזוי ווי פריער, און ביז נאַכט איז נאָך ווייט, און פּראַיקע וועט ערשט קומען אין שעהן און שעהן אַרום, ווייל פּראַיקע זיצט דעם גאַנצן טאָג ביי זיך אין פוטעל, זיצט ווי אַ צוגעקלעפּטער פון אין דערפרי ביז שפּעט אין אָוונט, בייטאָג גייט ער אינערגעץ ניט, נאָר האָט ער זיך פלוצלונג אויפגעכאַפּט, אינמיטן העלן טאָג, און איז אַרויס פון שטוב, און אין גאַס האָט טאַקע ניט גערוישט, עס האָט זיך ניט געטומלט, נאָר עס האָבן געשפּאַנט מענטשן מיט פאַנאַנדער-גענומענע פּאָלעס, און געשפּאַנט האָבן זיי ניט אין צווייען און ניט אין דרייען, נאָר איינציקווייז, יעדער איינער פאַר זיך אַליין באַ-זונדער, און פון יעדער פּאָלע, וואָס האָט זיך געבאָמבלט ווי אויף הפקר, און פון יעדן מאַך מיט דער האַנט, ווי געטריבן פון זיך אַ בייזע פליג, האָט שטום אַרויסגעשריען, אַז מענדעלע האָט אָנגעזעצט, מענדעלע באַכמוטסקי!

פּראַיקען האָט עס גלייך אַ זעץ געטאָן אין פּנים, אין די אויגן אַריין, און אַרום מענדעלעס שטוב זיינען שוין געשטאַנען רעדלעך מיט מענטשן, און אַז מען האָט דערזען פון דערווייטן, אַז פּראַיקע גייט, איז מען מיט אַמאָל אַנטשוויגן געוואָרן, געשוויגן און ניט גע-קוקט, און דער גרויסער הויף וואָס אַרום מויער איז שוין איינגאַנצן אָנגעפּאַקט געווען מיט אידן און אידענעס און קינדער, נאָר דאָ האָט קיינער ניט געשריען און ניט געשטופּט זיך, ווייל ביי דער טיר, ביים אַריינגאַנג איז געשטאַנען אָרע די סאָווע, אָרע דער שמש, איז גע-שטאַנען ווי אַ סאָלדאַט, ווי אַ נאַטשאַלניק, און אַריינגעלאָזט האָט ער נאָר איינס ביי איינס, איינעם אַריין און איינעם אַרויס, און דער עולם איז גראָדע ניט אויפגעבראַכט געווען אויף אָרען, ווייל עס דאַרף דאָך טאַקע זיין אַ טאָלק, אַ סדר, און אינווייניק, אין שטוב איז מענדעלע געזעסן אין זיין פאַרפּוצטן זאַל, אַליין אויך אַ פאַרפּוצטער, ווי עס וואָלט נאָך גאָרניט אָפּגעקומען פון זיין שטענדיקער גביר-

שאפּט, איז געזעסן ביי א געשניצטן טיש, און דער איד, צי די אי־
דענע, וואס קומט אריין, וואס ער האָט אריינגעלאָזט, זאָגט ניט
קיין גאָט העלף, עס באַגעגענט דעם אידן, אויפן שוועל נאָך, די
שטומע גבירישע פּרעמדקייט, און אין צעטומלעניש לייגט נאָר דער
איד אוועק אויפן ברעג טיש פאר מענדעלען דעם אָנגעגרייטן וועקסל,
דעם צעטל, און מענדעלע גיט א קוק, ניט אויפן אידן, נאָר אויפן
וועקסל, און די האַנט זיינע, וואס שטעקט אין דעם אָפענעם שופלאָד
פון טיש, נעמט ארויס דאָס געלט, גיט אויף גיך א ציי̆ל איבער,
און דער איד פאררוקט דאָס געלט אין א קעשענע און לאָזט זיך
אויפן שטעל ארויסגיין, אָן א גוטן טאָג, פּונקט ווי ער איז אריינ־
געקומען אהער אָן א גאָט העלף, און ערשט אויפן הויף, אויפן גאַס,
קערט זיך דער איד אָפּ אין א ווינקל, נעמט ארויס דאָס פּעקל פון
קעשענע, ציילט עס גוט איבער, און איז ערשט ניט צופרידן, עס
פארדריסט אים דאָ עפּעס.

פראָיקע האָט זיך דורכגעשטופּט צווישן דעם עולם, און אָרע
דער שמש האָט אים גלייך דורכגעלאָזט, אָרע האָט זיך אַזש אָפּגע־
רוקט פאר אים פון שוועל, און מענדעלע האָט ניט געקוקט ווער
עס איז אריינגעקומען, נאָר קיין וועקסל אויפן ברעג טיש האָט זיך
ניט באַוויזן, און מענדעלע האָט אויפגעהויבן די אויגן, האָט דערזען
פאר זיך פראָיקען, און עס האָט זיך אויפן אָרט ארויסגעכאַפּט ביי
אים די האַנט זיינע פון שופלאָד, נאָר דער שופלאָד אַליין איז ווײ־
טער געבליבן אָפן, האָט געשטאָכן אין די אויגן, און ביי מענדעלען
אין די אויגן האָט אויפגעבליצט א גרינער שמייכל, ווי גלאַנציק און
שארף עס איז די נקמה, וואס שניידט אַזש איבער דעם אָטעם, און
מענדעלע האָט שוין צוריק אריינגעלייגט די האַנט אין שופלאָד, און
די פינגער זיינע האָבן שוין גענומען ציילן און אָפּלייגן די אסיג־
נאַציעס, נאָר פראָיקע האָט ניט ארויסגענומען קיין וועקסל, האָט
ניט ארויסגענומען קיין צעטל, און ניט מיט דעם איז ער איצט גע־
קומען אהער, אז גאָרניט מיט דעם, מענדעלע באַכמוטסקי! און
מענדעלע האָט א פארשעמטער אראָפּגעלאָזט די אויגן, א דער־
פרייטער אזא אינגאַנצן, ווי עס ציטערט אויף א יונגע מיידל, ווען
מען נעמט זי ארום, ביז ער האָט זיך מיט אמאָל אויפגעשטעלט, האָט
דערזען אנטקעגן א שטול, און ער האָט א שפּאַן געטאָן אהין, האָט

אריינגעגומען דעם שטול מיט ביידע הענט און האָט אים אוועקגע-שטעלט פאר פראַיקען, נאָר פראַיקע האָט זיך ניט געזעצט, פראַיקע האָט נאָר פארהויבן דעם פּנים, און האָט זיך, מיט א ציטערדיקער האַנט, ארויסגעריסן א האָר פון באָרד ארויס, פונקט ווי דאָס טוט אמאָל, אין אָט אזוינע מינוטן, דער אייגענער טאַטע זיינער, ר׳ חיים-מאָטל דער מלמד.

מענדעלע איז אים דאָ עפּעס מקנא געווען, און געשטאַנען איז איצט מענדעלע אַן אָנגעשפּארטער ביים טיש, אז ווען ניט די ביידע הענט זיינע וואָלט ער טאַקע אומגעפאַלן, און פראַיקע איז דערנאָך געקומען צו זיך אהיים, האָט זיך אריינגעזעצט אין פוטעל, און מענדעלע איז זיך ווייטער געזעסן ביי זיין טיש מיטן אָפענעם שיפ-לאָד, נאָר שפּעטער מיט א ווײַלע, אז ער האָט אויפגעהויבן די אויגן, און האָט דערזען פאר זיך א פרעמדן אידן מיט א וועקסל אין די הענט, האָט ער אָנגעקוקט דעם אידן, ווי ער וואָלט עפּעס ניט גע-קענט פארשטיין וואס דאָ איז, וואס עס קומט דאָ פאָר, און ביי פראַיקען אויפן טיש האָט שוין געברענט דער לאָמפּ, עס איז שוין אוועק פון אים דער לעצטער בחור, און אָט איז שוין זעלדע אפילו געקומען, און אָט גייט זי שוין אויך אוועק, זי שטייט שוין ביי דער טיר, און פראַיקע זאָגט איהר אפילו, הויך און קלאָר, די גוטע נאַכט וואָס איר קומט, נאָר קיין שייכות צו אים האָט עס אינגאַנצן ניט געהאט, ווי עס האָט ניט קיין שייכות צו אים דאָס, וואָס פריער מיט א ווײַלע איז פארביי די פענצטער דורכגעפאָרן א וואָגן, און וואס ערגעץ ווייט פון דאנען האָט אקאָרשט א קלאַפּ געטאָן א לאָד, און שפּעטער, שוין נאָך זעלדען, איז צו אים אריינגעקומען די גויע, און זי מאכט פאר אים די בעט, און פארוואָס לייגט ער זיך שוין ניט שלאָפן, פארוואָס?

פראַיקע הערט איר קול, הערט אז זי רעדט, און ער שמייכלט מיט א ווייטן שמייכל אזא, וואָס בלייבט שטעקן אין די טיפע קנייטשן פון זיין פּנים, ווי אין גריבער, ווי אין לעכער, און די גויע שטייט שוין לעבן אים, ווי זי וואָלט זיך געבראָכן די הענט, און פראַיקע הויבט זיך אויף פון פוטעל, שפּארט זיך אויף איר אָן, און די גויע פירט אים צו צום בעט, לייגט אים אנידער, און פראַיקע ציט זיך גלייך אויס, לייגט זיך צונויף די הענט אויפן הארצן, און

לאָזט אַרויס פון זיך אַ טיפן קרעכץ, און ער שלאָפט שוין, דוכט זיך, נאָר די גויע קוקט זיך אַרום, פאַרלעשט מיט אַמאָל דעם לאָמפּ, און שוין אין דער פינצטער נעמט זי אַראָפּ פון זיך די זאַכן, טוט זיך איינגאַנצן אויס, און קריכט אויפן שטעל אַריין צו אים אין בעט אַריין — מיט איר גאַנצן ליב און לעבן.

ביי דער גויע איז אויף מאָרגן ליכטיק געווען אויפן האַרצן און גרינג פאַר די אויגן, און דער טאָג אינדרויסן איז טאַקע געווען אַ זוניקער, עס איז היינט פרי אויפגעגאַנגען די זון, נאָר פּראַיקע איז ווידער געזעסן אין זיין פוטעל, אַז עס האָט געשניטן ביים האַרצן, עס האָט געצופּט שטיקער פלייש, און ביי דער גויע האָט גענומען פאַלן פון די הענט, און זי האָט גענומען וואַרטן אויף זעלדען, נאָר געווען איז נאָך פרי, און דער טאָג האָט זיך געבראָכן אין שטיקער, ביז זעלדע איז פאָרט געקומען צום סוף, און אָט איז זי שוין אַרויס פון זיין חדר, זי האָט שוין אָפּגעלערנט, און די גויע האָט זיך מיט אימפּעט אַ וואָרף געטאָן צו איר, האָט זי אָנגעכאַפּט פאַר די הענט, נאָר אַנשטאַט דערציילן איר, אַנשטאָט זאָגן איר עפּעס, האָט די גויע גאָר אויסגעבראָכן אין אַ פאַרשטיקטן געוויין, און זעלדע האָט אַרויסגעריסן די הענט אירע, האָט זיך אַ צעשראָקענע אַרויסגעכאַפּט פון שטוב, און ערשט, ווען זי איז שוין אָפּגעגאַנגען, ווי אין איין אָטעם, ווייט פון שטוב אַוועק, האָט זי זיך אָפּגעשטעלט, האָט זיך אומגעקוקט, און עס איז איר אַזוי אומעטיק געוואָרן, אַז זי האָט אַזש מיט די הענט געוואָלט אַראָפּנעמען די שווערקייט ביי זיך אויפן האַרצן.

זעלדע ווייסט שוין ביי זיך, פון לאַנג שוין, אַז זי וועט שוין קיינמאָל ניט זיין קיין לערערקע, אַז זי וועט גאָר אַפילו ניט גיין צום עקזאַמען אויך, נאָר צו פּראַיקען גייט זי פונדעסטוועגן יעדן אויפדערנאַכט, גייט אַן איינגעשפּאַרטע און אַ שווייגנדיקע, אַז זאָל זיין וואָס עס וועט זיין, און דער טאַטע אירער קוקט אַמאָל מיט זיינע שפּיציקע אויגן, און זאָגט זיך רואיק, גלאַט אָט אַזוי זיך, אַז אַ האַלבער דאָקטאַר איז אַמאָל ערגער פון אַ גאַנצן גאָרנישט, און ביי זעלדען גיסן זיך אָן די אויגן, עס גיסט זיך אָן ביי איר דער גאַנצער פּנים אירער, נאָר ענטפערן ענטפערט זי אים גאָר-ניט, זי שווייגט און גייט ווייטער אַ שווייגנדיקע צו פּראַיקען, און

פראַיקע זיצט ביי זיך אין פוטעל פון אינדערפרי ביז שפּעט אין דער נאַכט אריין, אז ווען מען זאָל אפילו פּלוצלונג א געשריי טאָן ביי זיינע פענצטער — פּאָזשאַר! עס ברענט! וואָלט ער זיך אויך ניט קיין ריר ניט געגעבן, נאָר אָט האָט זיך פּלוצלונג געעפנט ביי אים די טיר, אינמיטן טאָג, און פראַיקע האָט דערזען פאר זיך דינהן, און ער האָט זיך איינגאנצן א כאַפּ געטאָן אויף דער רגע, נאָר איז ווײַ־טער געבליבן זיצן אין פוטעל, און ארום דינהן האָט זיך געוויקלט און געפּלאַטערט א דינע, א טוליענע קלייד אין א סך פאַלדן, עס איז געווען אין דער קלייד דער גאנצער ליכטיקער זומער, און זי אליין, דינה, איז עפּעס ניט געגאנגען, האָט ניט געטראָטן, נאָר האָט גע־שוועבט, און זי האָט אים אריינגעקוקט אין פּנים אריין און האָט הילכיק געלאַכט, אז ער איז א שלעכטער! פארוואָס איז ער ניט געקומען? עס איז שוין דאָך... וואַרט! איין טאָג, צוויי טעג, דריי טעג, פיר טעג — — — אך, ווי לאַנג! נו, איז זי געקומען צו אים, זי האָט געמוזט קומען, איאָ זי האָט געמוזט?

דינה האָט גערעדט, ווי עס קלינגט א גלעקל, און פראַיקע האָט זיך צוגעהערט און האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, אין דעם קלינגען פון א גלעקל קען מען דאָך אריינמורמלען וואס פאר א ניגון מען וויל נאָר, און זיי זיינען דערנאָך ארויס פון שטוב און דינה האָט אָנגענומען זיין האַנט און האָט זיך שטארק אָן אים אָנגעהאַנגען, און פראַיקע איז געגאנגען, האָט געשפּאַנט, ווי ער וואָלט שוין לאַנג ניט געשמעקט די פרישע לופט, וואָלט שוין לאַנג ניט אָנגעקוקט דעם אָפענעם דרויסן, און דינה, אז זי רעדט ניט, אז זי שווייגט, איז זי פּונקט אַזאַ, ווי איטע־לאה איז געווען, נאָר אָט פאַרהאַלט זי זיך א רגע, רוקט זיך אָפּ פון אים אויף א רגע, און פרעגט ביי אים:

— איר האָט זי ליב געהאַט?

— יאָ.

— איר האָט זי נאָך איצט אויך ליב?

פראַיקע ווייסט איר ניט וואָס צו ענטפערן, ער ווייסט אליין ניט, ווי אזוי קען ער איצט ליב האָבן איטע־לאהן, אז זי איז שוין געשטאָרבן, לאַנג שוין געשטאָרבן? נאָר דינה קוקט און וואַרט, און ווען ער זאָגט איר איצט, אז ניין, וואָלט זי זיך צעשריען אויף

אים מיט אָנגעגאָסענע אויגן, אַז עס איז ניט אמת, אַז ער זאָגט איר ליגן, און ער זאָגט איר טאַקע צום סוף דאָס, וואָס זי וויל הערן:
— יאָ.

און בלייבט פאַר איר אַ שולדיקער און אַ נאָכגעביקער, און אַרום דינהן ווערט מיט אַמאָל פּוסט פון זיין יאָ, אַז זי גיט זיך אַזש אַ וואַקל אין דער פּוסטקייט, ביז זי נעמט צוריק אָן זיין האַנט, טולעט זיך צו אים צו און אַראָפּגעפאַלענע ביי זיך, און פּראַיקע מיינט טאַקע איצט, אַז ער האָט ליב איטע־לאַהן, יאָ, ער האָט זי ליב! נאָר דינה שטעלט זיך דאָ ווידער אָפּ, און פּראַיקע מיינט, אַז זי וועט שוין עפּעס ווידער פרעגן, און ער ווערט שוין אין כעס, עס איז אים איבעריק, נאָר דינה שווייגט גאָר, זי קוקט אים נאָר אָן, ווי צום לעצטן מאָל, אַז עס ווילט זיך אַ לאַך טאָן, נאָר ער לאַכט ניט, און ביי דינהן זיינען צענויפגענומען די אויגן, זי איז איינגאַנצן אַ צענויפגענומענע, ווי זי וואָלט זיך געקליבן אָפּרייסן, אַריבערשפּרינגען, און זי פאַרלייגט טאַקע באַלד, אינמיטן דערינען, דיביידע הענט אירע אַרום זיין האַלדז, אַז מען קען מיט די אויגן דערזען איר אויסגעשריי, און ביי פּראַיקען רייסט זיך אַרויס, געטריי ווי צו אַ קינד, — דינה! נאָר זי בייגט אים שטאַרק אָן צו זיך און גיט אים אַ שטאַרקן קוש. —

פּראַיקע בלייבט ווי מיט אָפענע אויגן אַנטקעגן דער זון, און דינה גייט אַליין ווייטער אַוועק פון אים, זי שוועבט און זי איז שוין אויפן באַרג, און פון באַרג אַראָפּ פלאַטערט די קלייד וואָס אויף איר, און פּראַיקע גייט איר ניט נאָך, יאָגט זי ניט אָן, נאָר עס איז גוט וואָס עס איז דאָ אַ דינה, וואָס זי איז פאַראַן, אַז ער גיט זיך אַ לעק דעם צונג, און גוט פינצטער איז שוין געוועזן איבער די גאַסן, ווען פּראַיקע האָט זיך צוריק אומגעקערט אין שטאָט אַריין, און אויף איין גאַס האָט ער זיך פּלוצלונג אָפּגעשטעלט און האָט זיך מיטאַמאָל דערמאָנט, ווידער געטריי ווי צו אַ קינד, אַז אָט אַ דאָ אָ, אין אָט אָ דער אָ שטוב וואוינט דאָך באַשע־ריווע, און אַז ער האָט זי שוין לאַנג ניט געזען, די שוועסטער זיינע, און ער שאַרט זיך שטיל דורך פאַרביי דער שטוב און גייט זיך ווייטער אַוועק, און עס איז אים ווידער גוט, וואָס צו דינהן איז צוגעקומען באַשע־ריווע. — — —

באשע-ריווע האָט זיך, נאָך איר חתונה, ניט אַרויסגעקליבן אויפֿן דאָרף, בן-ציון האָט דאָך זי געדאַרפֿט גליקלעך מאַכן, און וואָס פֿאַר אַ גליקן קענען זיין אין דאָרף, אַוואו עס זיינען גאָרניטאָ קיין מענטשן? און ער איז טאַקע גלייך אַוועק, באַלד נאָך דער חתונה, און האָט אָפּגעדונגען אָט אָ די אָ שטוב מיט דער גרויסער קראָם צום גאַס, און אַ קלייט האָט ער געמאַכט ניט פֿון הערינג מיט זאַלץ, ניט פֿון דזשעגאַכץ מיט גויאישע געשרייען, נאָר אַזאַ קלייט, ווי עס פּאַסט פֿאַר באַשע-ריווען, וואו עס האָט שטענדיק געדאַרפֿט געוועזן זיין שטיל און ריין און פֿיין, ווי אין אַן אַפּטייק, און אַז עס קומט אַראָפּ אַהער אַ פּריץ, עס איז דאָך אַ רייכער געגנט מיט אַסך רייכע פּריצים אַרום, מעג ער פֿרעגן אויף פֿראַנצויזישן מאַר-מאַלאַד און שווייצאַרישן קעז, אויף ריגער שפּראָטן און נעזשינער אוגערקעס, וואָס קומען געזויערט אין אַזוינע געצאַצקעטע סלאָיעק-לאַך, ער מעג פֿרעגן אויף אַלץ, און בן-ציון דערלאַנגט עס אים אַלץ, און איין לייזונג אַזאַ איז גענוג פֿדיון פֿאַר אַ גאַנצן טאָג, אויף צוויי טעג, און בן-ציון רייבט זיך אין דער שטיל די הענט — באַשע-ריווע וועט טאַקע גליקלעך זיין, ער ווייסט וואָס ער טוט!

בן-ציון האָט פֿאַר דער חתונה געדינט ערגעץ ווייט אין כאַר-בין, אין מוקדען, ער איז דאָרט געווען אַ סאָלדאַט און ער האָט אַסך מעשיות צו דערציילן, און איין און דיזועלביקע מעשה קען ער אי-בערדערציילן עטלעכע מאָל, נאָר קומען קומט עס שטענדיק אַרויס ביי אים, ווי גאָר אַ נייע מעשה, דוכט זיך, און פֿאַרנאַכט, ווען עס איז שטיל און פֿאַרחלומט, סיי אינדרויסן און סיי אויף דער נשמה, עס בויגן זיך שטום, אָן אַ ווינט, די אָנגעגאָסענע צווייגן פֿון די רו-איקע בוימער, און עס טוט שטיל באַנק אויף עפּעס, אָן אַ פֿאַרוואָס, קומען אריין צו אים אין קראָם אַ פּאָר שכנים און אפֿילו אַ שכנטע אויך, און בן-ציון זעצט זיך אַנידער אינמיטן און הויבט זיי אָן צו דערציילן אַ מעשה, עפּעס אַזוינס וואָס עס האָט מיט אים אַליין גע-טראָפֿן, און זיי הערן און הערן, נאָר אָט גיט אינמיטן דערינען אַ קלאַפּ די אינוווייניקסטע טיר, וואָס פֿירט צו די חדרים, און בן-ציון גיט זיך אַ כאַפּ, בלייבט ווי אַ דערוואָרגענער אויפֿן מיטן וואָרט, און אויפֿן שוועל שטייט שוין טאַקע באַשע-ריווע, און די שכנים שאַרן זיך אין דער גיך אַרויס פֿון קראָם, ווערן ניט, אַז עס בלייבט

נאָך זיי א פּוסטער אָרט, ווי נאָך א חפץ וואס מען האָט צוגע-גנבעט, און בן-ציון שטייט א פאַרלאָרענער, א צעטומלטער, ער וויל א שמייכל טאָן, וויל זיך פאַרענטפערן, און באַשע-ריווע קוקט נאָר רואיק, מיט בלעכענע אויגן, און דערנאָך, אז זי האָט שוין אָפּגע-קוקט אירס, גייט זי זיך צוריק אַריין אין די אינוויינינקסטע חדרים, פאַרמאַכט נאָך זיך די טיר, און ערשט דאַ, ווען זי איז שוין צוריק ביי זיך, לאָזט זי זיך אַראָפּ אויף א שטול ביים טיש, קוקט אזוי אָ אויפן לאָמפּ, און עס איז שוין ביי איר אן אָפּגעמאַכטע זאך, פון לאנג שוין, אז ווי נאָר זי וועט אריבערקומען דעם קימפּעט, וועט נאָר אָפּהאבן דאָס קינד, וועט זי זיך גטן מיט בן-ציונען.

אין קראָם איז שטיל, קיינער אָטעמט דאָרט דוכט זיך אפילו ניט, אזוי פאַרקלעמט איז דאָרט בן-ציון געבליבן, נאָר באַשע-ריווע הערט זיך אפילו ניט צו, עס אַרט איר ניט, און זי לייגט זיך דער-נאָך אריין אין בעט, מאכט צו די אויגן און שלאָפט גלייך איין, נאָר אינמיטן שלאָף דערזעט זי באלד, ווי בן-ציון איז שוין אויך אריינגעקומען אין אלקער, ווי ער האָט זיך אויסגעטאָן, און שוין אן אויסגעטאָנענער איז ער צוגעגאנגען מיט באָרוועסע טריט, האָט זיך אָנגעבויגן איבער איר און האָט איר א קוש געגעבן אין באַק, האָט דין צוגעלייגט זיין פּנים צו אירן, און באַשע-ריווע עפנט מיט אמאָל די אויגן, קוקט, און בן-ציון כאַפּט זיך ניט אוועק, אנטלויפט ניט, נאָר שטייט א רחמנותדיקער אזא, אָט ווי א קינד וואָס מען האָט איבערגעלאָזט אליין, אז רק דאָס בעט זיך, און באַשע-ריווע ציט אויס אירע ביידע הענט און נעמט אים אריין צו זיך, ווי ער וואָלט אינגאנצן געווען אירער, אן אייגענער, א טייל פון איר לייב.

און פראָיקע איז זיך אויף מאָרגן ווידער געזעסן אין זיין פוטעל און האָט ווידער געלערנט מיט די בחרים און מיידלעך, וואס האָבן זיך געביטן, האבן פארביטן איינע די אנדערע, און דער טאָג האָט זיך ניט געצויגן איבעריק, האָט ניט געדויערט לאנג, נאָר צו פאַר-נאַכט צו, ווען עס איז שוין אוועק דער לעצטער בחור, האָט זיך פראָיקע גלייך אויפגעהויבן פון פוטעל און איז אַרוים פון שטוב, און שפּעטער מיט א ווײַלע, אז זעלדע איז געקומען, איז איר אנט-קעגן געקומען דער לײַדיקער פוטעל, נאָר זי האָט פונדעסטוועגן אנידערגעלייגט די ביכער אויפן טיש און האָט זיך אוועקגעזעצט

אויפֿן שטול וואָס דערבײַ, אויף איר שטענדיקן אָרט אין דעם ליי־דיקן חדר.

און פֿראַיקע איז געקומען אויפֿן באַרג, נאָר אין די פֿענצטער פֿון דער צעשוואומענער, פּריצישער שטוב איז געווען פֿינצטער, און פֿראַיקע האָט אַ פּרואוו געטאָן די טיר, נאָר די טיר איז אויך געווען פֿאַרמאַכט, פֿאַרשלאָסן, אַז ער האָט, אויף דער ערשטער רגע, ניט געקענט פֿאַרשטיין וואָס דאָ איז, נאָר באַלד דערנאָך האָט ער שוין מיט שטאַרקע טריט דורכגעשפּאַנט דעם גאַנצן הויף, איז צוגע־גאַנגען צום שוואַרצן אַרײַנגאַנג און האָט מיט אימפּעט אָן עפֿן געטאָן די טיר וואָס צום קיך, נאָר אין קיך איז געווען שטאָק פֿינצ־טער, אַז מען האָט קיינעם ניט געזען, און ערשט אין אַ מינוט אַרום האָט זיך אָפּגערופֿן צו אים די אַלטע גויע, די באַלעבאָסטע פֿון שטוב:

— ווער איז דאָרט?

און זי האָט אָנגעריבן אַ שוועבעלע, האָט אָנגעצונדן דעם לאָמפּ, און דינה איז דאָך אַוועקגעפֿאָרן, נאָך אין דערפֿרי, אַוועק־געפֿאָרן. —

די אַלטע גויע האָט גערעדט מיט אַ פּוסטן קול, מיט אַ קול אינגאַנצן אָן קלאַנגען, און פֿראַיקע איז געשטאַנען אויפֿן שוועל, האָט זיך ניט גערירט פֿון אָרט, און זײַן אייגענער קול איז איצט אויך געווען פּונקט אַזאַ, ווי ביי דער גויע:

— וואָס הייסט אַוועקפֿאָרן?

און שווער, ווי אַ שטיין צו אַ שטיין, האָט זיך שטיקערווײַז גע־קליבן אין אים דער כּעס זײַנער, ווען ער האָט דערנאָך געשפּאַנט צוריק אין שטאָט אַריין, און איטלעך ווײַלע האָט עס אים פֿון דאָס־ניי אַ זעץ געטאָן איבערן מוח, ווי אַ שניט מיט דער בייטש, אַז אַוועקגעפֿאָרן, געגנומען און אַוועקגעפֿאָרן, אַנטלאָפֿן? און ער האָט זיך אָפּגעשטעלט מיט פֿאַנאַנדערגענומענע הענט, ווי ער וואָלט ניט געוואוסט וואָס איצט וועט זײַן, נאָר דאָ האָט ער זיך דערמאַנט אויפֿן אַלטן דאָקטאָר, וואָס איז שטענדיק געווען לעבן דינהן, און דער דאָקטאָר, אַז ער האָט דערזען ביי זיך פֿראַיקען, האָט ער אים אַפּריער געבעטן זיצן, און דערנאָך האָט ער זיך אַליין אויך אַנידער־

געזעצט, נאָר פראַיקע האָט געשוויגן, געמאַנט און געשוויגן, און דער דאָקטאר האָט זיך מיט זיינעביידע הענט געריבן די קני, אַ דאַלאַניע אויף אַ קני, און האָט אָט אַזוי אַנגעהויבן, שטיל און פארטראַכט און מיט אַ טיפער גוטסקייט אזא, אז דינהן איז זייער גוט געווען די גאַנצע צייט וואָס זי איז דאָ געווען, עס איז איר נאָך אפשר קיינמאָל אַזוי גוט ניט געווען, אין איר גאַנצן לעבן, און אפשר וועט זי נאָך קומען אַהער איבער־אַ־יאָר, אפשר וועט זי נאָך לעבן ביז דעמאָלט, ער האָט זי געזען נאָך היינט, אין דערפרי, ער איז מיט איר געפאָרן צום וואַגזאַל, און זי האָט אים געזאָגט, ווען זי האָט זיך געזעגנט מיט אים:

— גריסט פראַיקען...

דער דאָקטאר האָט דאָ אַזש אַנגערירט פראַיקעס האַנט, און ביי פראַיקען האָבן שטאַרק געציטערט די נאָז־לעכער, און דער דאָקטאָר האָט ווייטער גערעדט, אז עס דאַרף אים ניט פאַרדריסן, ער ווייסט דאָך, אז זי האָט אים ליב געהאַט, און ער האָט זי אויך ליב געהאַט, איז וואָס נאָך? דינהן איז גוט געווען פון דעם די גאַנצע צייט, און אים, פראַיקען, איז אפשר אויך גוט געווען, עס דאַרף אים זיין גוט, נאָר איצט — — — חתונה האָבן קען זי דאָך סיי ווי ניט, זי טאָר ניט!

פראַיקע האָט ניט אַלץ געהערט, וואָס דער דאָקטאר האָט גע־רעדט, און צום סוף האָט ער זיך אינגאַנצן אָפּגעקערט פון אים ווי מען קערט זיך אָפּ פון אַ געקעכטס, וואָס מען האָט אַליין געזען, ווי ניט ריין עס איז געקאָכט געוואָרן, און אויף מאָרגן איז ער שוין ווידער געזעסן אין זיין פוטעל, און פאַר זיינע אויגן האָבן זיך ווי־דער געביטן די בחורים און די מיידלעך, האָבן פאַרביטן איינער דעם אַנדערן, און אין אָוונט איז זעלדע געקומען, אַזוי ווי אַלע מאָל, און זי האָט זיך גלייך אַנידערגעזעצט ביים טיש און האָט גלייך גענומען לערנען, זאָגן פון אַ בוך אַרויס, און פראַיקע האָט זיך אפילו קיין ריר ניט געגעבן, און זעלדע איז אַ געזונטע, אַ שטאַרקע, און אַז זי זיצט אָט אַזוי, אַנגעבויגן, ליגן די גרויסע ברוסטן אירע ווי אויסגעלייגטע אויפן טיש, און פראַיקע קוקט און הערט, ער הערט אפילו וואָס זי לערנט, און פאַר זיינע אויגן מישט זיך אַלץ

אינאײנעם, אין א קנויל, אין א פּלאָנטער, איר קול, אירע רייד, און אירע געזונטע, קלאָרע הענט, וואָס שמעקן אזש, ווי עס שמעקן אָפּגעשיילטע צווייגן, און אָט איז דינה, האָט א פּלאָטער געטאָן ווי א בליץ, ווי א ציטער, און אָט זײנען דעם דאָקטאָרס שווערע רייד, זיינע ווערטער, ווי שטיקלעך בלאָטע, און אָט איז ווידער דינה מיט אירע דינע שפּיץ פינגער, וואָס גיבן א שטאָך און כאַפּן זיך גלייך צו, און אָט איז איטע־לאהס צעפּלאָמטער קאָפּ האָר און אירע או־מעדיקע אויגן, געטרייע ביז צום טויט — עס איז א קנויל, א פּלאָנ־טער, און פּראָיקע קוקט און זעט און הערט און שמעקט, נאָר צו אים אליין האָט עס, דוכט זיך, גאָר קיין שייכות ניט, נאָר אָט איז זעלדע פּלוצלונג אנטשוויגן געוואָרן, זי האָט שוין אָפּגעלערנט, און זי הויבט זיך אויף פון אָרט, נעמט צונויף די ביכער און זאָגט א גוטע נאכט, און פּראָיקע וויל איר ענטפערן אויף איר גוטער נאכט, ער קוקט די גאנצע צייט אויף איר, נאָר ער קען ניט פאנאנדער־נעמען די ליפּן, ער איז פול מיט טרערן.

VII.

און מענדעלע באכמוטסקי איז נאָך אַלץ געזעסן אַן אויסגעפוצטער ביי זיין אויסגעפוצטן טיש, ווי פון זיין שטענדיקער גבירעשאַפט וואלט זיך נאָך אַלץ גאָרניט אָפּגעברעקלט, גאָרניט אָפּגעקומען, נאָר אָט האָט די האנט זיינע וואס האָט געשטעקט אין שופלאָד א שטארקן ציטער געטאָן, און די פינגער פון זיין האנט, פינף באזונדערע פינגער, האבן שטארק גענומען ארומטאַנצן, ארומזוכן אין דעם בלינדן שופלאָד, ביז די גאנצע האנט זיינע איז געבליבן ליגן ווי א געחלשטע, ווי א שטיק האָלץ אָן לעבן, און מענדעלע האָט שוין באלד דערנאָך מיט ביידע הענט אינגאנצן ארויסגעצויגן דעם שופלאָד, האָט אליין געקוקט און האָט אויך געוויזן דעם אידן, וואס איז געשטאַנען לעבן אים מיט א וועקסל אין די הענט, אז זאָל ער זען, עס איז ניטאָ מער, אויס, ליידיק...

אויפן הויף האבן נאָך געוואַרט אסך מענטשן, אידן מיט צעגנויפגענומענע, מיט איינגעהאַלטענע פּאָלעס, און אידענעס מיט קינדער אויף די הענט און קינדער ביי די פארטוכער, און עס איז גלייך געוואָרן א טומל, מען האָט זיך גלייך גענומען שפּארן פון אלע זייטן, נאָר אָרע דער שמש, וואס איז דאָ די גאנצע צייט געשטאַנען ווי א סאָלדאט, ווי א נאטשאַלניק, האָט הויך א געשריי געטאָן איבער אלעמענס קעפּ, און האָט גלייך פארהאַקט די טיר, און ביי דער טיר, אינווייניק אין זאַל, איז געשטאַנען א שטול, און אָרע האָט זיך אנידערגעזעצט אויפן שטול, ניט אָפּרוען חלילה, נאָר ווי ער וואָלט שוין איצט געדארפט היטן זיצנדיקערהייט, און מענדעלע האָט לאנג און זייער אָפּגעהיט און מיט ביידע הענט צוריק אַריינגערוקט דעם ליידיקן שופלאָד, האָט אים פארשלאָסן אפילו, און דערנאָך האָט ער זיך א הויב געטאָן פון אָרט, נאָר ער האָט זיך באלד צוריק אנידערגעזעצט, און איצט האָט ער שוין פּאמעלעך און מיט א מאָדנעם שמייכל אַזאַ געבלעטערט א קליין, שווארץ ביכעלע, וואס אין דער ביכעלע איז געווען אַריינגעשריבן מיט איטע-

לאהס איינגענער האנט, מיט אזוינע קײלעכדיקע, מיידלשע אותיות, אז טריינע די אלמנה האָט ביי איר איינגעלייגט צוויי און ניינציק רובל, און אז הירש-בער דער וואַסער-טרעגער האָט ביי איר איינגע-לייגט הונדערט מיט דריי רובל, נדן פאר זיין טאָכטער, און אז די און די יתומה האָט ביי איר איינגעלייגט זיבן און אכציק רובל און די און די יתומה צוויי און זעכציק רובל...

מענדעלע שעפטשעט אין א שמייכל, וואס א שמייכל אזא קומט אויף די ליפּן, ווען מען כאפּט זיך אויף אינמיטן דער נאכט, ווען מען איז אינגאנצן אליין, אָן איין פרעמדער זאך לעבן זיך, און ער ווייסט שוין, דוכט זיך, פון לאנג שוין, וואס אין ביכעלע שטייט, ווייסט דעם גאנצן סדר, און אז ארום און ארום באטרעפט עס אכט הונדערט מיט צוויי און זעכציק רובל מיט דריי און ניינציק קאָפּי-קעס, נאָר אז דאָס ביכעלע איז גאָר קיין ביכעלע ניט, נאָר עפּעס א לעבעדיקע זאך אזא, וואס איז געבליבן נאָך איטע-לאהן, וואס איטע-לאה האָט אים איבערגעלאָזט אויף אייביק, אז ער זאל אין דעם אריינקוקן, ווען עס וועט אים שווער און ענג ווערן אין זיין לעבן, און די קײלעכדיקע, מיידלשע אותיות האָבן שוין טאקע אויף זיך סמנים פון זיינע ליפּן, סימנים פון זיין אָטעם, און ער גיט זיך דערנאָך א הויב אויף פון אָרט, גיט א שפּאַן אהין און א שפּאַן צוריק און ווידער א שפּאַן, ביז ער שטעלט זיך אָפּ באַם שפּיגל און ווי ער שטייט אזוי אין שפּיגל און זעט זיך אינגאנצן, פון קאָפּ ביז די פיס און אויף דורך און דורך, הויבט זיך פּאַמעלעך און רואיק ביי אים א האנט, זי וויל, די האנט זיינע, ארויסנעמען ביי אים פון קעשענע דאָס קעמעלע און צוקאמען אים די באָרד, צורעכט מאכן די האָר אויפן קאָפּ, נאָר אנשטאט איין האנט, הויבן זיך שוין ביי אים די ביידע הענט זיינע, און זיי זיינען שוין העכער פון דער קע-שענע, אז אָט, באלד, און זיי וועלן אריינכאפּן זיין האלדז, וועלן זיך אריינגראָבן מיט די נעגל, וועלן אים דערווערגן, און ער גיט אפילו ניט קיין ציטער, ער שטייט נאָר א גלייכער, אן אויסגעצויגענער, און אין פול א גרייטער, און אין שפּיגל זעט ער דערביי אלץ, נאָר די הענט זיינע שטעלן זיך באלד אָפּ, אינמיטן דערינען, און ער אָטעמט שטיל אָפּ, ניט קיין דערפרייטער און ניט קיין פארשעמטער, נאָר ווי איינער וואס נעמט אויף זיך אונטערטעניק דאָס, וואס עס איז אים

באשערט, און ערשט מיט א רגע שפּעטער, ווען איין האנט הייבט שוין בײַ אים אײַנגאַנצן אַראָפּ, איז ווי א צוגעקלעפּטע און זייער א פּאַלגיקע, נעמט טאקע די צווייטע האנט זײַנע אַרויס בײַ אים דאָס קעמעלע פון קעשענע, און קאָמט אים צו די באָרד, מאכט צורעכט די האָר אויפן קאָפּ, און ער גיט ערשט איצט א קוק אויף זיך אין שפּיגל, און גייט אַרויס פון שטוב.

ער קוקט זיך ניט אַרום, ער גייט גלײַך און קוקט גלײַך פאַר זיך, און ער זעט ניט און ווייסט ניט, אַז אָרע דער שמש גייט נאָך אים נאָך, טראָט בײַ טראָט, ווי ער וואָלט געציילט זײַנע טריט, און עס איז שוין טיף אין אָוונט, ווען ער קומט אָט אַזוי צו ר׳ שמאַי דעם אולער, און ר׳ שמאַי האַלט אין זײַנע ביידע הענט דאָס קליין, שוואַרץ ביכעלע, און קוקט און זאָגט פון דאָרט אַרויס מיט די ליפּן, פאַר מענדעלען אין די אויגן, אָט ווי עס וואָלט אײַנגאַנצן ניט געווען קיין רעכענונג, קיין חשבון, נאָר א צוואה אזא, איטע-לאָהם צוואה!

און ר׳ שמאַי כאַפּט דערנאָך מיט ביידע הענט, בײַט אויף דער גיך איבער דעם קאַפּטן אויפן שבתדיקן סורדוט, און זיי גייען ביידע אינאיינעם אַרויס פון שטוב, ר׳ שמאַי און מענדעלע, און מענ-דעלע דערזעט ערשט דאָ, אַז אָרע שטייט און וואַרט, אַז ער גייט אים נאָך, און מענדעלע גייט צו אים צו און זאָגט אים, אַז ער זאָל זיך אומקערן, אַז ער זאָל גיין אַהיים, און אָרע שאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ, נאָר גייט ווייטער נאָך, ציילט ווייטער מענדעלס טריט, און

זיי קומען אָט אַזוי צו פראַיקען, און פראַיקע האַלט דאָס קליינע, שוואַרץ ביכעלע, ווי ער וואָלט זיך מורא געהאַט צורירן צו דעם, און ער זשאַלעוועט עס דערנאָך אוועקצוגעבן, זשאַלעוועט און ווייסט ניט וואָס צו טאָן, און זיי גייען דערנאָך אינדרייען אַרויס פון שטוב, און מענדעלע דערזעט דאָ ווידער, אַז אָרע וואַרט, און ער זאָגט אים ווידער, אַז ער זאָל זיך אומקערן, אַז ער זאָל גיין אַהיים, אַז מען דאַרף ניט, און אָרע שאָקלט ווידער מיטן קאָפּ אויף יאָ און גייט ווייטער נאָך, און זיי זײַנען אָט אַזוי געקומען צו ר׳ חיים-מאָטלען, ווײַל פראַיקעס געלט ליגט דאָך בײַ דעם טאַטן בײַ זײַנעם, און ר׳ חיים-מאָטל האָט גלײַך אָפּגעטראָטן פון שטענדער, ווען זיי זײַנען אַרײַן צו אים אין חדר, א פולער מיט וואַרימקייט, ווי מען

דאַרף אויפֿנעמען געסט, נאָר אַז ער האָט דערהערט וואָס דאָ איז, אַז ער דאַרף געבן אַרום טויזנט רובל פֿון פּראַקעס געלט, און פּראַקעס האָט נאָך דאָ אַ שפּאַן געטאָן צו אים, ווי ער וואָלט אויף אַזאַ אופֿן מסכּים געווען צו דעם, האָט ר׳ חיים-מאָטל אַזוי אַ קוק געטאָן אויף פּראַקען, אַז ר׳ שמאי מיט מענדעלען האָבן זיך גלייך אָפּגערוקט פֿון זיי, און ר׳ חיים-מאָטלס ווערטער זיינען ניט געפֿאַלן איבער אַלעמענס קעפּ, נאָר איינציקווייז האָבן זיי זיך אויסגעלייגט, ווי אויף אַ טאַץ, פֿאַר אַלעמענס אויגן, אַז הייסט עס, אויס טאַקע, אויס אוניווערסיטעט, אויף צו דער אמתן, אויף אַלע מאָל? האַ? !

ר׳ חיים-מאָטל האָט פֿאַרהויבן דעם פּנים, נאָר אַרויסרייסן בײַ זיך אַ האָר פֿון באָרד האָט ער איצט ניט געקענט, און די האַנט זיינע, אַן אויסגעבויגענע, אַן אויפֿגעהויבענע און נאָענט אַזוי צו דער באָרד איז געבליבן אָט אַזוי שטעקן פֿאַר אַלעמענס אויגן, אַ בלייכע, אַ ווייסע, אַ האַנט ווי אויסגעשניצט פֿון ריינעם ביין, און פּראַקע איז שוין אויך געשטאַנען מיט אַן אָפֿענעם מויל, ער האָט זיך דאָ אויך פֿאַר עפּעס דערשראָקן, נאָר מענדעלע איז דער ערש-טער צוגעגאַנגען צו ר׳ חיים-מאָטלען, און האָט אים מיט אַזוי פֿיל איינטייל און קלאָרן, שכל דערלאַנגט די האַנט בײַם זאָגן אים די גוטע נאַכט, אַז וועגן עפּעס אַנדערש, וועגן אַן אַנדער ענין האָט דאָ גאָר קיין שום רייד ניט געקענט מער זיין, און זאָגנדיק די גוטע נאַכט גייט ער ניט אַוועק פֿונדאַנען, לאָזט קיינעם ניט איבער אַליין, נאָר ער ווערט אַ שותּף, און ר׳ חיים-מאָטל האָט אָנגענומען מענדעלעס האַנט, האָט זי לאַנג געהאַלטן אין זיינער, און מענדעלע האָט דער-פֿילט בײַ זיך אויפֿן האַנט אַן אָפֿענע טרער.

און מענדעלע איז שוין מער ניט צוגעגאַנגען צו אָרען, און האָט אים מער ניט געהייסן, אַז ער זאָל זיך אומקערן, אַז ער זאָל גיין אַהיים, און אָרע איז זיי ווייטער נאָכגעגאַנגען, און מענדעלע און ר׳ שמאי זיינען ווייטער געגאַנגען איבער די אויסגעצויגענע, בײַ-נאַכטיקע גאַסן, און ר׳ שמאי האָט נאָר איין איינציקן מאָל אַרומ-געמורמלט אין זיין פֿאַרטראַכטער צעטומלטקייט פֿון דעם בײַ וואָס ער איז אַקאָרשט געווען אַן עדות, אַז נו, מילא, בײַ וועמען שטייט אין דער מת? ווער קען זאָגן, אַז ער ווייסט? און זיי זיינען אָט אַזוי געקומען צו לייזער-בערן, גלייך פֿון ר׳ חיים-מאָטלען, און ליי-

זער-בער האָט זיך אזש א כאַפּ געטאָן פון אָרט, האָט זיך אויפגע-שטעלט, ווען ער האָט פּלוצלונג דערזען ביי זיך אזוינע געהויבענע געסט, און מלכה האָט גלייך אָנגעגאָסן דריי גלעזער טיי, איין גלאָז פאר מענדעלען און איין גלאָז פאר ר' שמאי און איין גלאָז פאר לייזער-בערן, נאָר קיינער פון זיי האָט זיך ניט צוגערירט צו די טיי, און נאָר איין מענדעלע האָט זיך א קער געגעבן צו מלכהן און האָט צו איר א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ — א דאנק! ווי ער וואָלט זיך פארנווינגט פאר איר, און מלכה האָט א קוק געטאָן אויף אַלעמען מיט אירע רואיקע, אָפּגעשטעלטע אויגן און האָט זיך געלאָזט ארויס-גיין פון עס-שטוב, און טאקע באלד, ווי נאָר זי איז ארויס, האָט מענדעלע קורץ און שארף געזאָגט צו לייזער-בערן, ווי מיט כעס און ווי לייזער-בער וואָלט אים געווען מחויב, אז ער איז עס געקומען בעטן ביי אים טויזנט רובל.

לייזער-בער האָט, פארשטייט זיך, געוואוסט, אז מענדעלע האָט שוין אָנגעזעצט, און אז די טויזנט רובל, וואס ער וועט אים איצט געבן, וועלן ווערט זיין א גראָשן, וועלן ניט ווערט זיין קיין שמעק טאַבאַק, נאָר ר' שמאי האָט געקוקט א פארגאפטער, ווי לייזער-בער האָט זיך גלייך אויפגעהויבן, ווי ער איז צוגעגאנגען צו דער בראנד-שאפע און ווי ער האָט פון דאָרט ארויסגענומען צען נייע, קנאקע-דיקע הונדערטער, אָן בארימעריי, חלילה, נאָר ווי א גביר פון דור-דורות, ווי א מאַנארך, און ווי אויף א טאץ האָט עס נאָך אונטער-געטראָגן מענדעלען, מיט אזוינע פולע הענט און איינגאנצן א יום-טובדיקער אזא, ווי דערלעבט א נחת, א כבוד, אז עס איז דאָ אינ-גאנצן איבעריק געווען יעדער איינציקער וואָרט, נאָר מענדעלע איז איצט גראדע זייער קאַרג געווען, און איינגאנצן ניט ווי ר' שמאי, און פּאַמעלעך און רואיק און ווי מען דארף ציילן געלט, האָט ער אַפּריער איבערגעציילט די טויזנט רובל, א הונדערטער צו א הונ-דערטער, אז עס האָט מיט אמאָל פארלאָרן פונם ווערט, עס איז גע-בליבן נאָר טויזנט רובל און ניט מער, א האָר ניט מער, און ער האָט זיך געבעטן דערלאנגען פּאַפּיר און טינט און פעדער, און אז מען האָט עס אים דערלאנגט, האָט ער זיך רואיק צוגעזעצט און האָט רואיק אָנגעשריבן א וועקסל, און דערנאָך האָט ער אָפּגעטרייסלט די פעדער, האָט עס אָפּגעהיט אוועקגעלייגט לעבן טינטער, און

פאַריכטענדיק זיך די פּענסנע אויף דער נאָז האָט ער גענומען לייענען דעם וועקסל, הויך אויפֿן קול און וואָרט ביי וואָרט, ווי ער אַליין וואָלט געזוכט, צי עס איז ערגעץ וואו ניטאָ קיין טעות, נאָר קיין טעות איז ניט געווען, און ער האָט דעם ריכטיקן וועקסל אוועקגעלייגט פאַר לייזער-בערן און האָט ערשט איצט גענומען די טויזנט רובל, האָט זיי ערשט איצט אַריינגעלייגט אין קעשענע אַריין, ווי פון אונטער דער האַנט אוועק, נאָר לייזער-בער האָט זיך ניט צוגערירט צום וועקסל, ער האָט אַפּריער ניט געוואוסט, לייזער-בער, וואָס דאָ איז, דאָס שרייבן, דאָס לייענען, אָט אָ דער גאַנצער טאַראַראַם, וואָס מענדעלע האָט אָנגעמאַכט, נאָר באַלד האָט ער פאַרשטאַנען, און ער האָט עס ניט פאַרדינט, ניין, קיינמאָל ניט! און ער האָט שוין איצט געקוקט אויף מענדלען און אין זיינע אויגן און אַרום די ליפּן האָט געציטערט די שיין פון גאַל, ווי דאָס בלאַנקייט פון מעסער, און דאָ האָט ר' שמאַי אַ הוסט געטאָן, האָט זיך אַ בויג-געטאָן, און אָט, און ער וועט עפּעס זאָגן, ער וועט זיך אַריינמישן, נאָר מענדעלע אַליין איז זייער קאַרג געווען, אַז עס האָט אים דאָ נאָך עפּעס געפעלט, עס איז אים נאָך אַלץ וויניק געווען, און מיט רואיקע הענט האָט ער אַרויסגעשלעפּט ביי זיך די בריליאַנטענע שפּילקע פון זיין ענגלישן קראַוואַט, האָט אַראָפּגענומען פון זיך דעם גאָלדענעם זייגער מיט דער לאַנגער און זייער געצאַצקעטער קייטל, און די זאַפּאַנקעס פון די מאַנזשעטן, באַזעצט מיט געקליבענע דימענטן, האָט ער אויך ניט פאַרגעסן, ער האָט דאָס אַלץ אַראָפּגענומען פון זיך און האָט עס אוועקגעלייגט אויפן וועקסל פאַר לייזער-בער, און האָט זיך דערביי פאַרנויגט פאַר אים, אין דעם זעלבן אָטעם — אַ דאַנק!

זיי זיינען געשטאַנען אין אַ סגל, יעדער איינער פאַר זיך אַליין באַזונדער, יעדער איינער אַן אויסגעשניטענער אין דער שטילקייט, און ר' שמאַי האָט פאַר זיך אַליין געפירט מיטן קאָפּ אויף ניין, אַז ניט אַזוי טוט מען, ניט צו זיך און ניט צו יענעם, מען טאָר ניט אַזוי, מענדעלע באַכמוטסקי! און לייזער-בער איז געשטאַנען ביים טיש, ער האָט נאָך געהערט זייערע טריט, ווי זיי גייען אוועק, ביז ער האָט זיך מיט אַמאָל אַ ריס געטאָן, האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם וועקסל און די חפצים, האָט אָנגעכאַפּט אַ פולן הויפן און איז מיט

דעם אריינגעלאָפן צו מלכהן, נאָר מלכה האָט אים באַגעגנט א רו-איקע, און געזאָגט האָט זי אים אויך שטיל און רואיק און צו דער זאַך, אז זי ווייסט, זי האָט געזען, און אז מען וועט דאָס אים דאַרפן צוריק אָפּשיקן, מאָרגן אינדערפרי, אז מען וועט דערלעבן, און ערשט דאָ, לעבן מלכהן, איז לייזער-בער געוואָרן אַן אויפגע-קאָכטער, ווי עס וואָלט אין אים אויפגעריסן, געפּלאַצט, אז ער וועט איר באַלד א שלײדער טאָן אין פּנים אריין דעם גאַנצן הויפן וואָס ער האַלט, אַלץ מיט אַנאַנדער, זי איז דאָך אויך א מיוחסטע, אַזוי ווי מענדעלע, זיי זיינען דאָך אַלע יחסנים! און ער איז צוריק אריין אין עס-שטוב, האָט אריינגעשליידערט אין דער אָפענע שאַפע דעם וועקסל און די חפצים, און האָט זיך אראָפּגעלאָזט אין דעם גרויסן און שווערן שטול, ווי א פּאַטעל, וואָס איז געשטאַנען דאָ דערביי —

ער איז שוין מער ניט געווען אויפגעבראַכט, אויף קיינעם ניט, ער איז נאָר שטאַרק געווען אויסגעמאַטערט, אז כאָטש נעם און מאַך צו די אויגן און לייג אַוועק דעם קאָפּ אויף דער הויכער און ווייכער וואַנטל פון שטול, נאָר דאָ האָט ער דערזען ווי שמואלקע, דער אייגענער זון זיינער, שטייט אָט אַזוי ביים טיש, שטייט און קוקט און שמייכלט, דוכט זיך, ער האָט פון עפּעס הנאה, עס גע-פעלט אים דאָ עפּעס, און לייזער-בער גיט זיך שוין ווידער א ריס, און זאָל ער גיין צו דער מאַמען צו זיינער, ער איז דאָך אויך א יחסן! נאָר שמואלקע איז אַן אַלטער אַזאַ, מיט אַזאַ אַלטן פּנים, און לייזער-בער מיינט, אז ער שרייט טאַקע אויפן זון, עס ווייזט זיך אים אויס אַזוי, נאָר שמואלקע זיצט גאָר ביים טיש און טרינקט זיך א גלאָז טיי, און זיצן זיצט ער ניט אַליין, נאָר מיט דער מאַמען מיט זיינער, זי זיצט אַנטקעגן אים און זיי קוקן זיך, דוכט זיך, איבער, יאָ, זיי קוקן זיך איבער, און לייזער-בער האָט נאָכעט אַזוי דערזען, מיט אראָפּגעלאָזטע הענט, אז ער האָט דאָך קיינעם ניט, ניט קיין זון און ניט קיין ווייב, קיינעם ניט!

און מענדעלע באַכמוטסקי האָט זיך נאָך אַלץ געפירט אַזוי, ווי ער פירט זיך פון תמיד-אָן, ער האָט קיינעם גאָרניט דערציילט, און האָט זיך מיט קיינעם ניט מיישב געווען, נאָר ר׳ שמאי דער אולער איז שוין איצט שטענדיק געווען לעבן אים, און נאָך זיי איז שטענ-דיק נאָכגעגאַנגען אָרע דער שמש, אָרע איז ממש ניט אָפּגעטראָטן

פון מענדעלען, אויף א רגע ניט, אויף א טראָט ניט, און מענדעלע איז שוין אזוי געוואוינט געווען צו דעם, אז ווען ער וואָלט זיך אשטייגער גאָר פלוצלונג אומגעקוקט, סאַי ווען ער זיצט ביי זיך, ביים טיש, סאַי אינדרויסן, אויפן גאַס, און ער וואָלט ניט דערזען לעבן זיך אָרען, וואָלט ער אזש געבליבן א פארלאָרענער און א צע-טומלטער אויף דער רגע, און אָרע איז טאקע ניט אָפּגעטראָטן פון שטוב, אפילו ווען מענדעלע איז געשלאָפן, און טריינע די אלמנה האָט געמיינט, אז עס עקן זיך אירע יאָרן, — זי וועט עס ניט אריי-בערטראָגן!

טריינע איז דאָ געווען די גאנצע באלעבאָסטע די גאנצענע צייט פון זינט איטע-לאה איז געשטאָרבן, זי האָט געשריגן אויף די דינסטן און האָט אכטונג געגעבן אויף די קינדער, זי האָט אכטונג געגעבן אויף אלץ, עס איז דאָך א פּאָמעסטיע א גאנצע, קיין עין-הרע ניט, און זי האָט זיך דאָ געקליבן אירע מצוות, האָט זיך גע-קליבן עולם-הבא, נאָר דאָ איז אָרע געקומען, דער נייער אומגליק האָט אים געבראכט אהער, די טויבע סאָווע, און א בריאה איז ער דאָך, וואס פרעגט ניט, זאָגט ניט, נאָר הייסט, און טריינע זעט מיט אירע אויגן, ווי זי ווערט אָפּגעשטופּט אין א ווינקל, אז אָט, באלד, און מען וועט זי שוין דאָ מער אינגאנצן ניט דאַרפן האָבן, אוים!

אָרע האָט צוויי לאנגע און שווערע הענט, ווי די לאַפּעס ביי א בער, און ער שלעפּט ביי איר שטיקערווייז, נעמט ביי איר צו די גאנצע מלוכה אירע, די וועלט און יענע וועלט, און זי האָט אפריער געשריגן, האָט אים געטריבן פון שטוב ארויס, און דערנאָך האָט זי געשאָלטן מיט טויטע קללות, וואס א שטאָט מיט מענטשן האבן, דוכט זיך, שטענדיק געציטערט פאר דעם, נאָר אָרען האָט עס גע-רירט, ווי עס קען רירן א שטיין, ער איז דאָך סאַי ווי טויב ווי די וואַנט און כאָטש שים אים אין דער וואנט אריין, און ביי זיך אין הארצן האָט דאָך טריינע גוט געוואוסט, אז אָרע איז פּארט ניט אבי-ווער, ווייל אויב אנדערש, טאָ צוליב וואס וואָלט אים מענדעלע גע-דאַרפט האָבן לעבן זיך, מענדעלע אליין? ! און מענדעלע דאַרף אים טאקע האָבן, ער קומט אים גוט צוניץ, און טריינע האָט שוין ניט איין טרער פארגאָסן אויף דעם אין דער שטיל, ניט ווייסנדיק אליין דערביי, אז זי גרויסט זיך גאָר מיט אָרען, אז זי האָט פאר

אים אַפשיי, און אָרע האָט זיך שוין דערווייל צעליינגט איבער דער גאנצער שטוב, איבער אלע חדרים, אז די דינסטן אפילו האָבן שוין מער מורא געהאט פאר אָרען, ווי פאר טריינען, און טריינע האָט מיט שרעק דערזען, אז זי שטייט שוין טאקע ביים שוועל, נאָר אז מען זאָל זי אינגאנצן ארויסשטופּן פון שטוב ארויס, אויף יענער זייט שוועל, דאָס וועט זי שוין ניט לאָזן, זי וועט גיין ביז בלוט וועט זי גיין, און ניט פאר זיך חלילה, נאָר אז זי וואלט איצט געקענט שווערן, אז איטע-לאה אליין האָט איר אָנגעזאָגט פארן טויט, אז זי זאָל אכטונג געבן, אז זי זאָל ניט אָפּטרעטן!

און טריינע איז אנטשוויגן געוואָרן, אינגאנצן, און א שטומע, א פארביסענע טוט זי רק קאַפּויר, ווי אָרע האָט געהייסן, און אָרע האָט געשוויגן און האָט אויך געטאָן פארקערט ווי זי האָט געוואָלט, און אָט אזוי, שטומערהייט צווישן זיך, איז שטענדיק געווען צווישן זיי א רעש, א טומל, אז אָט פליט א טאָפּ אין קאָפּ אריין און טרעפט אין דער בלינדער וואנט, און אָט גיט אָרע א סקריע מיט די ציין, אז עס פליען פונקן און ביי טריינען פאלט אייַן די נשמה, און דער-ווייל ליידעט די באלעבאטישקייט, עס איז ווי א שיף אָן א רודער, עס ליידעט דאָס הויז-געזינד, מענדעלעס הויז-געזינד, איטע-לאהס הויז-געזינד, און ביי טריינען שטייען טרערן אין די אויגן, און מיט טרערן אין די אויגן וויל זי רעדן צו אָרען, וויל אים אויסרעדן, און אָרע וויל אויך רעדן מיט איר, געבן איר צו פארשטיין, נאָר טריינע וואַרפט באלד ארויס פון זיך א קללה, וואס פאלט ווי א שטיקל בליי, א שטיק פארטריקנט בלוט פון הארצן ארויס, און אָרע קערט זיך שוין מיט הארצווייטיק אָפּ פון איר:

— ניט קיין מענטש!

אָרע האָט קיינעם ניט, ניט קיין קינד און ניט קיין רינד, און די נעכט זיינע וואלגערט ער זיך איצט אָפּ אין דעם ענגן און פינצ-טערן קאמערל, וואס איז דאָ ביי דער קיך, און וואס איז פון שטענ-דיק אָן פארוואָרפן מיט אלטע זאכן, צעבראָכענע חפצים, און טריינע גייט שוין איצט אויך ניט אהיים צו זיך אויף די גויאישע געסלאך, ווי זי וואלט מורא געהאט, אז זי זאָל דאָ עפּעס ניט אָנ-ווערן, עס זאָל ניט געמינערט ווערן, נאָר שלאָפן שלאָפט זי אין דעם גראָמען און ריינעם קאמער, אינאיינעם מיט די דינסטן, אויך

דאַ לעבן דער קיך, און שפּעט אין דער נאַכט, אַז זי כאַפּט זיך אויף מיט אַ זיפץ, הערט זי זיך שטאַרק צו, און עס דוכט זיך איר, אַז זי הערט טאַקע, ווי אָרע דאַרט קען ניט שלאָפן אויפן צעבראָכענעם טאַפּטשאַן, ווי ער קרעכצט, ווי ער בורטשעט, עס איז אים שלעכט, און טריינען פאַרקלעמט עס ביים האַרצן, עס איז דאָך אַ צער אויף אים, און אָרע האָט איינמאָל געפונען ביי זיך אויפן געלעגער אַ ווייסע, אָן אויסגעוועלגערטע העמד מיט צוגענייטע קנעפּלעך, איי-דער ער האָט געדאַרפט געווען גיין אין באָד אַריין, און ער האָט גלייך אַ כאַפּ געטאָן די העמד אין זיינעביידע הענט, איז גלייך אַריין אין קיך און איז מיט דעם צוגעגאַנגען צו טריינען, ווי גע-האַלטן אין די הענט אַ לעבעדיקן נפש, און טריינע האָט אַראָפּ-געלאָזן די אויגן און עס האָבן זיך געוויטלט ביי איר די באַקן, און אַז אָרע האָט דערנאָך אָנגעטאָן די העמד אויפן ריינעם, אויס-געפּאַרעטן לייב, האָט ער עס אַ פּאָר מאָל צוגעגלעט מיט די הענט, מיט די פינגער. — — —

ביז אָט אַזוי, שטומערהייט צווישן זיך און אָן פּניות פאַר זיך, איין גאָט אין הימל ווייסט און איז אַן עדות, זיינען זיי שטילער-הייט, ווי געגנבעט, אַוועק צום דין, און האָבן אָפּגעשטעלט אַ חופּה, נאָר באַלד נאָך דער חופּה איז אינגאַנצן אַנדערש געוואָרן, טריינע האָט געזען, אַז אַנדערש און עפּעס ווי ניט דאָס גאָר האָט זי געמיינט, עס איז אַנדערש געוואָרן מיט איר אַליין, און ווי מיט ביידע הענט האָט זי זיך אָנגעכאַפּט אָן איטע-לאַהן, האָט זיך אַרויפ-געוואָרפן אויף איר מיט שרייאיקע טרערן, וואָס האָבן געקילט און געהיילט דאָס אייגן האַרץ, און אָרע האָט איר שטיל און מיט גוטס-קייט געזאָגט, ווי ער וואָלט זי געטרייסט, אַז זי זאָל ניט וויינען, און זי האָט זיך אויף דער גיך אָפּגעווישט די אויגן, האָט טאַקע גלייך אויפגעהערט צו וויינען, און עס איז איר גאָרניט איינגע-פאַלן, אַז זי פאַלגט אים דאָ, אַז זי טוט וואָס ער הייסט.

און אין שטאָט אַריין זיינען שוין דערוויילן אָנגעקומען די גרוי-סע סוחרים פון דער פּרעמד, וואָס מענדעלע האָט זיי געקומט שווערע טויזנטער, און דאָ הי זיינען נאָך אויך געווען באַלעבאַטים וואָס האָבן געהאַט מענדעלעס וועקסלען, און אָרע האָט זיי אַלעמען צו-נויפגעקליבן אין דעם גרויסן און ליכטיקן זאַל, און ר׳ שמאי איז

ניט אָפּגעטראָטן פון מענדעלען, און מענדעלע האָט זיך די גאַנצע צייט געהאַלטן אַ בלייכער, און בלייבע האָבן שטאַרק געציטערט ביי אים די הענט, אַז עס האָט זיך געדוכט ווי עס וואָלט טרוקן געקלאַפּט אַ ביינדל אָן אַ ביינדל, נאָר אָט האָט ער זיך שוין אויפ־געשטעלט, האָט זיך רואיק פאַריכט די פּענסנע אויף דער נאָז מיט אַ בלייכער האַנט, אַ לויטערע האַנט, און דערנאָך האָט ער זיי אַלע־מען אָנגעקוקט און האָט זיי אַלעמען געזאָגט, אַז ער האָט אָנגע־זעצט.

דער עולם אַרום טיש האָט אים אָנגעקוקט ווי משוגע, דאָס ווייסן זיי דאָך שוין אָן אים אויך! נאָר מענדעלע האָט זיי באַלד ווייטער געזאָגט, אַז ער האָט נאָך די שורה קראַמען, אָט יענע גע־מויערטע קראַמען וואָס אויפן מיטן מאַרק, — די קראָמען זיינען געווען איטע־לאַהס, און על־פּי דין און על־פּי יושר דאַרפן זיי איצט איבערגיין צו די קינדער, עס איז זייערס, זייער מאַמע האָט עס פאַרמאָגט, נאָר דערווייל האָט ער נאָך אויף דעם די דעה, און ער וויל ניט, אַז די קינדער זיינע זאָלן אויסוואַקסן אָנזעצערס, זאָלן שוין, פון קינדוויייז אויף ווערן פאַרכאַפּערס, ער וועט עס ניט דער־לאָזן, און ער גיט עס דערפאַר אוועק, די שורה מיט קראָמען, נאָר דערפאַר!

מענדעלע האָט נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן, נאָר מער האָט ער גאָרניט געזאָגט, ווי ער וואָלט זיך שוין באַרעכנט אויף דער רגע, אַז מען דאַרף מער ניט, אַז ער האָט שוין אַזוי אויך צופיל געזאָגט בפרהסיא, און ר׳ שמאי איז געשטאַנען די גאַנצע צייט, ווי אַחוץ זייביידן וואָלט דאָ מער קיינער ניט געווען, און הייזעריק, פאַר־שטיקט האָט ר׳ שמאי נאָר אַרויסגעשריען פון זיך אַ פּאָר מאָל, אַ רוף געטאָן, ווי טיף אין התלהבות — מענדעלע! מענדעלע! נאָר אַרום טיש איז גלייך געוואָרן אַ טומל, אַ רעש, באַלד ווי נאָר מען האָט דערהערט וועגן דער שורה געמויערטע קראַמען, ווי אָפּגעריי־סענע פון אַ קייט האָבן זיי זיך אַלע אַ וואָרף געטאָן אויף דעם, און דער האָט געוואָלט די קראָם און יענער פּונקט די זעלביקע קראָם, און די סוחרים פון דער פרעמד האָבן געוואָלט פאַרקויפן זייער חלק, און די היגע האָבן גראָדע ניט געוואָלט קויפן, עס איז ניט ווערט, זיי זיינען אַזוי אויך בדיל־הדל געוואָרן, און צווישן זיך

אליין האבן די היגע נאָך מער געגוואלדעוועט, מען האָט זיך שוין אויסגערופן וואס אין קאָרט שטייט, און מענדעלע האָט זיך נאָך פריער, באלד פון אָנהויב, אָפּגערוקט פון טיש, האָט זיי איבער-געלאָזט אליין, און ר׳ שמאי איז געבליבן די ערשטע מינוט, ווי מען וואָלט אים דאָ דערלאנגט מיט א פלאָקן איבערן מוח, נאָר באלד האָט ער זיך שוין אָנגעבויגן צו מענדעלען, איינגאנצן א צעדרייטער פון כעס און האָט אים ארייגעשיפּעט אין פּנים אריין, אז איך וואָלט זיי קיין איין גראָשן ניט געגעבן, קיין איין צעבראָכענע פּרוטה ניט! נאָר מענדעלע האָט גאָר גרינג אזוי געשמייכלט, און ווי ער וואָלט אים גאָר אָנגעוויזן, אז נישקשה, מען מעג זיך דאָ פארגינען אביסל הנאה צו האבן, און א רואיקער אָט אזא ווי ער איז איצט, מענדעלע, האָט ער באלד מיט אן אויסגעבויגענעם פינגער צוגערופן צו זיך אָרען און האָט אים הויך געזאָגט, ווארט ביי וואָרט; און אָנווייזנדיק מיטן זעלבן פינגער אויף זיי, וואס האבן ארומגעטאנצט און גע-גוואלדעוועט ארום טיש:

— טרייב זיי ארויס, אלעמען!

דער עולם איז געבליבן מיט אָפענע מיילער, מיט אויסגע-שטעלטע אויגן, און אָרע אליין איז נאָך אויך געשטאנען אויף איין אָרט מיט זיינע גרויסע שטיוול, ער האָט נאָך ניט געוואוסט וואס און ווען, נאָר מענדעלע האָט זיך שוין א ריס געטאָן, ווי עס שניידט זיך דורך א מעסער, און האָט א זעץ געטאָן אין טיש, מיט א האנט ווי פון דראָט:

— טרייב זיי ארויס, האָב איך דאָך געזאָגט, אָרע!

ר׳ שמאי האָט זיך גלייך א וואָרף געטאָן צו אים, האָט אים אונטערגעכאפּט, און מענדעלע האָט זיך געווישט דעם שטערן, דעם פּנים און האָט געמורמלט צעטראָגענע, פארצאָרנטע ווערטער אָן א קול און אָן האפּט, און ר׳ שמאי האָט דערנאָך פּשוט מורא געהאט פאר זיין געזונט, א מענטש איז דאָך ניט פון אייזן, און ער האָט זיך געבעטן ביי אים, אז ער זאל שוין אויפהערן, זאל שוין זיין א סוף, וויפיל איז דער שיעור? נאָר מענדעלע האָט אלץ געוואָלט אָפּ-טאָן אליין, מיט די אייגענע הענט, און אלץ מיט א סדר, ביז צום לעצטן טראָפּן, און ער גיט גרינג א מאך מיט דער האנט, אז ניש-קשה, ר׳ שמאי, מען שטארבט ניט פון דעם! נאָר דאָ פארטראכט

ער זיך שטארק, ביז זיינע בלייכע ליפּן האָבן אינמיטן אָפּ דעם פארפלאָנטערטן קנויל פון זיינע רעיונות:

— און ווען מען וואָלט אפילו יאָ געשטאָרבן איז וואס?

ר׳ שמאי דערפילט פון זיינע רייד אָט אַזוינע אַ קאַלטן, שטע-כיקן שווידער איבערן גאנצן לייב, און קאַלט און שטעכיק זיינען איצט ביי מענדלען די ליפּן, זיין גאנצער אויסזען, און ר׳ שמאי האָט שוין מער ניט גערעדט מיט אים וועגן דעם, ער האָט אים נאָר געהיט טראָט ביי טראָט, און אָרע איז דערנאָך געגאנגען פון שטוב צו שטוב, איז אומגעגאנגען איבער דער גאנצער שטאָט, אז מען זאָל למען-השם קומען צו דער גרויסער אסיפה אין דער גרויסער שול אריין, און א שטאָט מיט מענטשן האָבן עס ניט געקענט באַנעמען און האָבן ניט געוואוסט וואס דאָ איז — האָט שוין איצט מענדלע באכמוטסקי מער גאר ניט אויף זיין קאָפּ ווי נאָר אסיפות? און די גרויסע שול איז שוין געפּאקט געווען מיט מענטשן נאָך איידער מען האָט זיך געשטעלט דאַווענען מנחה, און באלד נאָך מעריב האָט מען אָנגעצונדן דעם גרויסן בליץ-לאָמפּ, וואס הייננט אינמיטן, און די אלע זייטיקע לאָמפּן, און איבער דער גאנצער שול האָט מיט אמאָל אויפגעציטערט א יום-טובדיקייט און איז געבליבן איבער אלעמען, ווי פאנאנדערגענומענע פליגלען, און מענדלע האָט זיך באלד געלאָזט גיין צו דער בימה, און געגאנגען איז ער אָט אַזוי: אָפריער, פאר אים, האָט געשפּאנט אָרע דער שמש, ווי געפירט א קאַ-פּעליע, און נאָך אָרען איז געגאנגען מענדלע אליין, און נאָך מענ-דלען איז נאָכגעגאנגען ר׳ שמאי דער אולער, און זיי זיינען שוין אויף דער בימה, און אָט האָט שוין אָרע א פּאטש געטאָן אין טיש, אז עס זאָל שטיל ווערן, כאָטש עס איז אויך אָן דעם שאַ געווען, און אָט שטייט שוין מענדלע פארן עולם, פירט מיט די אויגן און קוקט אויף אלעמען און אלע קוקן אויף אים, און ער רעדט שוין, דוכט זיך, יאָ, ער מאכט מיט די ליפּן, נאָר קיין ווערטער קומען ניט ארויס, עס הערט זיך גאָר ניט, און ר׳ שמאי קוקט מיט אויגן, ווי ער וואָלט גערופן צו אים אין שרעק, וואָלט אים געמינטערט — מענדלע! מענדלע! נאָר אָט דערהערן זיך שוין ווערטער, וואס קומען טאקע ארויס פון מענדלעס מויל, איינציקע ווערטער, ווי די

טראָפּנס, און שטיל און ווי פון א פּוסטקייט ארוים, אז מען זאָל דאָ היינט אויסקלייבן אן אנדער גבאי.

נאָר די, וואס זיינען געזעסן און געשטאַנען גאָר נאָענט צו דער בימה, האבן געקענט הערן, וואס ער האָט געזאָגט, און מענדעלע האָט שוין מער אויף קיינעם ניט געקוקט, און ווי א בלינדער האָט ער זיך געלאָזט אראָפּגיין פון דער בימה, און אין דער אויסגע־שפּרייטער פּאר אים שטילקייט האָבן זיך נאָר געהערט אָרעם שווערע טריט, וואס זיינען נאָכגעגאַנגען אזוי געמאָסטן, ווי דאָס קלאַפּן פון א וואנט־זייגער, און ר׳ שמאי איז נאָך געזעסן אויף דער בימה, ער האָט, דוכט זיך, געוואוסט, ר׳ שמאי, נאָך פון פריער, וואס עס וועט זיין, נאָר אז עס איז געקומען, איז עס עפּעס געווען אינגאנצן ניט אזוי, ווי ער האָט עס געוואוסט, און ער האָט איצט געהאלטן אין איין איבערחזרן צו זיך די אָנגעזאָפּטע ווערטער וואס מענדעלע האָט ארויסגערעדט מיט אזא פּוסטן קול, און ארום, אין דער גאנ־צער שול, איז נאָך אלץ אזוי שטיל געווען, אָט ווי קיינער וואָלט גאָרניט געאָטעמט אפילו, און ערשט, ווען מענדעלע האָט שוין דער־גרייכט כמעט ביז צו דער טיר, האָבן זיך אלע מיט אמאָל א ריס געטאָן צו אים פון אלע זייטן, אז די שול אליין, דוכט זיך, האָט זיך אויך א בייג געטאָן און איז געבליבן אָנגעבויגן אָט אזוי, און ניין, מען וועט ניט דערלאָזן, בשום אופן ואופן ניט! אז מען דארף ניט קיין אנדער גבאי, מען דארף ניט און מען וויל ניט! און ביי מענדעלען זיינען אראָפּגעשפּרונגען די פּענסנע פון נאָז, זיינען זיך געבליבן באָמבלען אויפן שנירל, און מענדעלע האָט זיי אלעמען אָנגעקוקט אָט אזוי, מיט נאקעטע אויגן, און האָט זיי נאקעט גע־זאָגט, שוין מיט זיין אייגענעם קול, אז אן אָנזעצער דארף ניט זיין קיין גבאי, ער טאָר ניט!

מענדעלע איז דערנאָך גלייך ארוים פון שול, און באלד נאָך אָרעם האָט זיך שטארק פארהאקט די טיר, ווי אָפּגעשניטן, און אין שול האָט זיך אויפגעהויבן א טומל, א רעש, אז מען וועט ניט קלייבן קיין גבאי, מען וועט ניט! כאָטש קיינער האָט נאָך ניט געזאָגט, אז מען זאָל יאָ קלייבן, נאָר וואס מער מען האָט געשריגן, אז ניט, אלץ קלאָרער האָט מען געוואוסט ביי זיך, אז עס איז שוין א פארפאלענע זאך, ווייל אז מענדעלע זאָגט עפּעס, וויל עפּעס, וועט

אים שוין קיינער ניט איבערשפארן, און ר׳ יעקב-וואָלף דער רימער, אַ איד אַ גרויסער גביר און אַ גרויסער אַנזעצער, וואָס שטענדיק איז ביי אים אָדער פאַר אַן אַנזעץ, אָדער נאָך אַן אַנזעץ, ר׳ יעקב וואָלף האָט זיך איצט אין ישוב-הדעות אַ גלעט געטאָן די באָרד, און דערנאָך האָט ער אַ שטאַרקן שפּאַן געטאָן, ווי ער וואָלט זיך שוין געשטעלט פאַרן עולם אָט אַזוי, און אַרום איז שוין טאַקע גע-וואָרן אַ רעדל מיט מענטשן, נאָר טרוקן און קאַלט האָט זיך באַלד אָפּגערופן צו אים ר׳ שמאי דער אולער:

— וואָס זאָגט איר, ר׳ יעקב-וואָלף, האַ? אַן אַנזעצער טאָר ניט זיין קיין גבאי, האַ? זיינט איר מסכים מיט אים?

ר׳ שמאי האָט, דוכט זיך, געהאַלטן אין די הענט אַ קאַלטן מעסער, דעם נאַקעטן יושר, און ר׳ יעקב-וואָלף, תּקיף ווי ער איז ביי זיך שטענדיק, האָט זיך איצט געוואָרגן מיט דעם אייגענעם כעס, און דער עולם אין שול האָט נאָך אַלץ געטומלט, געשריגן, נאָר זאָל שוין אימעצער אַרויפגיין אויף דער בימה, זאָל מען מאַכן אַ טאָלק — אָרע! און דער גאַנצער עולם האָט זיך שוין מיט אימפּעט אַרויפגעוואָרפן אויף דעם, ווי נאָר ער אַליין וואָלט דאָ געווען דער שולדיקער:

— וואו איז אָרע? אָרע!

נאָר ר׳ שמאי איז ניט אַרויף אויף דער בימה, ער איז גע-בליבן שטיין דאָרט, וואו ער איז געשטאַנען, און אַלץ נאָך אַזוי, ווי ער האָט זיך דאָ אָקאָרשט אַנגענומען פאַר מענדעלען, פאַר זיין כבוד וועגן, און שטיל און ווי צו זיך אַליין און מיט אַ קול ווי אנגע-ווייקט אין טרערן האָט ער דערנאָך אַרויסגערעדט ניט קוקנדיק אויפן עולם, אַז אויב מען דאַרף, אויב עס איז אַ גלייכע זאַך, וועט ער אַליין ווערן גבאי, אויף דערווייל, ביז וואָס וועט, ער נעמט עס אויף זיך!

אין שטאָט האָט מען געוואוסט, אַז ר׳ שמאי און מענדעלע זיינען ווי איינס, און מען האָט פרייער אָפּגעטאַטעמט, אַראָפּ אַ זאָרג פון קאָפּ, און ר׳ שמאי איז אויף מאָרגן געזעסן מיט מענדעלען און האָט אים אַלץ דערציילט, און זיי האָבןביידע געשמייכלט און האָבן זיך ביידע אָנגעקוקט, אָט ווי זיי וואָלטן דאָ ביידע אינאיינעם אָפּגעטאָן עפּעס אַזוינס, נאָר אַז אָרע האָט עס דערהערט, האָט ער

מיט אמאָל א שפּאַן נעטאָן צו ר׳ שמאי, מיט די נעגל, דוכט זיך, מיט די ציין, אז ר׳ שמאי האָט זיך א צעשראָקענער צוגעכאַפּט פון אים, נאָר באלד האָט ער זיך אָנגעבויגן און האָט אים אריינגעשריען אין אויער אריין, אז ער איז א שוטה, א פּרא-אָדם, און מענדעלע האָט זיך הויך פאַנאַנדערגעלאַכט.

און מענדעלע האָט דערנאָך ארויסגענומען א גרויסן פּאַפּיר, וואָס האָט שוין געהאַט אויף זיך די חתימה פון דעם נאָטריאוס, און וואָס לויט נאָך דעם פּאַפּיר נאָך איז אויסגעקומען, אז ר׳ שמאי איז איצט דער באַלעבאָס פון דער גאנצער שורה מיט די געמויערטע קראָמען, מענדעלע גיט עס אים אוועק, און ר׳ שמאי האָט אפילו ניט דערהערט ביז צום סוף, ער האָט זיך גלייך א כאַפּ געטאָן און האָט זיך שטארק אָפּגעטרייסלט פון דעם, מיט די הענט אזש, עס האָט דאָ אויף אים אָן אָטעם געטאָן מיט דעם ערדיקן ריח פון ירושה, נאָר מענדעלע האָט אים מיט א שמייכל צוריק אנידערגע-זעצט, ווי מען נעמט איין א קינד, און ער האָט שוין מער ניט גע-לייענט פון פּאַפּיר ארויס, נאָר האָט גערעדט צו אים מיט לעבע-דיקע ווערטער, אז ער זאָל צענויפרופן צו זיך די סוחרים דאָרט, די פרעמדע און די היגע, און זאָל זיי אליין פאַנאַנדערטיילן די קראָמען, אָן זייערע טענות, נאָר לויט נאָך דעם אייגענעם איינזען, ווייל דאָרט וואו עס זיינען ניטאָ קיין פּניות קומט שוין במילא ארויס על-פּי דין און על-פּי יושר.

ר׳ שמאי ווייסט ווער מענדעלע איז, א שאלה, יאָרן שוין אזוי פיל, א לעבן א גאנצן, נאָר מענדעלע איז איצט פאר אים, ווי עפּעס א קוואל אזא, א קוואל, וואָס איז געבענטשט פון דעם אויבערשטן, און ר׳ שמאי רופט אָן א קול, מיט די ליפּן נאָר — מענדעלע! מענדעלע! און מענדעלע האָט דערנאָך ווייטער גערעדט, נאָר שטיל שוין אזוי, ווי א סוד, אז ער פאָרט אוועק פון דאנען, אינגאַנצן, מיט די קינדער, ער פאָרט אוועק, ער קלויבט זיך ארויס... ער וועט זיך אפריער אָפּשטעלן אין קיעוו, און דאָרט — מען רעדט אים דאָרט א שדוך, פון לאנג שוין...

מענדעלע האָט זיך דאָ אָפּגעשטעלט, ער האָט מער גאָר ניט געזאָגט, און ר׳ שמאי האָט אויך געשוויגן, געזעסן און געשוויגן.

און אַט געזעגנט ער זיך שוין, מענדעלע באַכמוטסקי, מיט זיינע מומעס און עלטער-מומעס, מיט זיינע פעטערס און שוועסטער-קינדער, און די מומעס און עלטער-מומעס זיינען אַלע אויסגעזעצט, ווי אויף פּאַקאַז, אַלע מיט שנירלאַך פּערל אויפן האַלדז און מיט צונויפגעלייגטע הענט אויפן האַרצן, און זיי האָבן אַלע געשוויגן, ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט אויסרעדן אַ וואָרט, נאָר אַז מען וועט דאַרפן, קענען זיי אַלע אינאיינעם אויספּלאַצן אין אַ געוויין, און די פעטערס, די מאַנזבילן, האָבן אויך געשוויגן, און נאָר איין פעטער, אַט אָ דער, וואָס מענדעלע איז פון שטענדיק אָן געראָטן אין אים, זיי זיינען זיך גוט געראָטן איינער אין דעם אַנדערן, דער פּאַטער רופט זיך באַלד אָפּ, ווי ער וואָלט געטייטלט צו אים מיט אַ פינגער:

— ביזט אַ גזלן, מענדעלע, האָסט אונז אַלעמען אָפּגעקוילעט אָן אַ מעסער!

— יאָ, איך ווייס.

— איז דיר גוט, אַז דו ווייסט, אָבער וואָס קומט אונז פון דעם אַרויס? זאָג מיר!

ביי מענדעלען זיינען דין און בלייך געוואָרן די ליפּן, נאָר אין כעס איז ער ניט געוואָרן, ער האָט זיך גאָר שטאַרק פאַרטראַכט, און טאַקע, עס קומט זיי טאַקע גאָרניט אַרויס פון דעם, גאָרניט פעטער! און די מומעס האָבן זיך דאָ מיט אַמאָל אַ וויג-געטאָן, ווי זיי וואָלטן זיך שוין געשראָקן פאַר עפּעס, נאָר דער פעטער מיט מענדעלען זיינען זיך געשטאַנען אַזוי איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן, ווי אַחוץ זיי אין צווייען וואָלט גאָר קיינער מער ניט געווען, און מענדעלע האָט אויפגעהויבן אַ האַנט, האָט זיך, קענטיק, געוואָלט פאַריכטן די פּענסנע, נאָר די האַנט האָט זיך באַלד צוריק אַראָפּגעלאָזט, און דער פעטער איז נאָך אַלץ ניט אָפּגעטראָטן פון אים:

— מיינסט, איך וויל דיר שיטן זאַלץ אויף די וואונדן? ניין! נאָר דו מוזט מיר צוגעבן! אַ מענטש דאַרף וויסן וואָס ער טוט!

מענדעלע האָט געשמייכלט מיט געבראָכענע ליפּן, אַזוי שמייכלט אַ מענטש, ווען ווערטער, ווען רייד זיינען אינגאַנצן איבעריק, ניט רעדן אַליין און ניט דער אַנדערער זאָל רעדן, און דער פעטער איז, דוכט זיך, געווען אין כעס, שטאַרק אויפגעבראַכט, נאָר אָט האָט

ער אַרויפֿגעלייגט אויף אים א האַנט, אויף מענדעלען, ווי ער וואָלט אים גאָר אַרומגענומען מיט דער ריינער גוטסקייט פֿון חרטה, און דער פֿעטער אַליין איז אויך א קליינער און א דאַרער, א דראָטענער, נאָר איצט איז ער עפּעס א גרויסער און א ברייטער, א צענומענער, אַזאַ ווי עס דאַרף זיין א פֿעטער, און די מומעס האָבן אַזש שיעור ניט צוגעפּלעשקעט מיט די הענט, און מענדעלע איז דערנאָך גע־קומען אַהיים א פֿאַרנומענער נאָר מיט דעם, צי האָט ער עפּעס ניט פֿאַרגעסן, צי דאַרף ער נאָך עפּעס אָפּטאָן? און די טירן ביי אים אין זיין גרויסן מויער זיינען אַלע געשטאַנען אָפֿן, פֿון איין חדר אין דעם אַנדערן, און פֿון דעם לעצטן חדר אינדרויסן אַרויס, מען האָט דאָרט געפּאַקט די זאַכן, געפּאַקט און געבונדן און געקלאַפּט, און טריינע מיט אָרען זיינען שטאַרק געווען פֿאַרהאַוועט, פֿאַרטאָן, אָרע האָט געשלעפּט גרויסע פּעק, ווי די בערג, און טריינע האָט געהאַלטן אין איין ציטערן, אַז מען זאָל ניט צעברעכן, עס זאָל ניט ווערן א תל, און מענדעלע האָט נאָר א פֿרעג געטאָן אויף די קינ־דער, און האָט שוין ניט געהערט וואָס מען האָט אים געענטפֿערט, גרויס און פֿרעמד און נאַקעט זיינען איצט געשטאַנען די אָנגעוואָר־פֿענע חדרים, און פֿון די איבערגעקערטע שטולן, פֿון די אַראָפּגע־נומענע שפּיגלען האָט מיט א געלעכטער אַרויסגעשריגן די אָפּגע־דעקטע ירידה, אַז מענדעלע האָט זיך פֿאַרקליבן אין א ווינקל, נאָר אָרע האָט באַלד אַראָפּגעלאָזט דעם פּאַק, וואָס ער האָט געשלעפּט אויף זיך, און האָט זיך אַוועקגעשטעלט פֿאַר מענדעלען, ווי ער וואָלט געוואָרט, אַז מענדעלע זאָל אים עפּעס זאָגן, עפּעס הייסן, נאָר מענדעלע האָט אים גאָרניט געזאָגט, און אָרען האָט שטאַרק פֿאַר־קלעמט ביים האַרצן.

און אָט זיינען שוין צוגעפֿאָרן די לאַנגע בינדיוגעס צו מענ־דעלעס מויער, אין הויף אַריין, און אָנגעפּאַקטע, אָנגעלאָדענע האָבן זיי זיך צו פֿאַרנאַכט־צו גענומען רירן פֿון אָרט, שווער און פּאַמע־לעך, און טריינע מיט אָרען זיינען געבליבן אַליין, איינינקע אַליין אין די גרויסע און אויסגעליידיקטע חדרים, אַז טריינע האָט ערשט איצט א וויין געטאָן הויך אויפֿן קול, און אָרע איז געשטאַנען א צעטומלטער, ווי ער וואָלט ערשט איצט דערזען, וואָס דאָ איז געווען, וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן, ביז ער האָט א טראַט געטאָן צו טריי־

נען, און זאָלן זיי גיין צום דין, איצטער, באלד, און טריינע האָט אים אָנגעקוקט, ווי ער וואָלט דאָ, חלילה, פון זינען אראָפּ, נאָר באלד האָט זי זיך אויך אַרומגעזען, אז ער איז נעבעך גערעכט, און ווען זיי זיינען טאקע געקומען צום דין, איז טריינע געבליבן אָן א זייט, האָט געהאלטן אין איין צופּן אויף זיך די פאַטשיילע, וואָס האָט איר צוגעדעקט דעם קאָפּ, און אָרע אליין האָט זיך אוועקגעשטעלט פאַרן דין און האָט געהאלטן אין איין איבערחזרן:

— א גט!

נאָר דער דין האָט גאָרניט געקענט ארויסקריגן ביי אים, ניט וואָס און ניט ווען, ער האָט נאָר געשריגן, ווי מען וואָלט אים גע-וואָרגן — א גט! א גט! ביז טריינע האָט אים א שלעפּ געטאָן פאַר דער פּאָלע, און האָט זיך אליין אוועקגעשטעלט פאַרן דין, און אין טרערן און מיט א טאָלק האָט זי שוין גענומען דערציילן, אז ער איז טאַקע גערעכט, זיי האָבן דאָך געשטעלט די חופּה נאָר צוליב מענדעלען, מען זאָל בעסער קענען אכטונג געבן אויף די קינדער, אויף דער באַלעבאַטישקייט, נאָר אז מענדעלע איז אוועקגעפאָרן, אויף שטענדיק, מיט אַלץ מיטאַנאַנדער, טאָ צוליב וואָס איז איצ-טער? ער איז גערעכט!

טריינע האָט לאַנג גערעדט, און דער דין האָט לאַנג געשוויגן, עפּעס אזוינס האָט ער נאָך קיינמאָל ניט געהערט און ניט געזען — וואָס עס קען זיך אַלץ פּאַרלויפן אויף דער וועלט! ביז ער איז צו-געגאַנגען צו אָרען, מיט א מאָדנעם דרך-ארץ אזא, וואָס ער אליין, דער דין, האָט זיך עס ניט געקענט געבן צו פאַרשטיין, און האָט אים געזאָגט, האָט אים אָנגעזאָגט, אז ניין, מען טאָר זיך ניט גטן, עס איז אן עבירה, עס איז א בפרושער דין! און טריינע האָט אים דאָ ווידער א צי געטאָן ביי דער פּאָלע, און זיי זיינען ארויס אינ-דרויסן, און ביי אָרען האָבן זיך שווער געבאָמבלט די הענט, און שווער האָט זיך געבאָמבלט דער גאַנצער דרויסן, אַלץ מיט אַנאַנדער, און טריינע איז נעענטער צוגעטראָטן צו אים, און ביידע אינאיינעם זיינען זיי דערנאָך געגאַנגען איבער דער שטילער, איינגעשלאָפענער גאַס, ווי אמתע מאַן און ווייב, ווייל מען טאָר זיך ניט גטן, ווייל עס איז בפירוש אן עבירה.

נאָר א פינצטערער, און מיט א שווערן שטיין אין מוח, איז ער דערנאָך אומגעגאנגען, אָרע דער שמש, אז מענטשן האָבן פשוט מורא געהאט פאר אים, ער האָט אָנגעוואָרפן א שרעק, און ר׳ שמאי דער אולער איז גלייך געוואָרן אוים גבאי, באלד נאָך מענדעלעס אוועקפאָרן, און אָרע האָט אזוי א שפּאָן געטאָן צו אים, אין דער רגע, אז ניט נאָר פון זיין אָפענער אויג, נאָר פון זיינע ביידע אויגן, פון דער בלינדער אויך, האבן זיך ארויסגעקייקלט צוויי גרויסע און לויטערע טרערן, און שעהן גאנצע קענען זיי שוין איצט אָפּ-זיצן אינאיינעם אין א ווינקל פון שול נאָכן דאווגען, אָרע דער שמש און ר׳ שמאי דער אולער, און דעם עולם קוקט כלומרשט ניט אין זייער זייט און קוועטשט מיט די פּלייצעס, און אָרע איז נאָך אלץ שמש פון דער גרויסער שול, נאָר אז דער נייער גבאי וויל, אז ער זאָל עפּעס טאָן, מוז ער אפריער אָנקומען צו ר׳ שמאי דעם אולער, ווייל אָרע פאָלגט איצט וואס ר׳ שמאי זאָגט, פונקט ווי ער האָט פריער געפאָלגט מענדעלען, נאָר אים הערט ער און מער קיינעם ניט און אז דעם גבאי איז עס שוין נמאס געוואָרן, און ער האָט זיך איינמאָל צעשריען אויף אים, און שרייענדיק אזוי האָט ער שוין אויך דערמאָנט מענדעלען, מיט כעס און ניט צום גוטן, האָט זיך אָרע א לאָז געטאָן אויף אים מיט א ברום, מיט א רעווען, אז עס האָט אויף אלעמען אָנגעוואָרפן א פחד, און ווען ר׳ שמאי כאפּט אים גלייך ניט אָן פאר די הענט, וואָלט טאקע געקענט ארויסקומען אן אומגליק, אז באהיטן זאָל דער אויבערשטער, נאָר ר׳ שמאי האָט אים גלייך אוועקגעפירט נאָך זיך און האָט זיך מיט אים אנידער-געזעצט אין א ווינקל, שא, שטיל, און אָרע איז געזעסן און געזעסן, ביז ער האָט נאָך אמאָל ארויסגעברומט:

— זאָל ער ניט! איך וועל דערווערגן!

אזוי אָרע אין שול אויף זיין שטייגער, און אזוי האָט אויך טריינע געהיט אויפן מארק אויף איר שטייגער און אין שטאָט האָט מען טאקע ניט גערעדט און ניט געוואוסט וואוהין מענדעלע איז אוועקגעפאָרן, ווי אנטלאָפן, און וואס עס איז דאָרט געוואָרן מיט אים, נאָר אז לייזער-בער איז אויף איבער-א-יאָר געפאָרן צו די טארגעס, האָט ער מיטגענומען מענדעלעס וועקסל און די חפצים, זיין משכון, און מענדעלע האָט געוואוינט אין קיעוו אין א געצאצ-

קעטן מויער אויף א גראָמער גאַס, און לייזער-בער איז איצט גע-שטאַנען אין דעם גרויסן פאָדערשטן חדר, וואָס איז שיין געווען פארפוצט, האָט געקוקט אויף די געמאָלענע ווענט און עס האָט אים שטאַרק הנאה געטאָן פאר מענדעלעס גבירשאַפט, נאָר באלד איז צו אים אַרויסגעקומען ניט מענדעלע, נאָר מענדעלעס ווייב אַפּנים, אַן אויסגעצויגענע, אַ דאַרע, מיט אַ שאַרף פאַרשפּיצטן נאָז און אין אַ גרינער, אַן איינגעשרומפּטער קלייד, ווי גרין און איינגעשרומפּט זי איז אַליין געווען, און זי האָט טרוקן און קאַרג געפרעגט ביי אים, וואָס ער וויל, וואָס ער דאַרף, און ער האָט איר נאָך, דוכט זיך, גאָר-ניט געענטפערט, גאָרניט געזאָגט, נאָר זי האָט אים שוין איבער-געלאָזט אַליין, אַז ער האָט שיר ניט אַ לאַך געטאָן, נאָר באלד האָט ער דערזען, ווי עס גייט צו אים מענדעלע, גייט, קומט צו אַלץ נענ-טער, און לייזער-בער האָט געקוקט און ניט געקענט פאַרשטיין וואָס דו טוט זיך — די באָרד ביי מענדעלען איז געווען צעשויבערט, די האָר אופן קאָפּ צעשויבערט, און געטראָגן האָט ער טאַקע אויף זיך זיין שוואַרצן סורטוק, אַזוי ווי אַלע מאָל, נאָר עס איז עפּעס געווען אויף אים צעקנייטשט, אַלץ, אַלט און אָפּגעריבן, און ער אַליין איז געגאַנגען אַן איינגעבויגענער, מיט די אויגן צו דער ערד, און אַז ער איז צוגעקומען און האָט דערלאַנגט די האַנט, האָט ער מאָדנע אַזוי אַ קוק געטאָן, מיט אַ מאָדנעם שמייכל, און האָט באלד צוריק אַראָפּגעלאָזט די אויגן, און זיי האָבן זיך דערנאָך אַנידערגעזעצט איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן און לייזער-בער האָט נאָך אַלץ גע-קוקט אויף אים, ווי מיט אַן אָפּענעם מויל, און מענדעלע האָט פאַר-הויבן דעם קאָפּ אויף דער אויסגעבעטער ווענטל פון שטול, און האָט פּלוצלונג אָנגעהויבן רעדן, ווי שאַרף אָפּגעשניטן דאָס פריערדיקע, און ווי מיט צוגעמאַכטע אויגן, אַז ער האָט אַ גרויסע פּאַראַווע מיל און אַן אויוון פון קאַלך, וואָס דער אויוון אַליין קען אַריינטראָגן אַלע הוצאות, אָדער ער קען אים פאַרקויפן אַ מויער, טאַקע דאָ אין קיעוו, און אַז ער וויל, קען ער אים איבערגעבן אַ זאַקלאַדנאַיע, וואָס טראָגט אויף זיך גרויסע ציגזן...

מענדעלע האָט גערעדט, ווי געלייענט פון אַ פרעמדן פּאַפּיר אַרויס, און לייזער-בער האָט אים ניט אַזוי געהערט, ווי עס האָט זיך אים רק אויסגעוויזן, אַז דאָ איז עפּעס ניט צו דער זאַך, אינ-

גאנצן, ער רעדט ניט צו דער זאַך, און מענדעלע האָט באַלד אַ זאָג-געטאָן, ווי עס וואָלטן זיך שוין אויסגענומען אַלע רייד, אַז זאָלן זיי זיך מאָרגן באַגעגענען אויף די טאָרגעס, און אַז לייזער-בער איז אויף מאָרגן געקומען אַהין, האָט ער אים טאַקע גלייך דערזען, ווי ער שטייט אין אַ ווינקל אַן אָנגעשפּאַרטער מיט ביידע הענט אויף זיין שטעקן, שטייט אַן אַ ברעקל שייכות צו דעם גאַנצן טומל און געפּילדער, וואָס האָט זיך דאָ ענג געשפּאַרט, און לייזער-בער האָט זיך אָפּגעשטעלט, ווי עס וואָלט אים איינגעפאַלן אויף דער רגע, אַז אפשר זאָל ער ניט צוגיין, נאָר ער איז יאָ צוגעגאַנגען, און זיי זיינען באַלד אַריין אין דעם זייטיקן בופעט, וואו עס איז נאָך שטיל גע-ווען, שטיל און גראָם, מיט אַסך טישלאַך און ווייניק מענטשן, און זיי האָבן זיך אַנידערגעזעצט ביי אַ טישל, און מענדעלע האָט אַראָפּ-גענומען דעם קאַפּעלוש פון קאָפּ, האָט אים אַוועקגעלייגט לעבן זיך און האָט ערשט איצט, ערשט דאָ גענומען שווייגן, ניט ווי אַ פאַר-זונקענער אין טיפע רעיונות, נאָר ווי עס שווייגט אַ קראַנקער מיט אַ שולדיקער מינע אויפן פּנים, אויף די הענט, ביז ער האָט אַ קוק געגעבן אויף לייזער-בערן מיט אַ שמייכל, ווי אַ צעגאַסענער זיפץ איבער אַלע אברים, און דערנאָך האָט ער זיך שוין אָפן מודה געווען פאַר אים, אַז ער האָט ניט קיין מיל און עס איז ניטאָ קיין מויער, עס איז גאָרניט מיט גאָרניט, ער איז נאָר איצט אַ מעקלער פון אַלץ און פאַר אַלעמען, אַ מעקלער וואָס כאַפּט אַמאָל אַ פאַר-דינסטל, אַמאָל ביי זיין אייגענער ווייב און אַמאָל ביי אַ פרעמדן, אַ משרת!

מענדעלע האָט ניט אַראָפּגעלאָזט די אויגן, האָט ניט אַראָפּגע-לאָזט דעם קאָפּ, ער האָט ווייטער געקוקט אויף לייזער-בערן, און לייזער-בער האָט געהאַלטן די האַנט אין קעשענע, און די האַנט זיינע האָט דאָרט אָנגעטאַפּט דעם וועקסל, דעם זייגער און די אַלע אַנדערע חפצים, און מענדעלע האָט מער ניט גערעדט, ער איז אַנט-שווויגן געוואָרן, און געשוויגן און געקוקט האָט ער אַזוי ווי קיינער וואָלט לעבן אים ניט געזעסן, און לייזער-בער האָט מיט אימפּעט אַרויסגעכאַפּט דעם וועקסל מיט די חפצים און האָט עס מיטן גאַנצן הויפן אַוועקגעלייגט פאַר אים, אַז ער אַליין האָט דערביי שווער אָפּגעאָטעמט, און מענדעלע האָט זיך ניט צוגעכאַפּט פון דעם, איז

ניט אויפגעשפּרונגען, נאָר שטיל און רואיק האָט ער געקוקט אויף דעם אַלעמען, לאַנג געקוקט און ער וואָלט עס טאַקע געקענט פאַר-זעצן און באַקומען פאַר דעם א טויזנט רובל, אפשר צוויי טויזנט רובל, נאָר ער האָט דאָך איצט א ווייב, וואָס איז די שטיף-מאַמע צו זיינע קינדער, און זי ווייסט בעסער, זי פאַרשטייט בעסער, והראיה, זי האָט א פאַרמעגן, און איר פאַרמעגן וואַקסט מיט יעדן טאָג, ווי אויף הייוון, ווי זי אַליין זאָגט עס, און ער האָט זיין פאַרמעגן אָנגעוואָרן, איינגאַנצן, ביז צו א גראָשן, אפילו דעם צו-געזאָגטן נדן אירן אויך, א יאָ עס איז א ראיה?

מענדעלע האָט גערעדט אָן כעס, אָן ביטערקייט, און לייזער-בער האָט אים קלוג געהערט, נאָר לייזער-בער האָט דאָך פון שטענ-דיק אָן ניט ליב קיין יחסן, קיין בעל-גאווה און קיין יורד אויך ניט, ווייל סיי דער יחסן און סיי דער יורד זיינען ביידע גלייך קיין מענטשן ניט, און לייזער-בער האָט איצט געוואָלט, אז מענדעלע זאָל שוין מער גאָרניט זאָגן, ער זאָל מער ניט רעדן, און מענדעלע האָט טאַקע באַלד גענומען זיין קאַפּעלוש, האָט זיך אויפגעהויבן, און לייזער-בער האָט זיך אויך אויפגעשטעלט, און מענדעלע האָט אים וואַרעם דערלאַנגט די האַנט און ווי ער וואָלט זיך פאַרנייגט פאַר אים — א דאַנק! דאָס איינציקע וואָס איז אים נאָך איבערגעבליבן פון די אַמאָליקע יאָרן, און פאַר לייזער-בערן האָט טאַקע דאָ א שיין געטאָן, אין דער רגע, דער אַמאָליקער מענדעלע, און מענדעלע האָט זיך געלאָזט אַרויסגיין, ניט אין זאָל אַריין צו די טאָרגעס, נאָר אינ-גאַנצן אַוועק, און לייזער-בער האָט א כאַפּ געטאָן פון טישל דעם איבערגעבליבענעם וועקסל מיט די זאַכן, האָט זיך א יאָג געטאָן נאָך אים, און האָט עס אים גענומען שפּאַרן אין די קעשענעס אַריין, און מענדעלע האָט זיך ניט אַקעגן געשטעלט, ער איז נאָר געשטאַנען ווי עס וואָלט אויף אים גערעגנט, געהאָגלט, און לייזער-בער האָט דערנאָך געבלאָנדזשעט מיט די אויגן, מיט די לידיקע הענט, און מענדעלע איז געשטאַנען אָן אָנגעשפּאַרטער מיט ביידע הענט אויפן שטעקן, אָט ווי עס שטייט זיך א זקן גלאַט אַזוי, און לייזער-בער האָט שפּעטער אַליין געפונען דעם זייטיקן טישל, וואו זיי זיינען פריער געזעסן, און ער האָט ניט געזען און ניט געוואוסט, צי מענ-דעלע שטייט נאָך דאָרט, צי ניט שוין, עס האָט אים מער ניט גע-

ארט, און מיט איין לאנגן זופּ האָט ער אויסגעטרונקען די אָפּגע-שטאַנענע גלאָז ביר און האָט אזש פאַרקרימט מיטן מויל.

ער איז לאנג געזעסן אָט אזוי, אליין, און אז מען האָט אים צוגעטראָגן א גלאָז ביר האָט ער עס גלייך אויסגעטרונקען, געבעטן האָט ער עס ניט, און שפּעטער אָוונט איז שוין געווען, ווען ער איז ארויס פון בופעט, נאָר אינדרויסן האָט פריילעך געשיינט, גלעזערנע, בליציקע שנייעלעך האָבן זיך געדרייט ארום די גרויסע עלעקטרישע לאָמפּן, ווי חיהלעך אזוינע און לייזער-בער האָט אזש געעפנט דעם מויל און געכאַפּט און געשלונגען די שנייעלעך, שאַרפע, שטעכיקע, און די גאַס איז פול געווען מיט מענטשן, און אלע זיינען זיי גע-ווען ווי צו א שמחה, און לייזער-בער האָט שטאַרק הנאה געהאַט, פון אלץ, און אָט דערזעט ער א ליכאַטש, וואָס שטייט און וואַרט, דוכט זיך, אויף אים, נאָר אויף אים, און דאָס פערד, ווי אַן אָדלער, מיט אַן אויסגעבויגענעם האלדז ווי פון שטאָל אין א האלבער לבנה, גיט טאַקע באלד א זעץ מיטן פוס איבער דעם פאַרשנייטן אספאַלט, אז עס צעפליט זיך א הויפן שניי, ווי בליצן, נאָר עס זיינען שטאַרק אָנגעצויגן די לייצעס, און דער קוטשער זיצט אזוי אויף די קאָזלעס, ווי ער וואָלט אונטערגעשטעלט די פּלייצע, אז עס זאָל וואָס מער פאַרשנייט ווערן, און אלץ אינאיינעם, דער שמאָלער שליטן און דער קוטשער און דאָס פערד זיינען ווי פון איין שטיק אויסגעגאָסן, און לייזער-בער גיט שטאַרק א טראָט נענטער, ער וויל זיך שוין אריינ-זעצן אין שליטן, נאָר דאָ קומט צו אים צו א דאַמע, א הויכע, א סטאַטנע און מיט א טיף-אויסגעשניטענעם האלדז, אז עס גיבן א בליץ פאַר די אויגן די סמנים פון אירע פולע ברוסטן, און זי שמייכלט צו אים און נעמט אים אָן פאַר א האנט, ווי זי וואָלט אים געקענט, פון לאנג שוין, און ער ווייסט טאַקע ווער זי איז, עס איז ניט דאָס ערשטע מאָל וואָס ער איז אין א גרויסער שטאָט אליין און ביינאַכט אויף אָט אזא מין אָ גאַס, און זי קוקט צו אים מיט אָפענע אויגן, לאַכט מיט א פולן מויל געזונטע ציין, און די געדיכטע פאָלדן פון זיידנס, וואָס קרייזלען זיך ארום אירע ברוסטן, זיינען שטאַרק פאַרשנייט, און זיי זעצן זיך שויןביידע אריין אין שליטן, אויף דער גיך, און גיבן גלייך א צי-אָוועק, ווי אויסגעשאָ-סענע, און אויף לייזער-בערן איז פאַנאַנדערגעשפּילט דער פוטער,

איז צענומען, און ער אליין איז אויך א צענומענער, און זי, וואס זיצט אזוי נאָענט לעבן אים, אז ער פילט אויף זיין באַק איר וואַרעמען אָטעם, זי לאַכט הויך און שטאַרק, עס שיינט אין פּנים און זי לאַכט, און אָט זיינען זיי שוין געקומען און זיינען אריין אין א פינצטערן הויף, וואס איז ארומגעצאַמט פון אַלע זייטן מיט הויכע מויערן, מיט אויסגעלאָשענע פענצטער און שווארצע טירן, און לייזער-בער גייט איר וויטער נאָך אויף טרעפּ, וואס סקריפּען, ווי שטאַרק מען זאָל ניט איינהאַלטן דעם טראָט, ביז זיי קומען שוין אריין צו איר אין חדר, און לייזער-בער זעצט זיך דאָ גלייך אַנידער, אינם פוטער, און זי גיט זיך א קוק ארום, טוט עפּעס ווי א באַלעבאָסטע דאָ, און הויבט אָן אראָפּנעמען פון זיך די זאַכן, פאַמעלעך און אין דער ליכטיקייט, עס ברענט א לאָמפּ אויפן טיש, און עס אנטפּלעקט זיך פאַר לייזער-בערן א גליד נאָך א גליד פון איר לייב, פולע, אויסגעטאָקטע גלידער. — — —

און לידיק איז שוין געווען אינדרויסן, לאַנגע און אויסגעלידיקטע גאַסן, ווען לייזער-בער איז דערנאָך געגאַנגען פון דאָרט, עס האָט געשמעקט מיט פאַרטאָג, און לייזער-בער איז געגאַנגען און געגאַנגען און האָט זיך קיין איין מאָל ניט אומגעקוקט אויף צוריק, און אויף מאָרגן האָט ער גלייך איינגעפּאַקט זיינע זאַכן און איז גלייך אוועקגעפאָרן אהיים, און שטיל אזוי איז ער אריין אין שטוב ווען ער איז אָנגעקומען, נאָר ערשט דאָ, ביי זיך שוין אין דערהיים, דוכט זיך, האָט זיך מיט אַמאָל א גאַס געטאָן אויף אים די גאַנצע ליכטיקייט פון טאָג, ווי עס וואָלט אים אויסגעטאָן, און ער האָט זיך שטאַרק געהיט ניט א קלאַפּ טאָן, ניט א טראָט טאָן, נאָר מלכה האָט ביי אים גאָרניט געפרעגט, כאָטש געזאַמט האָט ער זיך דעם מאָל זייער ווייניק, קיין גאַנצע צוויי טעג ניט אפילו, און אַלע יאָר זאַמט ער זיך דאָך אויף די טאָרגעס צוויי פולע וואָכן, נאָר אפשר ווייסט זי דאָס אויך ניט? ווייסט ניט ווען ער איז יאָ אין דערהיים, און ווען ניט? און שפּעטער, שפּעט שוין אין דערנאַכט, איז ער נאָך געלעגן מיטן פּנים ארויף און מיט אָפענע אויגן, און אויף דער אנטקעגנדיקער בעט איז זיך מלכה געשלאָפן, און לייזער-בערן ווילט זיך רק צוגיין צו איר, אנידערזעצן זיך ביי איר אויפן בעט, און איר אַלץ דערציילן, וועגן מענדעלען און אַלץ!

ביז ער האָט זיך טאַקע אויפגעהויבן, מיט אַמאָל, און איז טאַקע צוגעגאַנגען, און זי האָט אויף אַ רגע געעפנט די אויגן, און האָט אים אָנגעקוקט — שטיל און רואיק און צו דער זאַך: וואָס איז? און ער מוז איר שוין ענטפערן, אַז גאָרניט, שטיל ענטפערן, ווי עס פּאַלט אַ פאַרבאָרגענע טרער, און ביי מלכהן איז רעכט, אַז עס איז טאַקע גאָרניט, עס איז רעכט ביי איר, און זי מאַכט שוין צוריק צו די אויגן און שלאָפט ווידער איין, אַזוי ווי פריער, און לייזער-בער וויל איר איצט זאָגן, ניט שרייען, נאָר זאָגן, אַז איין פינגער פון יענער דאָרט איז מער פון איר אינגאַנצן, יענע דאָרט איז אַ מענטש, מיט אבֿרים, און זי וואָס? אַ טרוקענער ביין!

נאָר מלכה שלאָפט, זי אָטעמט רואיק, און לייזער-בער גייט אַרויס פון חדר, קומט אַריין אין עס-שטוב, און דאָ זעצט ער זיך אַריין אין דעם ברייטן און ווייכן שטול, וואָס ביים פענצטער, קוקט אַרויס אין דער שוואַרצער נאַכט אַריין, און דערנאָך נעמט ער און לייגט אַוועק דעם קאָפּ אויף דער הויכער ווענטל פון שטול און מאַכט-צו די אויגן, נאָר ווי ער זיצט אָט אַזוי און דרעמלט דוכט זיך, דערזעט ער באַלד, ווי עפּעס דרייט זיך אַרום אים, דרייט זיך אַ פליג אַזאַ, און שיפּעט אים אַריין אין אויער:

— נואף!

לייזער-בער שפּרינגט אויף, רייסט די אויגן, נאָר עס איז קיי-נער ניטאָ, עס איז גאָרניטאָ, און ער זעצט זיך צוריק אַריין אין שטול, נאָר ער לייגט שוין ניט אַוועק דעם קאָפּ, מאַכט שוין ניט צו די אויגן, ער קוקט און הערט זיך שטאַרק צו, און קלאָר אַזוי דערהערט טאַקע באַלד ווידער דאָס שיפּען אין אויער אַריין:

— נואף, באַלאַגאָלקעלע!

און עס ווערט שטיל, ווי געוואַרט, וואָס ער וועט זאָגן, וואָס ער וועט ענטפערן, נאָר ער אַמפּערט זיך שוין מער ניט, לייזער-בער, שפּאַרט זיך ניט, ער ווייסט דאָך ביי זיך, אַז עס איז אַן אמת, וואָס מען קען ניט לייקענען, און פון דעם וואָרט באַלאַגאָלקעלע, וואָס ער האָט עס אויף זיך שוין לאַנג, זייער לאַנג ניט געהערט, איז אים וואָרים געוואָרן אויפן האַרצן, און מיט דער וואַרימקייט האָט ער איצט געוואָלט זאָגן מלכהן, אַז ער האָט צו איר גאָרינט, זי מעג זיך זיין אַ יחסנטע, ווי זי איז, אויב זי האָט פון דעם הנאה, נאָר זי צו

איך זאָל אויך קיין טענות ניט האָבן, ווי געבאָרן אזוי געשטאָרבן —
פארביידן גלייך ! איאָ אזוי ?

און ער בלייבט א גערעכטער, איינגאנצן גערעכט, נאָר זיצן
זיצט ער פונדעסטוועגן פאָרט ווי א געפענטעטער, ווי מיט אן אָנ-
געבונדענעם שטיין אויפן האלדז, און עס איז אים א האָר ניט גרינ-
גער פון דעם וואס ער איז גערעכט.

און ווי א געפענטעטער, ווי מיט אן אָנגעבונדענעם שטיין
אויפן האלדז, איז פראָיקע געזעסן ביי זיך, און געוואוסט וועגן
מענדעלען האָט נאָר איין לייזער-בער, נאָר פראָיקע איז שוין
לאנג ניט געווען ביי לייזער-בערן, ער איז שוין לאנג אין ערגעץ ניט
געווען, און אינדרויסן איז ווארים אָדער קאַלט, עס שיינט אינ-
דרויסן אָדער עס רעגנט, און אויפן גאַס, ביי די פענצטער, רעדן
מענטשן, אָדער עס איז דאָרט אינגאנצן שטיל, ווי אינמיטן דער
נאַכט, און אָט בלייבט נאָר קוקן אויף אים די גויע, ווי זי וואָלט
אים באַוויינט, — פראָיקען איז ניט גוט פון דעם אַלעמען און ניט
שלעכט, עס איז אים אַלץ איינס, או אָט אזוי זיצט ער און הערט,
ווי זעלדע לייענט עפּעס פון א בוך ארויס, זיצט ווי דעם גאַנצן
טאָג, ווי נעכטן, ווי פאַראַכטאָגן, נאָר מיט א ווייכן אויפציטער,
ווי סאַמעט צום נאַקעטן לייב, וויקלט זיך היינט אַרום אים זעלדעס
קול, אז פראָיקע קוקט אויף איר די גאַנצע צייט, און זעלדע איז
שוין איצט אינגאַנצן אזאַ, ווי זי וואָלט נאָך צוגעגלעט מיט א האנט
ביים פאַרוויגן, און פראָיקע מורמלט מיט די ליפּן, טאַקע ווי א
פאַרוויגטער שוין :

— זעלדע . . .

אַפריער איז געווען איטע-לאה, איז אויפגעגאַנגען ווי א רעגן-
בויגן, נאָר ווי א רעגן-בויגן האָט זי זיך באַלד אָפּגעווישט, איז ניט
געוואָרן, און אויס, אויף אייביק, און דערנאָך איז דינה געקומען,
האָט א פלאַטער געטאָן, האָט אָנגערירט ווי א פלאַטער, און וואו
איז זי איצט, דינה ? וואו ? ניטאָ... און דערנאָך איז מענדעלע
אוועקגעפאָרן, און פון וואראַבעיטשיקן איז אויך גאָר ניט גע-
בליבן, אַלע, זיי זיינען אַלע אוועק, אויף אייביק, און נאָר זי אליין,
זעלדע, איז געבליבן, און זי קומט יעדן טאָג, און זי וועט שטענדיק
קומען, שטענדיק, אַלע מאָל. — — —

— זערלע...

פראַיקע גיט זיך דאַ מיטאַמאָל א שטעל-אויף, ער וויל עס איר זאָגן, אַלץ, און זאָל זי זיך פרייען, זאָל זי לאַכן אויפן קול, נאָר זי הויבט זיך אויך אויף פון אָרט, ווי נאָר ער גייט צו איר צו, און שטיין שטייט זי פאַר אים מיט אראָפּגעלאָזטע אויגן, מיט אראָפּגע-לאָזטע אקסלען, אַז פראַיקע גיט זי אזש א נעם אריין אין זיינעביידע הענט, ער וויל זי אויפטרייסלען, אנדערש מאכן, נאָר זי לאָזט נאָך נידעריקער אראָפּ דעם קאָפּ, ווערט נאָך מער אונטערטעניק, און פראַיקען גיט עס טיף א שניט, ווי מיט א בייטש, און ער נעמט זיך שוין צו פון איר, איננאַנצן, און אז ער זעצט זיך דערנאָך צוריק אריין אין זיין פוטעל, גיט דער פוטעל א שטאַרקן סקריפּע אונטער אים, און זעלדע לערנט דערנאָך נאָך אַווײַלע, אַט ווי עס וואָלט גאָרניט געווען, און דערנאָך הויבט זי זיך אויף, נעמט צונויף די ביכער און פאַרהאַלט זיך א רגע ביים טיש:

— א גוטע נאַכט...

פראַיקע קוקט זי אָן, און זי גייט ניט אוועק, זי וואַרט נאָך אויף עפּעס, און פראַיקע קוקט זי ווייטער אָן און זאָגט איר, שרייט ניט, נאָר זאָגט איר, אז זי זאָל מער ניט קומען אהער, ער וויל ניט, אוים!

ביי זעלדען גיבן א ציטער די ליפּן, עס זיינען אויסגעשטעלט ביי איר א פּאָר אויגן אויף פראַיקען, און אין פראַיקען קלייבט זיך שוין פינצטער דער כעס זיינער, און ער קוקט און היט, ווי א וואָלף, ווי א חיה, נאָר ער האָט פאַרט ניט געזען און ניט געהערט, ווי אַזוי זי איז ארוים פון זיין חדר, אָט ווי זי וואָלט זיך גאָר עפּעס אָפּגע-ווישט, אין דער רגע, און אוים, און זעלדע האָט זיך ערשט אָפּגע-שטעלט אויף דער צווייטער גאַס, האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט זיך ארומגעקוקט און האָט ערשט איצט, דוכט זיך, דערזען, אז ער האָט דאָך זי ארויסגעטריבן, — ארויסגעטריבן! און זי לאָזט זיך ווײַ-טער גיין, ווי געלאָפן, און ערשט לעבן דער היים שוין האָט זי זיך ווידער אָפּגעשטעלט, האָט זיך ווידער ארומגעקוקט, און זי קען איצט ניט אריינגיין אין שטוב אריין, און פון אירע אויגן האָבן זיך א שפּאַר געטאָן טרערן.

און צו פראַיקען איז שוין אריינגעקומען די גויע, האָט גע-

מאכט פאר אים די בעט, און פראַיקע ציט זיך גלייך אוים מיט צונויפגעלייגטע הענט אויפן הארצן, און די גויע פארלעשט דעם לאָמפּ און פארמאכט שטיל נאָך זיך די טיר, נאָר דאָס הערט ער שוין ניט, פראַיקע, ער שלאָפט שוין, און אזוי איז אויך געווען אויף מאָרגן, און אזוי איז אויך געווען אויף איבערמאָרגן, און ערשט אין טעג אין טעג ארום האָט ער זיך פלוצלונג א כאפּ געטאָן, ווען אויפן טיש האָט שוין געברענט דער לאָמפּ, אז זי קומט שוין טאקע ניט, זעלדע, ניטאָ מער זעלדען, וואָס הייסט? ! און ער קוקט, אן אויפגעכאפטער, הערט זיך צו און וואַרט — וואַרט, אז עס ציטערן פאר אים די רגעס, עס ציטערט אין אים דער אָטעם זיינער, נאָר זי קומט ניט, זעלדע, ניטאָ, און ער בלייבט שוין אזוי, אז עס וויינען ביי אים, דוכט זיך, די נעגל זיינע אפילו, נאָר אָט קומט שוין אריין צו אים די גויע, אזוי ווי אלע מאָל, און זי וואַרט, די גויע, אז ער זאָל שוין גיין און זאָל זיך שוין לייגן, און פראַיקע הויבט זיך טאקע אויף און גייט, נאָר אינמיטן חדר שטעלט ער זיך אָפּ, בלייבט שטיין, ווי איבערגעכאפּט דעם אָטעם נאָר, דוכט זיך, נאָר פלוצלונג ווערט ער אזא, אינגאנצן, ווי ער וואָלט מיט א פוס א שטויס-אָפּ געטאָן פון זיך די בעט, דעם פוטעל, אלץ מיט אנאנדער, צעוואָרפן, צעשליידערט אלץ פון זיך אוועק, אז די גויע רוקט זיך א צעשראָקענע אָפּ פון אים, און פראַיקע קוקט, אויף אלץ, און קוועלט אזש אָן, ביז ער זעצט זיך אָט אזא אָ אנידער, ניט אין פוטעל אריין, ער קוקט גאָר אהינצו ניט, און ניט אויפן בעט, נאָר אויף דעם הארטן שטול, וואס שטייט ביים טיש.

די גויע שארט זיך א צעשראָקענע ארוים פון חדר, און פראַיקע אָטעמט הויך, ער רעדט, דוכט זיך, עפּעס, זאָגט עפּעס, ער רופט, און די גויע קומט צוריק אריין, און אז זי דערזעט אים, רייסט זיך אזש ארוים פון איר א געשריי, פראַיקע קוקט איצט אוים, ווי געריררט פון זינען, און פראַיקע הויבט זיך אויף און קוקט נאָך אמאָל אויף אלץ, אויף די ווענט אפילו, ווי דורכגעפירט איבער אלץ מיט א נאַקעטן מעסער, און די גויע וויל זיך א יאָג טאָן נאָך אים, וויל אים פארהיטן, נאָר פראַיקע שפּאנט שוין איבער דער גאַס, ווי געשניטן די ערד, ווי געריסן דעם דרויסן, און אז ער קומט אָט אזוי אהיים, גייט ער גלייך אריין צום טאטן, און ר׳ חיים-מאָטל קוקט אים אפריער אָן, און

דערנאָך גייט ער צו צו אים צו און לייגט אויף אים ארויף א האנט:

— וואָס איז, אפרים?

פראַיקע גיט א ציטער, איינגאנצן, צאַפּלט אויף, שוין לאַנג, זייער לאַנג, אז ער האָט ניט געהערט, אז מען זאָל אים זאָגן אפרים, מען רופט דאָך אים פראַיקע, דעם גאנצן לעבן זיינעם, און דאָ האָט דער טאַטע געזאָגט צו אים אפרים, און עס האָט זיך מיט אמאָל א גאָס געטאָן אויף אים א וואַרימקייט אזא פון דעם, אז ער האָט זיך אראָפּגעלאָזט אויף א שטול, און דער טאַטע איז נאָך אלץ ניט אָפּגעטראָטן פון אים, נאָר גראַדע פארקערט, ער האָט זיך נאָר אויך אנידערגעזעצט, אנטקעגן און נאָענט אזוי, אז פראַיקע האָט זיך שוין איינגאנצן א צי געטאָן צו אים און האָט אָנגעהויבן רעדן, ניט מאָנען, ניט טענהן, נאָר דערציילן און באַקלאָגן זיך, און ר׳ חיים-מאָטל האָט אים געהערט און געהערט און האָט איטלאכע ווײלע צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי אריינגעוואָרפן א וואָרט אין די רייד, ווי צוגעגעבן מיט דעם:

— איך וויים, אפרים... איך וויים!

און אליין, מיט די אייגענע הענט, האָט ער דערנאָך געבראכט פאר אים א קישן און א קאָלדרע, דער טאַטע, האָט אליין געמאכט פאר אים דעם געלעגער, און פראַיקע האָט זיך אויסגעצויגן מיט א שמייכל אויפן פנים, ווי עס שלאָפט איין א קינד, וואָס האָט זיך שטארק אָנגעהאָרעוועט פארן טאָג, און ר׳ חיים-מאָטל האָט זיך נידעריק אזוי אָנגעבויגן איבער אים, ווי ער וואָלט אים א טאָפּ גע-טאָן דעם שטערן, און האָט שטיל געמורמלט:

— שלאָף...

און דערנאָך איז ער אריין צו ראָכע-גוטען אין אלקער, צו דער ווייב צו זיינער, האָט זיך ביי איר אנידערגעזעצט אויפן בעט, און ראָכע-גוטע האָט זיך גלייך א כאַפּ געטאָן, אז וואס איז מיט פראַי-קען, וואָס? נאָר ר׳ חיים-מאָטל האָט זיך דאָ אויך נידעריק אזוי אָנגעבויגן איבער איר, ווי ער וואָלט איר אויך א גלעט געטאָן דעם קאָפּ, און האָט איר אויך געזאָגט דאָס איינענע, וואס דעם זון:

— שלאָף...

און זי האָט אים אויך געפאָלגט, פונקט ווי דער זון זיינער, און ר׳ חיים-מאָטל האָט זיך דערנאָך אויסגעצויגן לעבן איר, ווי

אין די זאכן, און געלעגן איז ער די גאנצע צייט, אז ער האָט זיך אפילו קיין ריר ניט געטאָן, ער זאָל זי נאָך, חלילה, ניט אויפוועקן, און דאָרט, אין דעם אַנדערן חדר, איז פּראַיקע געשלאָפן, און ר' חיים-מאָטל האָט זיי ביידן געהיט, די ווייב זיינע און דעם זון זיי-נעם, האָט זיי אָפּגעהיט די גאנצע נאַכט. — — —

שוין לאנג, פון זינט באַשע-ריוועס חתונה אָן, אז פרומע, די אינגסטע טאָכטער זייערע, שלאָפט דאָרט אליין אין באַשע-ריוועס גרויסער בעט, איינע אליין אין א חדר, און פרומע האָט אפריער ניט געוואוסט פארוואס און פאר ווען, און זי האָט זיך געשראָקן פאר דער פינצטערניש, האָט מורא געהאט, און די מאמע האָט איר ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן, וואָס צו זאָגן, און זי האָט טאקע גע-שווינן א פארשעמטע, ראָכע-גוטע, געשטאַנען און געשוויגן, ביז זי האָט גוט אויף איר אָנגעשריגן, אז זי איז שוין א דערוואקסענע מיידל, א מויד, און אז זי טאָר מער ניט שלאָפן מיט דער מאמען, און ר' חיים-מאָטל איז איצט אזוי צו ראָכע-גוטען, צו דער ווייב צו זיינער, פון זינט באַשע-ריוועס חתונה אָן, אז ער קען נעמען אינמיטן העלן טאָג און פּלוצלונג אנידערזעצן זיך לעבן איר, גלאַט אזוי, זיצן און שווייגן, נאָר אבי לעבן איר, אז ביי ראָכע-גוטען פעלט אוים אָטעם און עס רויטלען זיך ביי איר די באקן, ווי ביי א יונגער ווייבל באלד נאָך דער חתונה, און ר' חיים-מאָטל הויבט זיך אַמאָל אויף אינמיטן דער נאכט, זעצט זיך אויף אין בעט, און ראָכע-גוטע הערט און זעט וואָס ער טוט, און ער מאכט זיך אפריער צורעכט די יארמולקע אויפן קאָפּ, און דערנאָך בויגט ער זיך ני-דעריק אזוי אָן איבער איר, אז זי דערפילט ביי זיך אויפן פּנים זיין ווארימען אָטעם, וואס איז ווי די הענטלעך פון אַן עופעלע, און זי הערט דערנאָך, ראָכע-גוטע, ווי ער גיסט דאָרט אָפּ נעגל-וואסער, און ווי ער נעמט א ספר אין די הענט אריין, נאָר ער שטעלט זיך שוין ניט אוועק ביי זיין שטענדער, ר' חיים-מאָטל, און וויגט זיך שוין ניט אַהין און צוריק, ווי דער געצאמטער אומרו פון א זייגער, ער זיצט איצט תמיד ביים לערנען, סיי ביים טאָג און סיי ביי נאַכט.

עס איז נאכט, עס איז האלבע נאכט, עס איז טיף אין דער נאכט, און פאר ר' חיים-מאָטלען ליגט טאקע א ספר, נאָר זיצן זיצט ער, ר' חיים-מאָטל, מיט אָנגעשפּארטע הענט און מיט צוגעמאכטע

אויגן, און וואָס, אשטייגער, האָט ער געוואָלט, וואָס? אין וואָס איז באַשטאַנען זיין עקשנות, די עבודה-זרה, אז אָפּגעהיט זאָל מען ווערן, רבונו-של-עולם! אָט לעבט דאָך, למשל, א שטאָט מיט מענטשן, א שטאָט מיט אידן, און נאָר איינער איז א דאָקטאָר, איי-נער!... נאָר מן-הסתם איז ניט באַשערט געווען, מן-הסתם האָט אַנדערש געוואָלט דער אויבערשטער, און קעגן זיין רצון קען מען זיך ניט שטעלן... בלינד איז דער מענטש, תמיד, און אז דער אוי-בערשטער וויל נאָך אים שטראָפן... נאָר וואס איז איצט פּראַיקע? אויב א מלמד, האָט ער דאָך געקענט זיין א מלמד ווי עס באַדאַרף צו זיין, און ניט א מלמד אויף גויאיש גאָר! נאָר מען דאַרף אָנ-נעמען פאר ליב... און וואס איז געוואָרן פון באַשע-ריוועןְ? ער האָט פאַרקוקט אירע יאָרן, האָט פאַרקוקט איר לעבן... זי קומט טאקע אמאָל מיטן קינד אויף די הענט, און זי רעדט צו דער מאַ-מען, נאָר קוקן קוקט זי צו אים, צום טאַטן, און רעדן רעדט זי אזוי, אז ער זאָל אויך הערן, אז אפשר רעדט זי עס גאָר אינ-גאַנצן נאָר פונזיינעטוועגן, און זי דערציילט פאר דער מאַמען פון אירע גליקן, אלע אירע גליקן, זי באַרימט זיך אפילו, נאָר ער וויל צו איר צוגיין און וויל איר זאָגן, אז די דאַרף זיך ניט פאַרענטפערן, ניט זי איז שולדיק, ניט זי! ער האָט, פאַרשטייט זיך, גאָרניט צו דעם איידעם צו זיינעם, נאָר ווער איז ער, בן-ציון? וואָס פאר א מענטש? א פרעמדער מענטש...

ר' חיים-מאָטל שטעלט זיך דאָ אָפּ און הערט זיך שטאַרק צו, עס דוכט זיך אים, אז ער הערט וואָס פון פרומעס חדר, נאָר ניין, גאָרניט, זי שלאָפט און עס איז אלץ אזוי, ברוך-השם, ווי עס באַ-דאַרף צו זיין, און ר' חיים-מאָטלען איז איצט גוט פון דעם, וואָס ער האָט שוין אוועקגעשיקט דעם לאַנגן בריף צום ראש-ישיבה אין דער ווייטער, ליטווישער שטאָט אריין, אז אפשר דאָרט א יתום, אָדער א בחור מיט אָן אנדער מום, ווייל אויך זי, די טאָכטער זיינע, די כלה, האָט אויך א מום, און אז ער, ר' חיים-מאָטל, זאָגט זיי צו אייביקע קעסט... אייביק? כל-זמן דער אייבערשטער וועט געבן געזונט און יאָרן, און דערנאָך, אז ער אליין וועט שוין מער ניט זיין צווישן די לעבעדיקע, וועט דער זון זיינער אפרים אכטונג געבן אויף די קינדער, מיט דעם אויבערשטנס הילף!

הויך אויפן הימל איז שוין געשטאַנען די זון, האָט שוין אַריינ־געשיינט אין די פענצטער, ווען פראַיקע האָט געעפנט די אויגן, און עס איז איר אַזוי גוט געווען, פון אַלץ, אַז ער האָט זיך אויף גאָר־ניט געחידושט, און זיי זיינען דערנאָך אַלע אינאיינעם געזעסן ביים טיש, דאָס גאַנצע הויזגעזינט ביים אָנבייסן, און פראַיקען האָט נאָר באַנג געטאָן פאַרוואָס באַשע־ריווע איז דאָ איצט ניטאָ, און נאָכן עסן, די מאַמע האָט שוין צוגענומען פון טיש, איז ער נאָך אַלץ געזעסן, האָט נאָך אַלץ הנאה געהאַט און ווי ער וואָלט גאָרניט גע־דאַרפט געווען אַוועקגיין פון דאַנען, קיינמאָל ניט און אינערגעץ ניט, נאָר ר׳ חיים־מאָטל האָט זיך שוין אויפגעהויבן פון טיש, און זיי זיינען באַלד ביידע גלייך אַרויס פון שטוב, ר׳ חיים־מאָטל און זיין זון אפרים, און ווי פאַר אַ האַנט האָט איצט ר׳ חיים־מאָטל געפירט דעם זון זיינעם, פונקט ווי אַמאָל, ביז ער האָט אים צוריק געבראַכט צו זיך און האָט אים ווידער אַריינגעזעצט אין פוטעל, אַזוי ווי דעם ערשטן מאָל, און פראַיקע האָט נאָך לאַנג געהערט און געזען אַרום זיך דעם טאַטן:

— אפרים...

נאָר לאַנג זיינען די אָוונטן, לאַנגע און ליידיקע, און פראַיקע דערמאָנט זיך אַמאָל אויף זעלדען, און ער וויל שוין הערן איר קול, וויל שוין קוקן אויף איר, וויל זי זען אַזאַ ווי זי איז, ביז ער האָט גענומען איינמאָל אין אַ פאַרנאַכט און איז אַוועקגעגאַנגען צו איר אַהיים, און זעלדע האָט אויסגעשטעלט מויל און אויגן, ווען זי האָט אים דערזען, און געווען איז זי אינגאַנצן אַ בלייכע אַזאַ, ווי אָקאָרשט אויפגעשטאַנען פון אַ קרענק, אַז פראַיקע איז צוגעגאַנגען צו איר, האָט זי אָנגענומען פאַר אַ האַנט און האָט איר שטיל גע־זאָגט, אַז זי זאָל אים מוחל זיין, און אין שטאָט האָט מען שוין גערעדט אויף מאָרגן, אַז פראַיקע איז דאָך אַ חתן געוואָרן, און אַז מען איז דערנאָך צוגעגאַנגען צו ר׳ חיים־מאָטלען אין שול און מען האָט אים געזאָגט:

— עס קומט אייך אַ מזל־טוב?

האָט ער שטיל און לויטער געענטפערט:

— מיט מזל זאָלט איר לעבן!

און אין אָנגעטאָנענער אין זיין שבתדיקן סורדוט איז ער דער־

נאָך אוועק אין קאַזנאַטשייסטווע, האָט פון דאָרט ארויסגענומען דאָס גאַנצע געלט, פּראַיקעס גאַנצן לעבן, און גלייך פון קאַזנאַטשייסטווע איז ער געקומען צו פּראַיקען, האָט זיך אנידערגעזעצט אנטקעגן אים און האָט פאר אים אוועקגעלייגט די אויסגעגליכטע, צוגעגלעטע אַסיגנאַציעס, דעם גאַנצן פּעקל, און פּראַיקע האָט זיך גלייך א כאַפּ געטאָן און האָט אזש געכאַפּט פאָכען מיט די הענט, אז ער וויל ניט, ער דאַרף ניט, און ר׳ חיים-מאָטל האָט שטיל צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, א לויטערער אזא אינגאנצן:

— דו דאַרפסט ניט, נאָר איך דאַרף עס, הא? איך דאַרף?

און פּראַיקע האָט זיך ניט ארויסגעקליבן פון זיין חדר, וואָס איז ווי א זאַל, נאָר אחוץ דעם איין חדר האָט מען אויך אָפּגעדונגען דעם אנדערן און די זייטיקע קיך, און אין דעם אנדערן חדר שטייט שוין איצט א בעט און א טיש מיט שטולן און א שמאָלע קאַנאַפּע און א וויגעלע ביים בעט, און אין וויגעלע ליגט א קינד, וואָס דריי-געט שטענדיק מיט די פּיסלעך ארויף, און זעלדע אליין גייט ארום מיט א שפּיציקן בויך און מיט פלעקן אויפן פּנים, אז מען ווייסט ניט, צי איז עס איר נאָך פארבליבן פון קימפּעט אָן, אָדער זי איז שוין נאָך אמאָל פארגאַנגען אין טראָגן, און שבת, יעדן שבת נאָכן עסן, קומט צו זיי ר׳ חיים-מאָטל, און ער זאָגט אפּריער גוט-שבת, און דערנאָך בויגט ער זיך אָן צום קינד אין וויגעלע אריין, גיט זיך א שפּיל מיט דעם, און דערנאָך גייען זייביידע אינאיינעם ארויס פון שטוב, ר׳ חיים-מאָטל און זיין זון אפרים.

זיי גייען ביידע גלייך, ביידע מיט פאַרלייגטע הענט אויף הינטן, און ביידע מיט א גלייכן, מיט אַן אָפּגעשטעלטן טראָט, און זיי גייען זיך דורך אָט אזוי איין גאַס און נאָך א גאַס און נאָך א גאַס, ביז זיי פארדרייען זיך אין די גויאישע געסלעך, קומען דאָרט צו צום גויאישן טייך, און דער טייך איז א בלויער און א שטילער און וועקט גוטסקייט און רחמנות צו זיך, און לינקס פונם טייך הויבט זיך אָן דער וואַלד, עפּעס אַן אָפּגערוקטער, אַן אָפּגעשטופּ-טער, און ווי זיי שטייען אָט אזוי, ר׳ חיים-מאָטל און זיין זון, קוקן זיי אויס פון דערווייטן, ווי פון וואַלד ארויס וואָלטן זיך אָפּגעטיילט צוויי בוימער אָט אזוינע און זיינען דאָ געבליבן שטיין, ביים וואַ-סער, נאָר ר׳ חיים-מאָטל פארהויבט באַלד דעם קאָפּ, קוקט אויפן הימל, און עס איז שוין באַלד צייט צו מנחה, און זיי גייען אָפּ פון טייך, קערן זיך צוריק אום אין שטאָט אריין, און ווידער גייען זיי מיט פאַרלייגטע הענט אויף הינטן, און ווידער מיט דעם זעלביקן טראָט, ר׳ חיים-מאָטל און זיין זון אפרים. — — —